4203

מאַרק טורקאָוו

# אויף יידישע פעלדער



Digitized by the Internet Archive
in 2009 with funding from
National Yiddish Book Center

http://www.archive.org/details/oyfyidishfelder00tu

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 15676

# OYF YIDISH FELDER

## Mark Turkov

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Loving Relatives*
*In memory of Claire and John Kicey.*
*They lived simply, worked honorably, and gave generously.*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Lief D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

180

מארק טורקאָוו

אויף יידישע פעלדער

# פון דעם זעלבן מחבר:

„רוזוועלטס אמעריקע"
(רייזע־איינדריקן פון די פאראייניקטע שטאטן פון צפון־אמעריקע)
„יידישע אוניווערסאל־ביבליאטעק", ווארשע **1937**

עס דרוקט זיך:

„אויף די שליאכן פון יידישע וואנדערונגען"
(א רייזע איבער דרום־אמעריקע)

אין פויליש:

**„Żydzi, Polacy i mechesi", Warszawa, 1930.**
**„Gdańsk na wulkanie", Warszawa, 1932.**
**„Rewolucja amerykańska", Warszawa, 1937.**

עס גרייט זיך צום דרוק:

**„Żydzi na roli"**
**„Na szlaku wędrówek żydowskich"**

## מארק טורקאָוו

# אויף יידישע פעלדער

(א נסיעה איבער די יידישע קאָלאָניעס אין ארגענטינע)

DISCARDED

CHICAGO PUBLIC LIBRARY

וואַרשע 1939

אַלע רעכט געהערן דעם מחבר.
Copyright by Mark Turkow,
Warsaw, 1939.

Yid918.2
T80
cop. 3

CHICAGO PUBLIC LIBRARY
DEPOSIT
COLLECTION

אַלע געצייכענס פון מ. ר י י א

DISCARDED

Printed in Poland

**MARK TURKOW**
**OJF IDISZE FELDER**
**Warszawa, 1939.**

440950
3 27 39

Zakłady Drukarskie B-cia Wójcikiewicz, Warszawa

דאָס דאָזיקע בוך איז מיט גרויס ליבע און יראת־הכבוד געווידמעט יענע האַרטנעקיקע פּאַשנע יידן, די פּיאָנערן פון דער יידישער ערד־אַרבעט אין אַרגענטינע, וואָס זענען זיך מיט צענדליקער יאָרן צוריק צונויפגעקומען פון פאַרשיידענע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, בכדי דורך שווערער אַרבעט, מיט פיל מענטשלעכע קרבנות, פאַרוואַנדלען די ווילדע אַרגענטינער סטעפּעס אין בליענדיקע פעלדער, לייגנדיק אַזוי אַרום דעם יסוד פאַר אַ נייעם יידישן ישוב.

**דער מחבר**

וואַרשע, אָקטאָבער 1938.

# I

# 50 יאָר יידישע קאָלאָניזאַציע

### .1

איבער די ווייטע, ריזיקע שטחים פון דער ארגענטינער רעפּובליק, פון דעם סוב־טראָפּישן צפון, דורך דער ווינטיקער און זאַנדיקער פּאַמפּאַ, ביז צום קאַלטן דרום, און פון די ברעגעס פון אַטלאַנטיק ביז צו דער לאַנגער קייט פון די קאָרדיליערן־בערג, וואָס שטעלט די נאַטירלעכע גרענעץ צווישן ארגענטינע און טשילי — געפינט זיך צעזייט און צעשפּרייט דער גרעסטער יידישער ישוב אין דרום־אַמעריקע.

נישטאָ, דוכט זיך, קיין איין שטאָט, אָדער שטעטל, קיין איין דאָרף אפילו, וווּ מען זאָל נישט באַגעגענען גרעסערע אָדער קלענערע גרופּן פון יידישע איינוווינער, וווּ מען זאָל זיך נישט קענען פאַרשטענדיקן אין דער יידישער שפּראַך.

דער ארגענטינער ישוב איז נאָך אַזוי יונג און פריש, אַז אין געוויסע ערטער טרעפט איר נאָך נישט קיין איין יידישע אָרגאַניזאַציע, קיין איין יידישן קולטור־פאַריין. אפילו קיין בית־עולם איז נאָך נישטאָ, און די פאַרשטאָרבענע פירט מען אין אַ גרעסערן צענטער, וווּ די צאָל יידישע איינוווינער איז שוין אַ באַדייטנד גרעסערע, אַ מער איינגעפונדעוועטע און עס איז שוין פאַראַן אַ חברה־קדישא מיט אַן אייגענעם בית־עולם.

די יידן אין ארגענטינע, כאָטש די צאָל זייערע איז נאָך דאַן געווען אַ קליינע (די צאָל איז נאָך, אגב, היינט אויך נישט קיין גרויסע), זענען די שעפער פון לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס, וואָס זענען געווען דער אָנהויב פון דער מאָדערנער ארגענטינער אַגריקולטור, די רייכקייט און דער אוצר פון ארגענטינער לאַנד.

מיט שווייס פון יידישער אַרבעט, מיט קרבנות פון יידישן לעבן, איז באַאַרבעט און באַפרוכפּערט געוואָרן די אויסגעטריקנטע, אויסגעהונגערטע, פּרימיטיוו־ווילדע ארגענטינער ערד.

די יידן, וואָס ווערן אין אייראָפּע פאַרשריגן און באַיזפּינן אַלס הענדלער, האָבן געהערט צו די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעהויבן אין ארגענטינע אַ מאַסן־קאָלאָניזאַציע.

פון פּאָדאָליע און וואָלין, פון גאַליציע, ליטע און בעסאַראַביע זענען אַהערגעקומען די יידישע קאָלאָניסטן, בכדי צוזאַמען מיט די קאָלאָניסטן פון אַנדערע פעלקער דאָ בויען אַ נייַ און פריי לעבן.

ארום די ערשטע קאָלאָניעס האָבן אָנגעהויבן אַנטשטייַן שטעטלעך, און מיטן וווּקס פון די קאָלאָניעס האָבן די קליינע שטעטלעך אָנגעהויבן פאַרוואַנדלט צו ווערן אין גרויסע שטעט.

עס לעבן נאָך די יידישע פּיאָנערן, די ערשטע בויער פון אַ ארגענטינער גרויסקייט. פיל פון זיי זענען שוין אַלטע, גאָר אַלטע מענטשן: זקנים פון העכער 80 יאָר. זיי זענען נאָך אָבער געזונט, קרעפטיק, מונטער, און באַאַרבעטן ווייטער די ערד.

אין אַ יידישער קאָלאָניע אין דער פּאַמפּאַ האָב איך בייגעוווינט אַ „סכסוך" צווישן צוויי אַלטע יידישע קאָלאָניסטן.

די צוויי אַלטע קאָלאָניסטן האָבן מיר געוויזן זייער אַרבעט אין פעלד, און דערבייַ זיך באַרימט, אַז זיי אַרבעטן עד־היום אַליין, פונקט ווי מיט 20 אָדער 30 יאָר צוריק, אָן שום „פּעאָנעס" (געדונגענע אַרבעטער), און פילן נישט דערבייַ קיין מידקייט.

האָט די באַרימערייַ פון איינעם פאַרדראָסן דעם אַנדערן

— וואָס באַרימסטו זיך אַזוי? דיר העלפן דאָך דיינע קינדער און אויף קיין פערד קענסטו אויך נישט רייַטן, דו פאָרסט דאָך אויף אַ „סולקע" (אַ דאָרפישער וואָגן אויף צוויי הויכע רעדער). איך בין שוין עלטער פון דיר, און איך רייַט נאָך אויף אַ ווילד פערד!...

איז אַנטשטאַנען אַ מחלוקת, ווער פון זיי ביידע איז עלטער. אין וועלכן יאָר האָט יעדער פון זיי געדינט אין מיליטער, צי איז דאָס שוין געווען בייַ צאַר אַלעקסאַנדער דעם דריטן, אָדער נאָך בייַ אַלעקסאַנדער דעם צווייטן.

וואָס־זשע האָט זיך אַרויסגעוויזן? איינער פון זיי איז אַלט 83 יאָר און דער אַנדערער — 84 יאָר. ביידע — געזונטע, פריילעכע האָרע־וואַשניקעס פון דער ווינטיקער און זאַמדיקער פּאַמפּאַ.

אַט די דאָזיקע יידן, וועמענס זכּרון איז נאָך אַ פולשטענדיק פרישער, דערציילן עס טאָקע, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען די דאָזיקע ערד, ווו היינט „שיסן" (פליען אויף) ווייץ, קאָרן, גערשטן, אַלפאַל־פאַ, קוקורוזע, און ווו עס געפינען זיך היינט רייכע שטעט, וועלכע זענען די האַנדלס־ און קולטור־צענטערן פון דעם אַפּט איינזאַמען קאָלאָניסטישן לעבן.

דורות זענען שוין אויסגעוואַקסן אויף דער דאָזיקער ערד.

איר באַגעגנט דאָ, ביים אַקערן דעם באָדן, ביים פּאַשען שאָף, ביים בויען און ביים אַרבעטן, — נישט בלויז צוויי דורות פון יידי־שע קאָלאָניסטן, נאָר אויך אַ דריטן.

און מען באַאַרבעט די ערד מיט אַזאַ ליבע, ווי די דאָזיקע קאָ־לאָניסטן וואָלטן זיך נישט געפונען ביי ערד־אַרבעט ערשט זינט עטלעכע צענטליק יאָר, נאָר גלייך ווי די דאָזיקע ערד וואָלט שוין געהערט צו זיי זינט דורות, לכל הפּחות זינט יענע צייטן, ווען די שפּאַנישע קאָנקיסטאַדאָרן האָבן דעראָבערט די ערד... אַזוי שטאַרק און אַזוי טיף איז די ערד־אַרבעט איינגעבאַקן אין די הערצער פון דעם גרעסטן טייל יידישע קאָלאָניסטן.

נישט בלויז אין דאָרף, נור אויך אין די שטעט איז שוין אויסגעוואַקסן אַ נייער יידישער דור, וואָס שטאַמט פון דער אַזוי־גערופענער שטאָטישער עמיגראַציע, וועלכע האָט פאַר אַרגענטינע אויך גאָר גרויסע פאַרדינסטן, העלפנדיק בויען די שטאָטישע קול־טור, דעם האַנדל און די אינדוסטריע.

אָבער די קאָלאָניסטן, וואָס האָבן אַליין זייער ערד באַאַרבעט, ווערן באַטראַכט ווי די אַריסטאָקראַטן פון דעם אַרגענטינער ישוב.

דאָס איז די יידישע אַריסטאָקראַטיע פון אַרגענטינע, די אַריס־טאָקראַטיע פון דער ערד. זיי זענען דער שטאָלץ פון גאַנצן דרום־אַמעריקאַנער יידנטום.

די יידישע קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע האָבן גרויסע וווּנדער באַוויזן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אַרגענטינער אַגריקולטור. זיי האָבן באַוויזן, צו וואָס פאַר אַ מדרגה אַ לאַנד קאָן דערגיין, ווען מען גיט די בירגער פרייהייט צו לעבן און אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זיך.

אַ סך פון די קאָלאָניסטן, באַטש זיי געפינען זיך שוין צענדליקער יאָרן אויפן באָדן, זענען ביזן היינטיקן טאָג געבליבן אָרימע לאַנדווירטן, וואָס קאָנען אַפּטמאָל קוים דעקן די הצטרכות פון זייער טאָג־טעגלעכן לעבן, אָבער דאָס לאַנד אַרגענטינע איז אין משך פון דער דאָזיקער צייט געוואַלדיק געשטיגן און איז היינט איינס פון די גרעסטע און רייכסטע אַגראַר־לענדער אין דער וועלט.

דאָס איז אַלץ צו פאַרדאַנקען דער קאָלאָניזאַציע פון די לעצטע 50 יאָר, אין וועלכער די יידן האָבן אַ גרויסן חלק.

האָבן טאַקע די אַרגענטינער יידן אַ רעכט זיך צו יחוס, מיט זייערע אויפטוען אויפן געביט פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע.

מיט אַ נישט באַהאַלטענעם שטאָלץ יחוסט מען זיך טאַקע דאַ דערמיט, וואָס מען איז קאָלאָניסטן, אַפּילו דער טייל פון דער יוגנט, וואָס האָט זיך שוין באַזעצט אין שטאָט און איז אַריבער צו פרייע פּראָפעסיעס, שטרייכט אונטער ביי יעדער געלעגנהייט די קאָלאָניסטישע אָפּשטאַמונג. ווייל דאָס בעסטע און דאָס שענסטע וואָס אַרגענטינע פאַרמאָגט פון די צייטן פון דער ערשטער יידישער עמיגראַציע, זענען טאַקע די מענטשן פון די יידישע קאָלאָניעס.

פּונקט ווי די אַלטע אמתע „קריאָזשעס" יחוסן זיך מיט זייער אָפּשטאַם פון די דעראָבערער, פון די, וואָס האָבן געקעמפט פאַר אַרגענטינעס אומאָפּהענגיקייט, אַזוי יחוסן זיך די קאָלאָניסטישע קינדער מיט זייער אָפּשטאַם פון יידישע ערד־אַרבעטער.

.2

דער אַרגענטינער ישוב גרייט זיך צו פייערן אין קומענדיקן יאָר דעם 50־יעריקן יובל פון זיין אַנטשטייאונג.

אויפן פראָטעסטאַנטישן בית־עולם אין בוענאָס־איירעס זענען עד־היום פאַראַן יידישע קברים, וואָס זאָגן עדות, אַז יידן געפינען זיך אין ארגענטינע שוין פיל מער ווי 50 יאָר — דאַן, ווען אין בוענאָס־איירעס איז נאָך אפילו קיין יידישער בית־עולם נישט געווען און מען האָט די יידן מקבר געווען צווישן קריסטן.

אָבער דער ארגענטינער יידישער ישוב הויבט־אָן זיין געשיכטע פון דעם טאָג אָן, ווען אין יאָר 1889 איז אין דעם האַפן אין בוענאָס איירעס אָנגעקומען די ערשטע שיף מיט אַ גרופע יידישע קאָלאָניסטן, וועלכע איז אַוועק קיין פּאַלאַסיאָס, אין דער פּראָווינץ סאַנטאַ־פע, און דאָרט זיך באַזעצט אויף דער ערד.

אמת, דער דאָזיקער פּרוּוו איז נישט געלונגען און די פּאַסטישע יידישע קאָלאָניזאַציע האָט זיך אָנגעהויבן אַ קורצע צייט שפּעטער, ווען די יק"א האָט געגרינדעט אירע קאָלאָניעס.

היינט, נאָך 50 יאָר, ווערט שוין געמאַכט אַ סך־הכל, און מען פּרוּווט צו מאַכן אויספירונגען וועגן די רעזולטאַטן פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע.

פון פאַרשיידענע זייטן הערן זיך כּסדר שטימען, אַז די יידישע קאָלאָניזאַציע אין ארגענטינע האָט באַנקראָטירט, און אַז דער גאַנצער, אומגעהויערער קאָסטבאַרער עקספּערימענט פון באַראָן הירש צו פאַרוואַנדלען יידן אין אַן אַגראַר־עלעמענט, איז נישט געלונגען.

עס איז אמת — דאָס מוז מען מודה זיין, — אַז די יידישע קאָלאָניזאַציע אין ארגענטינע האָט נישט דערגרייכט צו דער מדרגה פון דער שפּעטערדיקער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישׂראל; עס איז אמת, אַז די ארגענטינער קאָלאָניעס לעבן איבער אַ כראָנישן און זייער ערנסטן קריזיס; אָבער עס איז פולשטענדיק פאַלש צו באַהויפּטן, אַז דער דאָזיקער קריזיס איז אַ ספּעציפיש יידישע דערשיינונג. די זעלבע דערשיינונגען באַמערקט מען אין אַ גלייכער מאָס אויך ביים רוב אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס האָבן זיך דאָ קאָלאָניזירט.

ביי זיי, פּונקט ווי ביי יידן, טרעפט זיך אָפט, אַז מען פאַרלאָזט

דעם באָדן און מען גייט אין שטאָט אַריין זוכן אַנדערע פּרנסות. קינדער פון די קאָלאָניסטן ווילן זיך לערנען און גייען איבער צו אַנדערע לייכטערע און בעסערע פּראָפעסיעס. מען פאַרוואַנדלט די „קאַמפּן" אין אַן אָביעקט פון שפּעקולאַציע, פון ערד־אַרבעטער ווערט מען, אָדער מען וויל ווערן „עסטאַציאָנערן" (גרויסע ערד־באַזיצער), און מען עקספּלואַטירט פרעמדע, זייער ביליקע אַרבעט. אַ טייל קאָלאָניסטן גייען אַוועק פון דער ערד־אַרבעט צוליב דעם וואָס זיי זענען שנעל רייך געוואָרן און קאָנען זיך דערלויבן צו פירן אַ גרויס־שטאָטיש לעבן. אַנדערע ווידער, אַנטלויפן צוליב נויט, ווייל די ערד, וואָס זיי באַאַרבעטן, גיט זיי אפילו נישט קיין מינימום פון עקזיסטענץ. דאָס זענען אַלץ דערשיינונגען, וואָס קומען פאַר פון דעם סאַמע אָנהויב פון דער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע. די דאָזיקע דערשיינונגען האָבן אָפטמאָל זייערע אָביעקטיווע סיבות, וועלכע מען דאַרף זוכן אין די אייגנשאַפטן פון דער אַרגענטינער ערד, אין די קלימאַטישע באַדינגונגען און אין פאַקטאָרן, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט דערווירטשאַפטלעכער קאָניונקטור אין דער גאַנצער וועלט.

איבערגעבנדיק די איינדריקן פון מיינע באַזוכן אין די אַרגענטינער קאָלאָניעס, וועט מיר אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען אויסקומען זיך אָפּצושטעלן גענויער אויף די דאָזיקע פּראָבלעמען, בכדי צו שאַפן אַ קלאָר בילד, סיי פון דעם פאַקטישן צושטאַנד פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע, סיי פון דעם לעבן פון די קאָלאָניסטן גופא, וועלכע זענען אָפט נישט קיין הערשער איבער דער שווער־באַאַרבעטער ערד, נאָר גיכער אירע שקלאַפן — שקלאַפן פון דער נאַטור, פון אירע קאַפּריזן און פון איר גרויזאַמקייט.

II

# שקלאַפן פון דער נאַטור

1.

עס איז אַ נײַ און פֿמעט אומפּאַקאַנט לעבן.

עס איז געגנוג, אַז מען זאָל זיך כאָטש איינמאָל באַגעגענען פּנים־אל־פּנים מיט דער ווילדקייט פֿון דער נאַטור, כּדי צו פֿאַרשטיין, וואָס פֿאַר אַ שווערע אַרבעט די קאָלאָניסטן האָבן אויסצושטיין, ביז עס געלינגט זיי צו פֿאַרוואַנדלען די ווילדע וועלדער אָדער מדבר־פּוסטע סטעפּעס אין אַ פּרוכטבאַרן באָדן.

קיין מענטשלעכער פֿוס האָט נאָך אפֿשר קיינמאָל די ערד נישט באַטראָטן. אַפֿילו די אור־הערשער פֿון דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט. די ווילדע אינדיאַנער־שטאַמען האָבן אויף זייערע בּסדרדיקע וואַנדערונגען זיך נישט געקאָנט דורכשלאָגן צו די ערטער, וואָס זענען געווען אַ גן־עדן פֿאַר די ווילדע געוויקסן, פֿויגל, שלאַנגען און חיות. הונדערטער, אפֿשר טאַקע טויזנטער יאָרן, האָט זיך פֿריי אַנטוויקלט די נאַטור־ווילדקייט, ביז עס זענען אָנגעקומען אַהער די ערשטע איינוואַנדערער פֿון אייראָפּע, האָבן אויסגעהאַקט און אויסגעברענט די אור־וועלדער, באַאַרבעט די ערד און געשאַפֿן דאָ נײַע ישובֿים פֿאַר מיליאָנען מענטשן, קרבּנות פֿון דער זינקענדיקער אייראָפּעישער קולטור.

נישט בלויז אויף די אומענדלעך־ריזיקע שטחים פֿון צפֿון און מערבֿ־בראַזיליע, אין פּאַראַגוויי און באָליוויע, אין פּערו און עקוואַדאָר הערשט נאָך יענע אור־אַלטע נאַטור־ווילדקייט. סימנים דערפֿון טרעפֿט מען נאָך היינט אויך אין געוויסע געביטן פֿון אַרגענטינע, נישט־קוקנדיק דערויף, וואָס אַרגענטינע איז שוין געוואָרן דאָס פּראָגרעס־וויסטע לאַנד אין דרום־אַמעריקע און פֿאַרנעמט אַלס אַגראַר־לאַנד אַ באַדייטנד אָרט אין דער גאַנצער וועלט־ווירטשאַפֿט.

די געאָגראַפישע לאַגע פון דער אַרגענטינער רעפּובליק איז באמת וואונדערבאַר. אויף אַ געוואַלדיקן מהלך פון קנאַפּע 4,000 קילאָמעטער די לענג צעשפּרייט זיך אַרגענטינע פון דער סוב־טראָפּי־שער זאָנע (22-טער גראַד פון דער געאָגראַפישער ברייט) ביז צו דער קאַלטער זאָנע (55־טער גראַד פון דער געאָגראַפישער דרום־ברייט).

אַרגענטינע צייכנט זיך אויס נישט בלויז מיט אַ פאַרשיידנאַר־טיקער, וואונדערשיינער לאַנדשאַפט, נאָר אַנטהאַלט אויך אין זיך אַלע קלימאַטישע אייגנשאַפטן. פון די בעסטע ביז צו די ערגסטע, פון די מילדסטע, ביז צו די שאַרפסטע.

ווען אויפן דרום פון לאַנד ציטערן מענטשן פון קעלט, ווערט מען אויפן צפון ממש צושמאָלצן פון היץ אפילו אין די ווינטער־חדשים; ווען אין איין געביט הערט נישט אויף צו רעגענען און מענטשן לעבן שוין נאָך אַ ביסל זון (פאַר זיך און נאָכמער פאַר דער פאַרזייטער ערד), הערשט אין אַן אַנדער געביט אַ שרעקלעכע טריקעניש. עס איז אַזוי שרעקלעך טרוקן, אַז מען מוז מיט ספּעציע־לע צוגן צופירן וואַסער צום טרינקען פאַר די מענטשן און פאַר די בהמות.

אין סאַנטיאַגאָ דעל עלסטעראָ און אין געוויסע טיילן פון טשאַקאָ איז בעת מיין זיין דאָרט געווען ממש אַ קאַטאַסטראָפאַלע טריקעניש, פון וועלכער עס זענען אומגעקומען פיל מענטשן, שוין נישט רעדנדיק פון דער גרויסער צאָל בהמות, וואָס זענען געפאַלן אויף די פעלדער אויסגעשעפּט צוליבן מאַנגל פון וואַסער צו טרינקען.

די ספּעציעלע צוגן, מיט וועלכע מען האָט געפירט דאָס וואַסער צום טרינקען פאַר דער באַפעלקערונג, זענען געווען שטאַרק באַוואַכט דורך באַוואָפנטער פּאָליציי, ווייל די באַפעלקערונג פלעגט באַפאַלן די צוגן און „רויבן" אַ ביסל וואַסער צום טרינקען. עס האָט זיך אַפילו געטראָפן אַ פאַל, ווען די פּאָליציי האָט געמוזט באַשיצן דעם טראַנספּאָרט וואַסער, שיסנדיק צום המון. עס זענען געפאַלן טויטע און פאַרוווּנדעטע.

די ציטונג־שילדערונגען פון דער שרעקלעכער לאַגע אין די

ערטער פון דער טריקעניש האָבן געקלונגען צו זיין אומגלויבלעך. די בילדער פון יענע געביטן זענען געווען שוידערלעך.

מענטשן האָבן פאַרלאָזט זייערע פעלדער און זייערע היימען און זענען אַוועק צופוס אין אַנדערע געגנטן. די טראַגעדיע פון גורל און דער קאַפּריז פון דער נאַטור האָבן געוואָלט, אַז אין די שכנותדיקע פּראָווינצן ענטרע־ריאָס אָדער סאַנטא־פע איז שוין געווען אַן איבערפלוס פון וואַסער, אומאויפהערלעכע רעגנס, און די אָרטיקע תושבים, קודם־כל די קאָלאָניסטן, האָבן שוין אויסגעקוקט אויף אַ ביסל זון, אַ ביסל טרוקנקייט...

כאַראַקטעריסטיש פאַר די אַרגענטינער באַציונגען איז דאָס וואָס די שרעקלעכע לאַגע אין טשאַקאָ און סאַנטיאַגאָ־דעל־עסטערא האָבן נישט געפונען קיין געהעריקן אָפּקלאַנג אין די אַנדערע טיילן פון דעם גרויסן אַרגענטינער לאַנד. מענטשן זענען דאָרט אַזוי שטאַרק באַשעפטיקט מיט די פּראָבלעמען פון דעם אייגענעם געביט, אַז זיי האָבן נישט קיין קאָפּ צו קיין פרעמדע צרות. אמת, די רעגירונג האָט אָרגאַניזירט אַ הילפס־אַקציע, אַפילו דורכגעפירט אַ געלט־זאַמלונג אין לאַנד, אָבער די הילף איז שוין געקומען אַ ביסל צו שפּעטלעך און איז געווען גענוג אומגעלומפּערט. ווייזט־אויס, אַז די אַרגענטינער מלוכה־פאַרזאָרגער זענען געווען צו שטאַרק פאַרנומען אין די וואַל־מאַכערייען, אַז זיי זאָלן קענען האָבן גענוג צייט און געדולד צו זאָרגן פאַר די קרבנות פון דער שרעקלעכער טריקעניש.

פאַרשטייט זיך, אַז די היי־יאָריקע טריקעניש, ווי שרעקלעך זי זאָל נישט זיין אין אירע רעזולטאַטן פאַר די איינוווינער פון דעם באַטרעפנדן געביט, איז נישט קיין שום נאָרמאַלע קלימאַט־דערשיינונג און קאָן נישט דינען אַלס אַ מאָס פאַר דער באַטראַכטונג פון די אַרגענטינער קלימאַטישע אייגנשאַפטן. ממילא איז אוממעגלעך דאָס אָנצונעמען אַלס קריטעריום ביים אָפּשאַצן די טויגבאַרקייט פון דער אַרגענטינער ערד, וווּהין עס לעבצן ווייטער פיל מיליאָנען מענטשן, וועלכע זוכן דאָרט אַ מעגלעכקייט צו שאַפן אַ היים און אַ ניי אַרבעטס־פעלד, ווייל נאַטור־קאַטאַסטראָפעס זענען דאָך אַ דער־שיינונג

פון דעם גאנצן ערד־קוגל און דערשיינען עפּטער אָדער זעלטענער אומעטום, גאנץ־אומאָפּהענגיק פון דעם קלימאַט. די נאַטור קאַטאַס־טראָפעס זענען שוין געוואָרן אַ באַשטאַנדטייל פון דער נאַטור גופא און אפילו די ווונדערבאַרסטע דערגרייכונגען פון דער מאָדער־נער טעכניק און וויסנשאַפט זענען נישט אימשטאַנד דאָס צו באַרהיטן.

ערד־ציטערנישן, פאַרפלייצונגען, טריקענישן, ציקלאָנען, מרי־ציטיקע אָדער שווערע ווינטערס, פאַרשפּעטיקטע אָדער טראָפּיקאַל־הייסע זומערס — דאָס זענען נאַטור־דערשיינונגען, וועלכע זענען נובר אַלין אין דער וועלט, אפילו דעם קלימאַט גופא.

די דאָזיקע נישט־נאַטירלעכע דערשיינונגען זענען אַ אויל־יוצא פון דער אומגעווײנלעכער נישט־רעגולערקייט פון דעם אַרגענ־טינער קלימאַט. דערין ליגט אויך פאַרבאָרגן די טראַגעדיע פון דער גרויסער אַרגענטינער לאַנדווירטשאַפט און קודם־כּל פון די קאָלאָ־ניסטן.

יאָ, רעגן, וואַסער צום טרינקען, אַ ביסל זון — די דאָזיקע אוצרות פון דער נאַטור געהערן צו די טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען פון די אַרגענטינער קאָלאָניסטן. די דאָזיקע נאַטור־אוצרות מאַכן אָפּהענגיק פון זייערע קאַפּריזן דעם גורל פון הונדערטער טויזנטער נפשות, וואָס האָבן פאַרבונדן זייער לעבן מיט דער ערד־אַרבעט.

דאָס איז אויך גורם, וואָס די קאָלאָניסטן זענען אין דער ווירק־לעכקייט שקלאַפן פון דער נאַטור.

.2

דאָס פּראָבלעם פון וועטער און פון די אַטמאָספערישע ענדע־רונגען זענען, איינגעטלעך, ענג פאַרבונדן מיט דער לאַנדווירטשאַפט אין דער גאַנצער וועלט, אָבער זיי טרעטן, דוכט זיך, אין ערגעץ נישט אַרויס אַזוי שאַרף און בולט, ווי אין אַרגענטינע.

אויב איך שטעל זיך אָפּ אַ ביסל אויספירלעכער אויף דעם

דאָזיקן ענין, איז עס דערפאַר, וואָס איך באַטראַכט עס אַלס א נויטיקע הקדמה, איידער איך טרעט־צו צום שילדערן מיינע באַזוכן אין די אַרגענטינער קאָלאָניעס.

די צייט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין די קאָלאָניעס און אַלע שמועסן מיט די קאָלאָניסטן וועגן די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון זייער לעבן, האָבן זיך קאָנצענטרירט קודם־כּל אַרום די דאָזיקע פראַגן. די גאַנצע צייט איז מיר אויסגעקומען צו אָבסערווירן דעם איינפלוס פון די דאָזיקע נאַטור־דערשיינונגען אויף דער אַנטוויקלונג און צושטאַנד פון קאָלאָניסטישן לעבן.

עס איז מיר נאָך פריש אין זכּרון דער איינדרוק, וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט מיין ערשטער באַזוך אין די קאָלאָניעס פון דער אַרגענטינער פּראָווינץ. איך בין נאָך דאַן געווען אונטערן רושם פון דעם הו־חא, פון דעם עכט־אַמעריקאַנער לעבנס שטייגער פון בוענאָס־איירעס און פון דעם באַקוועמען, לוקסוס־רייכן און זאָרגלאָזן לעבן פון דער דאָזיקער וועלט־שטאָט, וואָס קאָנצענטרירט אין זיך קנאַפּע דריי מיליאָן איינוווינער, ד. ה. כּמעט א פערטל פון דער גאַנצער אַרגענטינער באַפעלקערונג (די אָרימקייט און שווערן קאַמף פון דער ברייטער מאַסע פאַר א מינימום פון עקזיסטענץ זעט מען ערשט שפּעטער) — און אַרויס פון בוענאָס־איירעס. סך־הכּל עטלעכע שעה רייזע מיט דער באַן, אַנטפּלעקט זיך פאַר אייך א ניי לעבן, מיט נייע, אומבאַקאַנטע פּראָבלעמען.

צו די אַלע פּראָבלעמען פון די אַטמאָספערישע נאַטור־דערשיינונגען קומען נאָך צו אַנדערע, נישט־ווייניקער וויכטיקע פראַגן.

אין געוויסע געגנטן, למשל, די פּלאָג פון היישעריק. פאַר אַנדערע די זאַמדיקע ווינטן און שוין צום סאַמע סוף די אָפּהענגיקייט פון דעם אַרגענטינער אַגראַר־לעבן פון דער קאָניונקטור אויפן וועלט־מאַרק און פון די שפּעקולאַציעס פון דער וועלט־ווירטשאַפט. דאָס זענען אַלץ פּראָבלעמען, פון וועלכע דער קאָלאָניסט אין אַרגענטינע איז אינגאַנצן אָפּהענגיק.

מען מוז זיך דערמיט א ביסל צוזאמענלעבן, כדי צו פאַרשטיין מיט וואָס פאר א שווערקייטן, מיט וואָס פאַר א מסירת־נפש עס איז פאַרבונדן דאָס קאָלאָניסטישע לעבן, דאָס לעבן פון די נאַטור־שקלאַפן, וועלכע מוזן מיט זייערע אייגענע הענט, מיט זייער אייגן־בלוט און שווייס באַארבעטן און באַפרוכפּערן די מאַמע־ערד.

# III

# גאָט, גאט, גיב אַ רעגן!

## .1

„גאָט, גאָט, גיב א רעגן
פאַר אונזער ערד
פאַר אונזער זריעה"...

דאָס זענען די ווערטער פון אַן אַלט פאָלקס־לידל, וואָס קלינגט ווי אַ תּפילה. דאָס זינגען די „גאַוטשאָס" שוין זינט דורות, ווען עס קומט דער פרילינג, די צייט פון זייען, ווען דער גאַנצער גורל פונם קאָלאָניסט איז אָפּהענגיק מאַסע נישט מער, ווי פון דעם ביסל רעגן.

דאָס דאָזיקע לידל ווערט מיט גרויס התלהבות געזונגען אין פאַרשיידענע שפּראַכן דורך די קאָלאָניסטן פון אַלע נאַציעס און רעליגיעס, וואָס באַוווינען די אַרגענטינער ערד.

רעגן פאַר אונזער ערד...

פאַראַן אין אַרגענטינע געגנטן, ווו עס פילט זיך אַ שרעקלעכער מאַנגל אין רעגן, פאַראַן אָבער געגנטן, ווו עס איז פאַראַן אַ גרויסער איבערפלוס פון רעגן; מען שטייט און מען מעסט וויפל מילימעטער רעגן עס איז שוין געפאַלן. נישט בלויז אין יעדער געגנט, נישט בלויז אין יעדן דאָרף, נאָר אַפילו אין יעדער קאָלאָניע.

לאָמיר נעמען, למשל, די קאָלאָניעס פון ענטרע־ריאָס און טייל־ווייז אויך פון סאַנטאַ־פע, די צוויי פּראָווינצן, ווו עס איז קאָנצענטרירט די גרעסטע צאָל יידישע קאָלאָניעס. די ערד איז דאָרטן זייער אַ פּרוכטבאַרע און גוטע אין יעדער הינזיכט. דאָרט רעגנט אַ סך, שוין אַפילו צופיל, אָבער דאָס אומגליק איז דערביי, וואָס אָפטמאָל קומט דער רעגן צו־שפּעט, ווען די ערד איז שוין פאַרזיי'ט און נויטיקט זיך אין אַ ביסל זון־וואַרימקייט.

ווי גרויס עס זענען די פאַרלוסטן צוליב דעם, איז אַ בעריש צו שרייבן. בפרט נאָך, אַז ענטרע־ריאָס און סאַנטאַ־פע געהערן צו די געגנטן, ווו דער היישעריק מאַכט־אָן די גרעסטע פאַרוויסטונגען.

פרעסנדיק און פארניכטנדיק דאָס אַלץ, וואָס איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון די אַטמאָספערישע אומגליקן.

שוין ביי מיין ערשטן ארויספאָר אין די קאָלאָניעס האָב איך זיך באַגעגנט מיט די ראָזיקע פראָבלעמען און דערביי איז עס געשען אויף א העכסט־אָריגינעלן אופן.

אין דער באַגלייטונג פון א גרופע פריינט און קאָלאָניסטן האָב איך באַזוכט די „טשאַקרעס" פון דער קאָלאָניע מאַוריסיאָ.

דאָס איז געווען אין חודש סעפּטעמבער. אין דרום־אמעריקע איז עס ערב־פרילינג און די קאָלאָניסטן האָבן זיך שוין געגרייט צו באַארבעטן די פעלדער און זיי צו פאַרזייען.

דער טאָג איז געווען א טונקעלער. דער הימל — באַדעקט מיט שווארצע וואָלקנס. איך האָב מיך געפילט שטארק באַטריבט, וואָס מיין ערשטער ארויספאָר אין די קאָלאָניעס איז אויסגעפאַלן אין אזא מרה־שחורהדיקן טאָג. אפילו קיין פאָטאָגראַפישע אייפנאַמע האָב איך נישט געקענט דאָרט מאכן... אָבער די קאָלאָניסטן זיינען געווען צופרידן. יעדע ווײַלע האָבן זיי ארויפגעקוקט צום הימל און נישט איינמאָל האָט זיך דערהערט א זיפץ. עס איז געווען א זיפץ פון בענקשאַפט — די בענקשאַפט נאָך רעגן.

ווען איך האָב געזאָגט, אז עס איז א שאַד, וואָס כ'האָב אָנגעטראָפן אויף אזא טאָג, האָב איך דערהערט א תשובה:

— איר האָט מורא, אז עס זאָל רעגענען, און מיר וואַרטן שוין דערויף מיט אומגעדולד. א גאַנצע וואָך רייצט זיך דער הימל מיט אונז. די גרויסע שווארצע וואָלקנס רופן ארויס ביי אינז פיל האָפנונג, אז ענדלעך וועט די ערד באַקומען איר שפּייז, אָבער ליידער נייט אַוועק א טאָג נאָך א טאָג, דער הימל איז שווארץ פון די וואָלקנס און קיין רעגן ווייזט זיך נישט. אָט זעט איר, אין בוענאָס־איירעס, זיי האָבן מזל! עס גיסט דאָרט דער רעגן ווי פון צעבערס שוין 3 טעג אָן אויפהער, און מיר קענען זיך דערויף נישט דערוואַרטן...

און אין בוענאָס־איירעס, אין דער שטאָט, האָבן מענטשן טאַ...

שאלטן דעם רעגן. עס גיסט און כליאפעט, אז מען קען אייף רער גאס נישט ארויס. נאך וואס און נאך ווען, ווער דארף עס דארט אין דער גרויסער שטאט?

אין די שטעטלעך זענען אויף די היף פון די וווינונגס־הייזער איינגעבויט טיף אין דער ערד גרויסע וואסער־רעזערוווארן, וועלכע ווערן געעפנט בשעת עס הויבט־אן רעגענען. מען זאמלט דארט דאס רעגן־וואסער, וואס דינט צום וואשן זיך, ווייל דאס וואסער פון די ברונעמס (קיין קאנאליזאציע איז נישטא אפילו אין גרעסערע שטעטלעך) איז געזאלצן און שעדלעך פארן געזונט. אז עס איז אויך שלעכט צום טרינקען, דארף מען, פארשטייט זיך, נישט צוגעבן. אין די שטעטלעך און קאלאניעס פון דער חרום־ליניע באגעגנט איר די איינוווינער מיט שווארצע ציין. דאס איז טאקע פון דעם ש׳עכטן, געזאלצענעם וואסער.

פארברענגענדיק אין קארלאס־קאסא־עס האט מיין פריינט מיך איינגעלאדן צו זיך אויף א גלעזל טיי.

הער איך, ווי איין תושב זאגט צום צווייטן:

— איר ווילט איינלאדן דעם גאסט צו זיך אויף טיי? אפשר וועט איר בעסער קומען מיטן גאסט צו מיר. ביי אייך איז דאך געזאלצן וואסער און דער טיי וועט נישט האבן קיין טעם. איך האב זיס וואסער צום טרינקען...

דערביי האט זיך ארויסגעוויזן, אז ביידע תושבים זענען גאר שכנים. זיי וווינען אויף איין גאס, איינער נעבן דעם אנדערן. נאר ביי איינעם איז דאס וואסער געזאלצן און ביים צווייטן --- פארי העלטניסמעסיק גוט וואסער.

.2

אין דער ווייטער זאמדיקער פאמפא האב איך אנגעטראפן די איינוווינער אין א גוטער שטימונג.

עס האט גערעגנט. די איינוווינער פון איין קאלאניע האבן טעלעפאניש אנגעפרעגט זייערע שכנים פון א צווייטער קאלאניע:

— גערעגנט ביי אייך? וויפל מילימעטער? אינגאנצן 42? ביי

אונז, גאט צו דאנקען, נאנצע 80 מילימעטער. נאך א צוואנציק מילימעטער — וועט די „קאסעטשע'' (שניט) זיין געראטעוועט...

דאס באַרעכענען די צאָל רעגן־מילימעטער ווערט דורכגעפירט אין יעדן שטעטל און אין יעדער קאָלאָניע, סיי דורך אפיציעלע אמטן, סיי אויך דורך די קאָלאָניסטן אויף אייגענער האנט. יעדער מילימעטער רעגן האָט א ווערט.

די צייטונגען פון יענער געגנט, פון דער פּאמפּא און פון דער פּראָווינץ בוענאָס־איירעס, ברענגען ספּעציעלע מאַפּעס מיט דער ציפערן־אינפאָרמאציע, וויפל מילימעטער עס האָט גערעגנט אין יעדן אָרט באַזונדער. לויט דעם אָריענטירט מען זיך וועגן דער לאגע פון דער „קאָסעטשע'', און עס ווערט באַשטימט די הויך פון די קרעדיטן, וואָס מען קאָן די קאָלאָניסטן געבן א. ד. גל., הגם קיין ענדגילטיקע פעסטשטעלונג קאָן מען דערפון נישט מאַכן.

אמת, דער רעגן איז טאַקע דער יסוד פאַר אלע ווייטערדיקע האָפנונגען פון די קאָלאָניסטן, אָבער די נאטור פארגינט נישט דעם קאָלאָניסט דאָס פולע גליק. עס קאָנען קומען פאַרשפּעטיקטע פרעסט, גראָד ערב שניט־צייט, אָדער פון די פּאמפּא־סטעפּעס קומען אָן די שטאַרקע זאַמדיקע ווינטן און א טייל — אמאָל ביז 80 פּראָצענט — פון דער „קאָסעטשע'' גייט פאַרלוירן.

דאָס האָט זיך טאַקע היי־יאָר געטראָפן אין די קאָלאָניעס פון דער פּאמפּא און אין ריווערא, וווּ איך האָב מיט עטלעכע וואָכן פריער געהאַט אָנגעטראָפן אויף אזא פריילעכער שטימונג.

וועגן אן אנדער געגנט, וועגן דער וווּנדער־שיינער פּראָווינץ מענדאָזא, וואָס געפינט זיך ביי די קאָרדיליערן־בערג, וווּ עס איז דאָס מלכות פון די וויין־גערטנער, פונוואַנען עס קומט דער בעסטער ארגענטינער וויין, — דערציילט מען, אַז די „גאַוטשאָס'', זעענדיק וואָלקנס אויפן הימל און נישט־קאָנענדיק זיך דערוואַרטן אויף קיין רעגן, קריכן זיי ארויף אויף די הויכע בערג און שיסן מיט ראַקעטעס צו די וואָלקנס. מען וויל אזוי־ארום רירן די וואָלקנס פון אָרט און צוטיילן דעם רעגן...

1.



2.



3.



1) צווישן דער יוגנט אין נארסיס-לעווען.
מ. מורקאוו (x), אנפירער פון קאאפעראטיוו י. מזרח (xx)
2) דענקמאל פון באראן הירש אין באהיא-בלאנקא.
3) שפיטאל א. נ. פון ד״ר ירחי אין ריווער א.

## .3

די צייטונגס־קאָרעספּאָנדענטן פון די קאָלאָניעס און דערפער שרייבן:

די שטימונג אין אונזער געגנט איז אַ גוטע, ווייל עס האָט גערעגנט אַזוי פיל און אַזוי־פיל מילימעטער.

אָדער:

די האָפנונגען אויף רעגן האָבן ביז־איצט נישט געהאַט קיין פּעולה. אויב אין משך פון די נאָענטסטע טעג וועט נישט רעגענען, וועט די היי־יעריקע „קאָסעטשע" באַטראַכט פאַר פאַרלוירן.

און די אַלטע „גאָוטשאָס" חזרן איבער מעלאַנכאָליש דאָס תפילה־לידל:

„גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן
פאַר אונזער ערד,
פאַר אונזער זריעה..."

# יז
# ייִדן באַאַרבעטן די ערד

## 1

בוענאָס־איירעס איז אַ וווּנדערבאַרע שטאָט. אַ וועלט־שטאָט אין פולסטן זין פון וואָרט.

לויטן פאַרנעם, לויט דער באַוועגונג אין גאַס, לויט דעם טעמפּאָ פונם לעבן פון איין טייל באַפעלקערונג און לויטן כסדרדיקן זיצן אין די קאַפע־הייזער ביי אַ צווייטן טייל איינוווינער — דער־מאָנט עס אייך די גרעסטע און שענסטע שטעט אין דער וועלט. ווען מען געפינט זיך אין בוענאָס־איירעס, האָט מען אָפטמאָל דעם איינדרוק, ווי מען וואָלט געווען אין ניו־יאָרק אָדער אין פּאַריז. און פאָרסטו סך־הכל אַ האַלבע שעה קיין פּאַלערמאָ אָדער בעלגראַנאָ, דוכט זיך דיר, אַז דו געפינסט זיך אין דער לוקסוס־רייכער ווילען־געגנט פון לאָנדאָן.

דאָס איז שיין, דאָס איז פּרעכטיק. אָבער — בוענאָס־איירעס איז נישט אַרגענטינע. עס האָט קיין שום שייכות נישט מיט אַר־גענטינע, נישט לויטן מאָדערנעם אויסזען, נישט לויטן לעבנס־שטייגער, נישט לויטן סטיל און נישט לויטן כאַראַקטער. עס איז אַמעריקאַניש, עס איז אייראָפּעיש — אָבער נישט אַרגענטיניש.

ווייל אַרגענטינע הייסט: גרויסע אומענדלעך־ריזיקע פעלדער און וועלדער מיט מיליאָנען העקטאַר באָדן פאַרזייט און באַפרוכפּערט, אָדער די ריזיקע האַלב־ווילדע, נישט באַאַרבעטע סטעפּעס, אויף וועלכע עס פּאַשען זיך צענדליקער מיליאָנען בהמות, וואָס זענען באַשטימט פאַרן עקספּאָרט אין דער גרויסער וועלט אַריין.

פּונקט ווי די דריי מיליאָניקע הויפּט־שטאָט אַנטהאַלט נישט קיין שום כאַראַקטעריסטישעס פון דעם לאַנד גופא, אַזוי זענען אויך אירע איינוווינער לגמרי נישט ענלעך צו זייערע מיטבירגער

אין דער ווייטער פּראָווינץ און קודם־כּל צו די איינוווינער פון די דערפער.

נישט בלויז לויט זייער אויסערלעכן אויסזען, נישט בלויז לויט זייער לעבנס־שטייגער אונטערשיידן זיך די דאָזיקע צוויי גרופּן. דאָס זענען צוויי באַזונדערע, אָפּטמאָל קעגנזייטיק גאָר פרעמדע וועלטן.

דאָס איז נוגע נישט נאָר די ניי־צוגעוואַנדערטע מענטשן, נאָר אַפילו די אַלטע „קריאָזשעס".

דעם מענטש פון בוענאָס־איירעס קאָן מען אָנרופן ווי מען וויל און ווי עס איז שענער. ער קאָן הייסן אַמעריקאַנער, ער מעג הייסן איירָאָפּעער (דער גוטער איירָאָפּעער, נישט דער „ברוינער", „שוואַרצער" אָדער „רויטער"). ער קאָן אָבער בשום אופן נישט הייסן קיין אַרגענטינער.

ווייל מען געפינען דעם אַרגענטינער טיפּ, מוז מען פאָרן אין „קאַמפּ" אַריין, דאָרט אין די דערפער, ביי דער שווערער ערד־אַרבעט.

דאָס איז נוגע אַלעמען — די קריסטן פונקט ווי די ייִדן. אין דער הינזיכט איז נישטאָ קיין שום אונטערשייד צווישן די מענטשן פון פאַרשיידענע ראַסן און גלויבנס.

די ייִדן פון בוענאָס־איירעס מוזן אַרויסרופן רעספּעקט. עס זענען מיר פון זיי פאַרבליבן אין זכרון די בעסטע און שענסטע ערינערונגען. איך האָב זיי געזען סיי ביי זייער פּראָפעסיאָנעלן אַרבעטס־װאַרשטאַט און סיי אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. איך האָב אָבסערווירט, ווי זיי שאַפן נייע אינדוסטרי-צווייגן, וואָס באַרייכערן די מלוכהשע ווירטשאַפט און באַשעפטיקן טויזנטער, פיל טויזנטער אַרבעטער און איך האָב געזען ווי זיי בויען נייע קולטור־אַנשטאַלטן, וואָס באַרייכערן דאָס גייסטיקע לעבן אין לאַנד.

ביי אונז ווייסט מען ווייניק וועגן זיי — „די ייִדן פון בוענאָס־איירעס". מען קען נישט זייער לעבן און זייער אַרבעט. דער־יונגער

האָבן מיר וועגן זיי אינגאַנצן אַ פאַלשן באַגריף, וואָס איז אַזוי אָפט דערנידעריקנד און באַליידיקנד.

עס איז אַן עוולה, וואָס מוז פאַרריכט ווערן, נישט נאָר צוליבן כבוד פון דעם נייעם יידישן ישוב, וואָס הויבט אָן ערשט איצט אַרויס פון די וויקעלעך, נאָר קודם־כל צוליבן פשוטן אמת.

אָבער: דעם אַרגענטינער ייד, דעם נייעם ייד, מוז מען זוכן אין „קאַמפּ״, פונקט ווי מען מוז דאָרט זוכן דעם „קריאָזשער״

די יידישע קאָלאָניזאַציע, די יידישע ערד־אַרבעט איז ס׳רוב כאַראַקטעריסטיש פאַרן אַרגענטינער יידישן לעבן. זאָלן מיר מוחל זיין די עסקנים פון בוענאָס־איירעס און פון אַנדערע גרויסע שטעט: עס איז מיין פעסטע איבערצייגונג, אַז דער יסוד פון דעם יידישן לעבן אין אַרגענטינע געפינט זיך נישט ביי זיי, נאָר בעיקר אין די קאָלאָניעס. צוליב דעם ווערט לגמרי נישט געמינערט די וויכטיקע ראָל פון די שטאָטישע יידן אין אַרגענטינער לעבן. דורכדעם ווערט נור דערהויבן די באַדייטונג פון דעם אַרגענטינער יידישען ישוב.

**2**

מען דאַרף אָנהויבן נישט פון דער עצם־שילדערונג, נאָר פון אַ ביסל ציפערן.

עס איז די ערשטע און וויכטיקסטע פראַגע, וואָס ווערט מיר פון אַלע זייטן געשטעלט:

— וויפל יידן זענען אין אַרגענטינע באַשעפטיקט ביי ערד־אַרבעט?

קיין שום אַלגעמיינע סטאַטיסטיק וועגן דעם נאַציאָנאַליטעטן־אָדער רעליגיע־באַשטאַנד פון דער אַרגענטינער לאַנדווירטשאַפט איז נישט פאַראַן. דעריבער מאַכן פאָדערט דער ענטפער אויף דער אויבן־דערמאָנטער פראַגע אַ שטיקל אויפקלערונג.

די יידישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע באַשטייט פון דריי באַזונדערע קאַטעגאָריעס.

די ערשטע און די גרעסטע גרופּע באַשטייט פון די יידישע קאָלאָניסטן, וועלכע געפינען זיך אויף דעם באָדן פון יק״א.

דאָס איז דער פונדאַמענט פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע.

יק"א איז אויך די איינציקע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט גאַנץ גענויע ציפערן וועגן דעם באָדן, וואָס געפינט זיך אין איר רשות צום קאָלאָניזירן, וועגן דער צאָל איינוווינער, וואָס געפינען זיך אין די יק"א־קאָלאָניעס און אפילו וועגן דער פּראָדוקציע פון אירע קאָלאָניעס.

לויט דער דאָזיקער סטאַטיסטיק פון דער יק"א־דירעקציע אין בוענאָס־איירעס פאַרנעמען די יק"אָ־קאָלאָניעס אין אַרגענטינע אַ שטח העכער 617 טויזנט העקטאַר באָדן (הונדערט העקטאַר איז איין קוואַדראַט־קילאָמעטער). די יק"א־קאָלאָניעס געפינען זיך אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד און קנאַפּע 400 טויזנט העקטאַר זענען שוין באַזעצט דורך קאָלאָניסטן.

די יק"א האָט אַלזאָ פריי אין איר רשות אַן ערך 218 טויזנט העקטאַר, פון וועלכע 100 טויזנט העקטאַר זענען זייער שלעכטער באָדן, וואָס איז אוממעגלעך צו קאָלאָניזירן. די איבעריקע 118 טויזנט העקטאַר זענען יאָ טויגנבאַרער באָדן. ער ווערט אָבער זייער לאַנגזאַם קאָלאָניזירט, ווייל די קאָלאָניזאַציע געהערט היינט צו די טייערסטע אַרטיקלען אין דער וועלט.

די אויסגערעכנטע 400 טויזנט העקטאַר באָדן זענען באַוווינט דורך אַ יידישער באַפעלקערונג, וואָס ציילט אַן ערך 30.000 נפשות. (אין אָנהויב 1937 האָבן זיך אין די יק"א־קאָלאָניעס געפונען 3.500 קאָלאָניסטישע פאַמיליעס, וואָס באַאַרבעטן אַליין דעם באָדן, און אַן ערך 2.000 משפחות, וואָס באַשטייען פון האַנדווערקער, אָנגעשטעלטע, לערער, סוחרים א. ד. גל. — אַלע איינוווינער פון די קאָלאָניעס גופא אָדער פון די דערפער אַרום די קאָלאָניעס. אין משך פון יאָר 1937 זענען אין די קאָלאָניעס צוגעקומען עטלעכע צענטליק יידישע פאַמיליעס; ס'רוב פון דייטשלאַנד און איניקע פון פּוילן).

די צווייטע קאַטעגאָריע יידישע קאָלאָניסטן קאָנצענטרירן זיך אין די פּריוואַטע יידישע קאָלאָניעס, וואָס איניקע פון זיי געהער

גאָך צו די ערשטע צייטן פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע. זיי זענען נעגרינדעט געוואָרן דורך די אַזוי־גערופענע „רעוואָלוציאָנערן” פעגן יק”אַס קאָלאָניזאַטאָרישער פּאָליטיק. די דאָזיקע קאָלאָניעס קאָנצענטרירן זיך אין מעראַנאָס, וויזשאַ־אַלבאַ, וויזשאַ־לאַנגאַ, ריאָ־נעגראָ און אין טשאַקאָ.

די דריטע קאַטעגאָריע פון די יידישע קאָלאָניסטן באַשטייען פון יחידים, וואָס האָבן זיך פּריוואַט באַזעצט אויפן באָדן אין די אַלגעמיינע געמישטע קאָלאָניעס. די דאָזיקע קאָלאָניסטן זענען צעזייט און צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד.

די קאָלאָניסטן פון די לעצטע צוויי קאַטעגאָריעס ווערן געשאַצט (לויט די פּריוואַטע באַרעכנונגען) אויף אַן ערך 5.000 נפשות.

אַזוי אַרום קומט אויס, אַז די צאָל יידן, וואָס וווינען אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס דערגרייכט ביז 35.000 נפשות.

די דאָזיקע צאָל נעמט נישט אַרום די גרויסע יידישע גרונטבאַזיצער, נאָר בלויז יענעם טייל, וואָס איז דירעקט פאַרבונדן מיט דער לאַנדווירטשאַפט און וווינט אין די קאָלאָניעס. פאַרשטייט זיך, אַז מען קאָן דאָס נישט באַטראַכטן פאַר קיין גאָר גרויסע צאָל אין פאַרגלייך מיט דער אַלגעמיינער צאָל יידן, וואָס וווינען אין אַרגענטינע.

דער אַרגענטינער יידישער ישוב ווערט ביים היינטיקן טאָג געשאַצט אויף אַן ערך 300.000 יידן (אויך דאָ איז קיין גענויע צאָל נישט פאַראַן).

בכדי צו באַגרייפן די דאָזיקע לאַגע, מוז מען נעמען אין אַכט אויסער די מאָמענטן, אויף וועלכע איך האָב שוין אָנגעוויזן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען, אויך די אַלגעמיינע, פּאַראַדאָקסאַלע סטרוקטור פון לאַנד

ווי באַקאַנט, איז אַרגענטינע אַן אַגראַר־לאַנד. מען קאָן דרייסט זאָגן, אַז 90 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג לעבט פון דעם דירעקטן אָדער אומדירעקטן שייכות צו דער לאַנדווירטשאַפט.

גישמ־סוקנדיק דערגייף, ווייגען אין דאָרף בלויז 40 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג און 60 פּראָצענט וווינען אין די שטעט.

אָט דערפון ווערט שוין, דוכט זיך, גענוג קלאָר, אַז הגם מען עקספּלואַטירט גאַנץ שטאַרק די לאַנדווירטשאַפטלעכע אוצרות פון דער אַרגענטינער ערד, שטרעבט מען צו וווינען אין די שטעט, ווייל די באַדינגונגען זענען דאָ אין יעדער הינזיכט בעסער, ווי אין דאָרף.

דער דראַנג פון דאָרף אין שטאָט אַריין מערקט זיך ביי אַלע נאַציאָנאַלע גרופּן, וואָס באַוווינען די אַרגענטינער ערד. דען אַרגענטינע געהערט צו די ווירטשאַפטלעך־גליקלעכע לענדער, ווו אין דער שטאָט קאָן מען קיינמאָל נישט פאַרפאַלן ווערן און מען איז נישט אָנגעוויזן אויף קיין רעגנס. טריקענישן, היישעריקן אָדער אַנדערע אַנשיקענישן. עס איז אַ לייכטער און טאַקע באַקוועמער לעבן.

דעריבער איז אויך אַן עוולה, ווען מען שאַצט נישט אָפּ די ליסטונגען פון די יידישע קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע, ווען מען טומלט און מען פּלוידערט וועגן דעם בלומרשטן באַנקראָט פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע.

וואָלט דאָס געווען אמת, וואָלט מען דאָסזעלבע געמעגט זאָגן אויך וועגן דער פּוילישער, אוקראַינישער און דייטשער קאָלאָניזאַציע.

דערווייל איז אַ פאַקט, אַז נישט קוקנדיק אויף די גרויסע שוועריקייטן, מיט וועלכע דאָס קאָלאָניסטישע לעבן איז פאַרבונדן, וואַקסט בסדר די צאָל יידישע קאָלאָניסטן. עס פאַלן אָפּ די שוואַכערע און עס בלייבן ווייטער זיצן די שטאַרקערע עלעמענטן.

אמת, די צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די שטעט שטייגט פּראָפּאָרציאָנעל פיל מער ווי אין די קאָלאָניעס, אָבער דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס ביי די נייע עמיגראַציע־באַגרע־נעצונגען ווערן אַריינגעלאָזן קיין אַרגענטינע נור פּערזאָנען, וואָס האָבן אַרויספאָדערונגען פון זייערע קרובים (טאַקע מיט שיפס־קאַרטן אויף הוצאות־הדרך אויך) — און דערויף קענען זיך די קאָלאָניסטן זעלטן־ווען דערלויבן. (די רייך־געוואָרענע קאָלאָניסטן

וווינען שוין לאנג אין די שטעט).
דאַקעגן זיך צו קאָלאָניזירן אויף אייגענער האַנט, פאַר אייגענע הוצאות — דאָס וואָלטן זיך געפאַנט דערלויבן נור די עלעמענטן, וואָס די עקאָנאָמישע באַדינגונגען צווינגען זיי גאָרנישט צו עמי־גרירן.

**3.**

מיר טרעטן צו צום שילדערן דאָס יידישע קאָלאָניזאַציע־פּראָבלעם אַזוי ווי עס זעט אויס אין דער ווירקלעכקייט, אָן שום טעאָרעטישע באַטראַכטונגען.

ווייל טעאָריעס זענען פאַראַן אַזוי פיל, אַז דאָס גריבלען זיך אין זיי וואָלט אונז צו ווייט פאַרפירט.

איבריקנס, ווענן דער קאָלאָניזאַציע שאַפן זיך אייגענע טעאָריעס אַלע, סיי ווער עס ווייסט עפּעס ווענן דעם, סיי ווער עס האָט ווען־רעם קיין שום אַנונג נישט, נישט נור דער קאָלאָניסט גופא, נישט נור יעדער געוועזענער קאָלאָניסט, וואָס וווינט שוין אין שטאָט, נאָר אפילו די שטאָטישע מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל קיין קאָלאָ־ניעס נישט אָנגעקוקט — האָבן זיך זייערע אייגענע טעאָריעס ווע־ן דעם פּראָבלעם.

און ווען מען רעדט ווענן דער ווירקלעכקייט, דאַן איז פאַראַן נור איינס: יידן באַאַרבעטן די ערד! אפשר נישט בעסער, אָבער אויך נישט ערגער ווי אַנדערע פעלקער, האָבן די יידן באַוויזן, אַז זיי זענען פעיק צו ערד־אַרבעט, זייערע אויפטוען אין די אַרגענטי־נער יידישע קאָלאָניעס באַשטעטיקן עס.

# ט
# דער ערשטער ארויספאר

## .1

מיין ערשטער ארויספאָר אין די יידישע קאָלאָניעס איז געווען קיין מאוריסיאָ, — די ערשטע קאָלאָניע, וואָס יק'אָ האָט געגרינדעט. דער וועג צו דער דאָזיקער קאָלאָניע פירט דורך דער באַן־סטאַציע „מאוריסיאָ הירש", וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן דורך דער ענגלישער באַן־געזעלשאַפט, נאָכדעם ווי די יידישע קאָלאָניסטן האָבן דאָרט געשאַפן זייערע ערשטע ארבעטס־נעסטן.

באַקוועמער איז דער וועג קיין מאוריסיאָ דורך קאַרלאָס־קאַסאַרעס. אזוי זענען מיט 50 יאָר צוריק געפאָרן אהין די ערשטע יידישע קאָלאָניסטן, ווען קאַרלאָס־קאַסאַרעס איז נאָך געווען א דאָרף, מיט עטלעכע פרימיטיווע געביידעס, מיט א הילצערן, נישט באַלויכטן ביידל אויף דער סטאַציע.

מיטן וווּקס פון דער קאָלאָניע מאוריסיאָ איז אויך געוואַקסן קאַרלאָס־קאַסאַרעס. די קאָלאָניסטן פון שלום־עליכמס געגנט, נישט קענענדיק אזוי לייכט ארויסרעדן דעם נאָמען קאַרלאָס־קאַסאַרעס, האָבן זיי עס גערופן פּראָסט־פּשוט אויף מאַמע־לשון „בתריי־לעווקע". זיי האָבן געבראַכט מיט זיך א פּאַרטיקן נאָמען פון זייער אלטער היים. די נעמען פון געוויסע קאָלאָניעס זענען בכלל זייער כאַראַקטעריסטיש. עס זענען פאַראַן דאָפּלטע נעמען. אָפיציעלע און היימישע. די קאָלאָניסטן פלעגן זיך שטענדיק אויסזוכן אייגענע נעמען, וואָס זענען פאַר זיי געווען לייכטער ארויסצורעדן און אנטהאַלטן אין זיך עפּעס א דערמאָנונג פון דער אלטער היים אָדער זענען סתם געווען וויציקער. אפילו אין די שווערע צייטן פון קאַמף פאַר זייער פרימיטיווער עקזיסטענץ, וואָס האָט באַצייכנט דעם דערנער־וועג פון דער ערשטער יידישער קאָלאָניזאַציע, האָבן די יידישע קאָלאָניסטן נישט פארלוירן דאָס געפיל פאַר הומאָר...

אז אין מאוריסיאָ פלעגן אָנקומען נייע טראַנספּאָרטן פון יידישע קאָלאָניסטן, פלעגן אין קאַרלאָס־קאַסאַרעס אַנטשטיין נייע געשעפטן. „אַלמאַסענס" רופט מען זיי. דאָס זענען געשעפטן פון אַלעם, וואָס דער קאָלאָניסט האָט נור נעקענט דאַרפן. אָנהייבנדיק פון אַלערליי שפּייז־אַרטיקלען ביז אַלע נויטיקע (און נישט נויטיקע) אגראַר־אַרטיקלען, מאַשינען און קליידער. היינט זענען שוין פאַראַן אין קאַרלאָס־קאַסאַרעס באַזונדערע „טיענדעס", ווו מען פאַרקויפט באַקליידונגס־זאַכן (פאַרשטייט זיך, די ביליקסטע מאַנדערנדאַויסאַר־בעטונגען), באַזונדערע „אַלמאַסענס" און באַזונדערע — מיט אגראַר־מכשירים. אָבער די טיפּישע געשעפטן פון דער „געמישטער ווירטשאַפט" זענען ווייטער געבליבן כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם מסחר פון דער אַרגענטינער פּראָווינץ.

אינטערעסאַנט איז דערביי אַט־וואָס: די יידן, די הענדלער און וואַנדלער פון די אייראָפּעישע מדינות זענען געקומען אין די אַרגענטינער דערפער באַאַרבעטן די רויע ערד, זיי זענען געקומען אַלס פּיאָנערן פון דער דרום־אַמעריקאַנער ערד־אַרבעט. די געשעפטן, די קרעטשמעס און שענקען פון די קליינע שטעטלעך, וואָס פלעגן אַנטשטיין און זיך אַנטוויקלען אַרום די קאָלאָניעס, האָבן געשאַפן דווקא נישט־יידן — די שפּאַניער, איטאַליענער און דייטשן. דער פּראָצענט יידישע סוחרים אין דער ערשטער עפּאָכע פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע איז געווען אַ מינימאַלער. נישט ווייל מען האָט זיי נישט דערלויבט צו האַנדלען, נאָר פשוט דערפאַר, ווייל ערד־אַרבעט איז געווען די לאָזונג פון דאַמאָלסטיקן זיך נייבויענדיקן יידישן לעבן. אויב די פּראָפּאָרץ האָט זיך אין די שפּעטערדיקע יאָרן געענדערט, האָט דערצו גורם געווען די פאַרשטאַרקטע עמיגראַציע פון שטאָטישן עלעמענט און אויך די זייער שווערע באַדינגונגען, אין וועלכע עס קומט־אויס די קאָלאָניסטן צו לעבן אין די קאָלאָניעס.

איך האָב פאַר מיין ערשטן אַרויספאָר אין די קאָלאָניעס אויסגעקליבן דעם וועג דורך קאַרלאָס־קאַסאַרעס מיט אַ ספּעציעלער

כּוונה. כ'האָב געוואָלט גיין דורכן וועג, דורך וועלכן די ערשטע יידישע קאָלאָניסטן האָבן באַטרעטן זייער באָדן. מיר קענען דעם דאָזיקן וועג פון מרדכי אַלפערסאָנס שילדערונג. כ'האָב געוואָלט זען די באַן־סטאַציע, ווּ עס זענען אין אַ שפּעטער, קאַלטער און פינסטערער נאַכט אָנגעקומען די ערשטע קאָלאָניסטישע פּיאָנערן, דעם וואָקזאַל, ווּ זיי זענען מיט פרויען און קליינע קינדער לאַנגע שעהן געזעסן אָן אַ ביסל וואַרעמס, און געוואַרט ביז די יק"א־אַדמיניסטראַציע וועט שיקן וואַגנס, כּדי די בויער פון אַ נייעם לעבן אַריבערצופירן אויף זייער אָרט.

איך האָב אין קאַרלאָס־קאַסאַרעס און מאָוריסיאַ זיך באַגעגנט מיט אַ סך פון די דאָזיקע מענטשן. 50 יאָר זענען שוין אַריבער פון יענער צייט, אָבער זיי געדענקען נאָך די סצענעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אויפן וואָקזאַל, אויף די וועגן, קאַלטע און בלאָטיקע, צוועלף קילאָמעטער ווייט פון קאַרלאָס־קאַסאַרעס ביז מאָוריסיאָ, האָבן די מענער געמוזט גיין צופוס, נאָכשלעפנדיק די וואָגנס, אויף וועלכע עס זענען געזעסן צוזאַמענגעפּרעסט די פרויען מיט זויגע־דיקע קינדער.

היינט זענען עס מענטשן, וואָס זענען אַריבער דאָס זיבעטע יאָרצענדליק פון זייער לעבן. איינציקע וווינען שוין אין גרויסע שטעט, אַנדערע רוען זיך אויס אין קאַרלאָס־קאַסאַרעס (דאָרט אין די צוויי אַלטע בתי־מדרשים) און אַנדערע וווינען ווייטער אויף זייערע „קאַמפּען", אַרבעטנדיק צוזאַמען מיט זייערע קינדער. היינט איז שוין דאָ אַלץ אַנדערש ווי אַמאָל. אַזוי פיל צייט איז אַריבער, נייע דורות זענען געקומען...

אויך קאַרלאָס־קאַסאַרעס דערמאָנט נישט מער דאָס דערפל פון אַלפערסאָנס שילדערונגען. נישט דער וואָקזאַל, נישט די גאַסן, נישט די הייזער און נישט די מענטשן. קאַרלאָס־קאַסאַרעס איז טאַקע נישט מער ווי אַ שטעטל, אָבער אויסערלעך מאַכט עס אַן איינדרוק פון אַ שטאָט. די הייזער, פּאַרטער־געבײַדעס, זענען אַלע

געמויערטע, דיברייטע גאסן האבן שוין באקומען גוטע טראטוארן און די באפעלקערונג איז איבערגעשטיגן די צאל פון 25.000 נפשות (דערין 10 פראצענט יידן).

קארלאס קאסארעס איז דערווירטשאפטלעכער צענטער פון די צאלרייכע קאלאניעס, וואס געפינען זיך אין דער גאנצער ארומיקער געגנט. עס איז דער פאקטישער פארבינדונגס־פונקט צווישן די דאזיקע קאלאניעס און בוענאס־איירעס.

.2

שטיל און רואיק איז קארלאס־קאסארעס. מען קאן אפילו זאגן, אז א היבש ביסל לאנגווייליק.

אבער אויף לאנגווייליקייט באקלאגן זיך אויך די מענטשן אין יענע שטעטלעך, וווּ עס איז גארנישט אזוי שטיל און גארנישט אזוי רואיק.

די רייכערע פון קארלאס־קאסארעס פארן טאקע אפט קיין בוענאס־איירעס (ס'ה 6 שעה רייזע) צו פארטרייבן די לאנגווייליקייט, און די ארימערע זיצן זיך אין שטעטל, אין די ביבליאטעקן (פאראן צוויי, פון וועלכע די „י. ל. פרץ־ביבליאטעק" ווייזט ארויס א גרויסע אקטיוויטעט), אדער מען ארדנט־איין פארשיידענע אונטערנעמונגען אין דעם גרויסן און זייער שיינעם בנין פון יידישן קלוב. דער דאזיקער קלוב איז אייגנטלעך דער קולטור־צענטער פון שטאט, וווּ עס קומען פאר אלע גרעסערע אונטערנעמונגען. דער יידישער בנין, מיטן „מגן־דוד" און העברעישן אויפשריפט, דינט נישט נור יידישע צוועקן, נאר אויך די קריסטלעך־ארגענטינער ארגאניזאציעס באנוצן זיך מיט אים אויף איינצואָרדנען דארט אלערליי אונטערנעמונגען.

אין קארלאס־קאסארעס טרעפט מען א סך היימישע יידן פון אונזערע היימישע ערטער, הגם דאס רוב זענען דארט סאנצענטרירט יידן פון דער פאדאליער און כערסאנער גובערניע אדער פון בעסאראביע. דאס זענען די צענטערן, פונוואנען עס איז געקומען די ערשטע יידישע קאלאניסטן־אימיגראנטן־איינוואנדערונג.

נור די נייערע עמיגראציע איז געקומען פון פוילן, בפרט פון די קרעסן. דאָס זענען אַלץ ליבע און הארציקע יידן, וואָס האָבן געפירט אַ רואיק און באַשיידן לעבן.

.3

די לאַנגווייליקייט אין די קליינע שטעטלעך ווערט פּאָזיטיוו, ווען עס קומט אַהין אַ גאַסט — בפרט אַ גאַסט פון דער צוו ווייטער לויטן מהלך, נאָר אַזוי נאָנטער לויט די געפילן, אַלטער היים.

עס איז דעמאָלט אַ יום־טוב אין שטעטל. אַלע לויפן אָנקוקן דעם גאַסט, מען קומט הערן זיינע רעפעראַטן, מען מאַכט אים באַנקעטן און מען פרייט זיך מיט אים.

אין דער איינזאַמקייט, אין וועלכער עס לעבן דאָרט די מענטשן אין די קליינע שטעטלעך, איז דער גאַסט אַ שטיקל סענסאַציע.

און מען פרעגט אים אויס וועגן אַלץ אין דער וועלט, מען וויל פון אים אַלץ געוווּיר ווערן. מען האַלט, אַז אַ גאַסט איז מחויב אַלץ צו וויסן.

אָבער — אין די אַרגענטינער שטעטלעך זענען, ווייזט אויס, געסט צו געסט נישט גלייך. עס זענען פאַראַן אונטערשיידן. עס זענען פאַראַן קאַטעגאָריעס. נישט לויטן נאָמען פון גאַסט, נישט לויט זיינע פאַרדינסטן, נאָר...

אָט הערט:

אַז כ'בין נאָר־וואָס אָנגעקומען אויפן וואָקזאַל אין קאַרלאָס קאַסאַרעס, האָבן אָרטיקע עסקנים, ווי דער שטייגער, מיר אָפּגעוואַרט און באַגריסט. מיר זענען קוים אַראָפּ אין שטאָט אַריין, ווען עס רוקט זיך צו מיר צו אַ ייד און פרעגט מיך זייער „דיסקרעט": אַז קיינער זאָל חלילה, נישט הערן:

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, סעניאָר טורקאָוו, עס האָט אייגנטלעך נישט צו טון מיטן עצם־ענין, איר זענט ביי אונז זייער אַן אָנגעלייגטער, זייער אַ חשובער גאַסט, אָבער אונזערע „חיים א"

סאַלטע-ריטאָס" ווילן וויסן, צי זענט איר א „סאַטאַדראַ" אָדער א סאָלטע-ראַ?( ד. ה. צי בין איך א פאַמיליען־מענטש אָדער א בחור).

א שטיין איז דעם מענטש אראָפּ פון האַרץ, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז — ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר — בין איך א בחור.

ער האָט געגעבן א ווונק צו זיינעם א שכן, און שטאַפּעטן זענען אַוועק איבער דער שטאָט:

— סאָלטעראָ! א בחור!

...אין אַוונט בשעתן באַנקעט (אָן דעם הויבט זיך עס געשען), זענען געווען פאַרזאַמלט אין גרויסן זאַל פון יידישן קלוב אַלע מאַמעס מיט די טעכטער...

## VI
# ביים וויגעלע פון דער קאָלאָניזאַציע

## 1.

א סנאפע האלבע שעה דויערט די רייזע מיטן אויטא פון קארלאס־קאסארעס ביז דער קאלאניע מאוריסיא. ווי נור מען פארלאזט די גרענעצן פונם שטעטל, געפינט מען זיך פאקטיש אויפן קאלאניסטישן באָדן. קיין שאסיי זעט מען נישט. דער וועג איז א זאמדיקער, אבער א הארט־געפרעסטער און גלאטיקער. דאס זענען די כאראקטעריסטישע ארגענטינער וועגן, ווייל גוטע שאסייען זענען א זעלטנהייט. זיי געפינען זיך נור אין די געדיכט־באוווינטע פראווינצן. דאך שטערט עס נישט, אז די אויטאמאבילן־באוועגונג זאל אין גאנצן לאנד זיין זייער שטארק. אן אויטאמאביל איז אין ארגענטינע נישט קיין לוקסוס־ארטיקל. פאר מענטשן, וואס מוזן בסדר ארומפארן איבערן לאנד, קאלקולירט זיך עס בעסער ווי צו פארן מיט דער באן. נישט בלויז גרויסע סוחרים און רייכע קאלאניסטן זענען באזיצער פון אייגענע „קאטשן", נאר טאקע אויך פאר פשוטע קאמי־וואיאזשארן און דארפס־הענדלער לוינט עס בעסער. מען פארט נישט בלויז ביליקער און באקוועמער. דאס סאמע וויכטיקסטע איז, אז מיטן אויטא קאן מען זיך דערשלאגן צו יעדן ווינקעלע אין לאנד און מען איז נישט אנגעוויזן אויפן רייזע־פלאן פון די ארגענטינער באנען, ווייל עס זענען דארט פאראן געגנטן און זייער וויכטיקע שטעט, וואו די באן־פארבינדונג איז פאראן בלויז צוויי אדער דריי מאל א וואך. נישט די באנען פאסן זיך צו צו די באדערפענישן פון דער באפעלקערונג, נאר להיפוך, די באפעלקערונג מוז זיך צופאסן צו די אינטערעסן פון די באן־געזעלשאפטן. למען־האמת מוז איך נאך צוגעבן, אז אין פארגלייך מיט אנדערע דרום־אמעריקאנער לענדער זענען שוין די קאמוניקאציע־באדינגונגען אין ארגענטינע ממש אידעאלע. גענוג צו זאגן, אז 57 פראצ. פון דעם גאנצן באן־נעץ אין דרום־אמעריקע

געפינט זיך אויף דער אַרגענטינער טעריטאָריע. דערפון איז שוין קלאָר, ווי אַזוי עס זעט אויס די לאַגע אין אַנדערע לענדער. דערביי איז אויך אַרגענטינע דאָס איינציקע טראַנזיט־לאַנד פאַר מענטשן, וואָס פאָרן פון איראָפּע קיין טשילי, פּאַראַגוויי, באָליוויע, פּערו און אַפילו קיין עקוואַדאָר, דען די באַדינגונגען אין בראַזיליע זענען אין דער הינזיכט פיל ערגערע ווי אין אַרגענטינע.

## .2

וואָס עס פאַרבינדט און טיילט גלייכצייטיק אַפּ קאַרלאָס־קאַסאַרעס פון מאָוריסיאָ — דאָס זענען די צוויי בית־עולמס.

דער קאַרלאָס־קאַסאַראַסער בית־עולם איז אַנטשטאַנען מיט אַן ערך 15 יאָר צוריק, אין די שווערע קריזיס־יאָרן פון דער לאַנד־ווירטשאַפט, ווען מענטשן פלעגן מאַסנווייז מוזן פאַרלאָזן זייערע באָדן און זיך איבערציען אין זייער שטעטל אַריין. ביז יענער צייט האָט דער אַלטער בית־עולם פון מאָוריסיאָ געדינט אויך פאַר די געשטאָרבענע פון קאַרלאָס־קאַסאַרעס.

דער מאָוריסיער בית־עולם רעכנט זיך אַלס דער עלטסטער יידישער בית־עולם אין אַרגענטינע. שוין ביים סאַמע אָנהויב פון דער קאָלאָניזאַציע איז אַ קליין עופהלע, אַ זעקס־יעריק קינד, אומגעקומען בעת אַ קאַטאַסטראָפע און מען האָט נישט געוווּסט, וווּ דאָס קינד מקבר צו זיין. נעבן דער יק"א־אַדמיניסטראַציע איז אויף אַ גרויס, וויסט פעלד געווען אַ בערגל. ביי דעם דאָזיקן בערגל האָט מען אויסגעגראָבן דעם ערשטן קבר, דאַן האָט מען אַרומגעצוימט דאָס פעלד, וואָס איז געוואָרן דאָס אָרט פון דער אייביקער רו פאַר די פּיאָנערן פון דער יידישער ערד־אַרבעט.

מאָרגן איז עס עפּעס אויסגעקומען, וואָס מיין באַזוך איבער דער קאָלאָניע האָט זיך אָנגעהויבן דווקא פון דעם דאָזיקן בית־עולם.

ווען אונזער אויטאָ איז צוגעקומען צו די בנינים, וואָס באַצייכנען די גרענעצן פון דער קאָלאָניע, האָבן אונז אָפּגעוואַרט

צוויי קאָלאָניסטן — די אָנפירער פון דער אָרטיקער „חברה־קדישא". דער עלטערער פון זיי איז געווען ה' שמואל וואָלפּבערג, אַ ייד קרוב צו זיבציק, וואָס וווינט אויף זיין „קאַמפּ" שוין 40 יאָר. היינט איז ער געבליבן איינזאַם, די פרוי און טאָכטער זענען אַוועק אין דער אייביקייט און ער אַליין באַאַרבעט ווייטער זיין באָדן. אין דער פרייער צייט פאַרנעמט ער זיך מיטן אָפּהיטן דעם בית־עולם. עס העלפט אים דערין זיין שכן, ה' משה־אהרן דינער, אַ יונגערמאַן פון עטלעכע און דרייסיק יאָר, וואָס פאַרדינט אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט. ה' דינער איז אַ זון פון אַן אַלטער קאָלאָניסטישער פאַמיליע און איז אַליין, דוכט זיך, שוין געבוירן געוואָרן אין מאָוריסיא. ווען ה' דינערס עלטערן זענען געשטאָרבן, האָבן די קינדער פאַרקויפט די „טשאַקרע". זיך געטיילט מיט דער ירושה און אַוועק אין שטאָט־אַריין. דעם יונגן קאָלאָניסטישן זון האָט דאָך געצויגן צוריק צום פעלד. ער האָט אָפּגעקויפט 200 העקטאַר באָדן, וועלכע ער באַאַרבעט, אָבער שוין מיט דער הילף פון געדונגענע אַרבעטער. ה' דינער וווינט אפילו אַליין אין קאַר־לאָס־קאַסאַרעס און יעדן פאַרטאָג פאָרט ער מיט זיין עלעגאַנטן אויטאָ צו זיין פעלד.

זיי האָבן געוואָלט, אַז איך זאָל באַזוכן דעם בית־עולם. ווייל כּער איז די לעצטע יאָרן געווען שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט, כּדי זיך איבערצוצייגן אין דער גרויסער אַרבעט, וואָס זיי האָבן אויפגעטון.

און אויפגעטון האָבן זיי באמת אַ סך. זיי האָבן צוריקגע־שטעלט די אָרדנונג אויפן אַלטן בית־עולם, אַרויסגעשלעפּט פון דער פאַרגעסנקייט די קברים פון די ערשטע יידישע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן דאָ זייער אייביקע רו געפונען. פיל קברים זענען שוין געווען אויסגעגליכן מיט דער ערד. אָן מצבות, אָן אַ סימן, אַז דאָ רוען מענטשן, מיט וועמענס נאָמען עס איז פאַרבונדן דער אויפבוי פון דעם נייעם ישוב. דער בית־עולם איז פאַרגעסן געוואָרן, כאָטש די קינדער און קרובים פון אַ סך פון די פאַרשטאָרבענע לעבן זיך רואיק און באַקוועם אין די שטעט. די ה"ה וואָלפּבערג

און דינער האָבן זיך מיט גרויס איבערגעגעבנקייט און ענערגיע גענומען צו דער אומדאנקבארער אַרבעט — און אין משך פון אַ קורצער צייט צונויפגעזאַמלט די נויטיקע געלט־סומע, וואָס עס איז נויטיק געווען, כּדי אַרומצוצוימען דעם בית־עולם. מען האָט אויפגעזוכט די קינדער און קרובים פון די פאַרשטאָרבענע און זיי מיט געוואַלד געצוואונגען צו שטעלן מצבות אויף די קברים. די אויפשריפטן אויף די מצבות זענען איצט די דאָקומענטן פון דעם יידישן לעבן און יידישער אַרבעט אויף דער דאָזיקער ערד.

דער צופאַל, וואָס אַ באַזוך פון אַ גאַסט פון ווייטע מקומות אין דער ערשטער יידישער קאָלאָניע, האָט זיך אָנגעהויבן פון דעם אַלטן בית־עולם, איז סימבאָליש פאַר דער קאָלאָניע מאָוריסיאָ. ווייל דער גורל פון דער קאָלאָניע גופא איז אויך געווען אַזוי.

„דאָס וויגעלע פון דער אַרגענטינער יידישער קאָלאָניזאַציע" — האָט איבערגעלעבט אַלע מעגלעכע אַנטוויקלונגס־פאַזן פון דעם העכסטן אויפשטייג, ביז צו דער גרעסטער ירידה.

דער איבערברוך איז דאָרט געווען זייער אַ שטאַרקער און איז געווען דער טריומף פון די סעגנער פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט, דווקא צווישן יידן גופא. איך וועל זאָגן נאָכמער: אַפילו צווישן די יק"א־באַאַמטע, וועלכע האָבן, לײדער, אין דער ערשטער עפּאָכע פון דעם גרויסן קאָלאָניזאַציע־ווערק נישט שטענדיק אַרויסגעוויזן גענוג פאַרשטענדניש פאַר די ווירקלעכע באַדערפענישן פון דער איבערשיכטונג פון די יידישע מאַסן. דאָס איז נוגע די אַלטע צייטן. היינט איז די באַציִונג שוין גאָר אַן אַנדערע. היינט האָט זיך אַ סך, זייער אַ סך געביטן, און די „ראשית־נעורים" פון די צייטן פון דער ערשטער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט זענען זיך ווייטער נוקם.

מען האָט זיך קענגזייטיק נישט פאַרשטאַנען (אָדער אפשר האָט מען זיך נישט געוואָלט פאַרשטיין). נישט די יק"א האָט פאַרשטאַנען די קאָלאָניסטן און נישט אַלע קאָלאָניסטן האָבן פאַר־

שטאַנען זוי געהעריק די גרויסע אידעע, וועלכע באַראָן הירש האָט געוואָלט איינפּלאַנצן אין יידישן לעבן.

[illegible] מאוריסיא איז א באַוויז דערצו.

.3

בשעת איך האָב מיך געסליבען קיין מאָוריסיא, האָט מען מיר געפּרווט איינרעדן אין בוענאָס־איירעס, אז אויב איך וויל זען א יידישע קאָלאָניע, האָב איך אהין נישט נאָך וואָס צו פאָרן. מאוריסיא איז נישט מער קיין יידישע קאָלאָניע!

אנדערע ווידער, וועלכע האָבן געוואָלט באַווייזן, אז אלע טענות, וואָס יק"א רוקט ארויס קעגן די קאָלאָניסטן, דאָס די ערד־אַרבעט איז ביי זיי נישט געווען קיין איבערשיכטונגס־אידעע, נאָר א מיטל רייך צו ווערן און ראַן צו פאַרלאָזן דאָס קאָלאָניס־טישע לעבן, האָבן מיר געעצהט צו פאָרן דווקא קיין מאוריסיא, כדי זיך איבערצוציינן אין דער ריכטיקייט פון זייער באַהויפּטונג. אין דער ווירקלעכקייט אָבער איז אויסגעקומען, אז ביידע קעגנע־רישע מיינונגען האָבן זיך צענויפגעגאָסן אין איין פּונקט:

מאוריסיא האָט אויפגעהערט צו זיין א יידישע קאָלאָניע אין דעם פאַרנעם און לויט דעם כאַראַקטער, ווי זי איז תחילת באַשאַפן געוואָרן. מיט אנדערע ווערטער הייסט עס, אז מאוריסיא איז נישט מער קיין ריין־יידישע קאָלאָניע. עס איז היינט שוין א קאָלאָניע מיט א געמישטער קריסטלעך־יידישער באַפעלקערונג, הגם די יידן זענען דאָרט ווייטער געבליבן אן איבערוויגנדע מערהייט. די טענה באַשטייט, נעמלעך, דערין, וואָס א טייל יידישע קאָלאָניסטן האָבן זייערע „טשאַקרעס" פאַרקויפט צו קאָלאָניסטן פון אנדערע נאַציאָנאַליטעטן, אנדערע ווידער האָבן פאַרדונגען די „טשאַקרעס", אָדער זיי באַאַרבעטן דעם באָדן דורך געדונגענע אַרבעטער, דאָס הייסט, אז זיי זענען געוואָרן עקספּלואַטאַטאָרן פון פרעמדער אַרבעט.

דאָס זענען אין א סך פאַלן גערעכטע טענות, אָבער דער

טעות פון די דאָזיקע טענות באַשטייט דערין, וואָס זיי ווערן פאַראַלגעמיינערט; ממילא, קומען זיי אויס צו זיין טענדענציעז און פאַלש, ווייל זיי שטיצן זיך נישט אויף קיין שום פאַקטישן מאַטעריאַל.

איינער פון די עלטסטע יידישע קאָלאָניסטן אין מאָוריסיא ה' דיניעז, א ייד א יודע־ספר, האָט זיך טאַקע גענעבן די מי און דורכגעפירט אַן אַנקעטע וועגן דעם צושטאַנד אין דער קאָלאָניע. פון דער דאָזיקער אַנקעטע איז צו זען, אַז נאָר צוואַנציק פּראָצענט פון די מאָוריסיער יידישע קאָלאָניסטן האָבן ווירקלעך זייער באָדן אינגאַנצן פאַרלאָזן און זיך בכלל צוריקגעצויגן פון דער ערד־אַרבעט.

אָבער צי איז דאָס געווען אַן שום סיבה? צי זענען טאַקע די דאָזיקע מענטשן אַוועק סתם אָן שום גרונט דערצו?

מען דאַרף נעמען אין אַכט אַט־וואָס: מאָוריסיא איז די איינציקע קאָלאָניע פון יק"א, וואָס האָט זיך פולשטענדיק באַפרייט פון יק"א־אַפּטרופּסות. פון 265 קאָלאָניסטן־פאַמיליעס, וואָס די יק"א האָט דאָרט באַזעצט, זענען ביזן יאָר 1937 געבליבן ס"ה 7 קאָלאָניסטן, וואָס האָבן נאָך נישט אָפּגעצאָלט די חובות דער יק"א און זענען, אַלזאָ, נאָך נישט געוואָרן קיין פולע באַלעבאַטים איבערן באָדן. דאַקעגן די 258 קאָלאָניסטן מעגן שוין פריי דיספּאָנירן מיט זייער ערד. א סך קאָלאָניסטן האָבן אין די קריזיס־יאָרן שטאַרק פאַרשולדיקט זיך, און זייער באָדן איז גאַנץ פּשוט ליקווידירט געוואָרן סיי דורך די פּריוואַטע בעלי־חובות, סיי אויך דורך דער אַגראַר־ אָדער נאַציאָנאַל־באַנק. אַנדערע קאָלאָניסטן זענען שוין צו אַלט געווען, כּדי צו קאָנען די ערד באַאַרבעטן און זיי האָבן זייער באָדן פאַרקויפט אָדער פאַרדונגען; עס זענען פיל קאָלאָניסטן געשטאָרבן, און היות די קינדער זענען שוין לאַנג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטאָטישע איינוווינער, האָט מען דעם באָדן פאַרקויפט, ווייל אַנדערש וואָלט זיך דאָס צעטיילן די

באָרן־ירושה גאָרנישט קאַלקולירט. בפרט נאָך, אַז דער באָדן אין מאָוריסיא איז ביים היינטיקן טאָג דער טייערסטער אין גאַנץ ארגענטינע. פאַרפאַלן, אַזוי איז שוין די מענטשלעכע נאַטור, אַז יעדער קאַלקולירט זיין פאַרמעגן אַזוי, ווי עס זאָל אים קאָנען זיין אַמבעסטן און איז נישט מחויב זיך צו רעכנען מיט קיין מאָטיוון, וואָס האָבן פּאַקטיש נישט קיין שום לאָגישן יסוד. ווייל צי איז דען די האַנדלונג פון די קאָלאָניסטן פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן נישט די זעלבע? דאָך ווערט דערפון גאָרנישט געמאַכט אַזאַ ווען, ווי דאָס געשעט אין דעם פאַל, ווען מען האָט צו טון מיט אַ יידישן קאָלאָניסט.

איבעריקנס, איך האָב באַזוכט די קאָלאָניסטן אין דעם אויפגעריכטן מאָוריסיא, איך האָב געזען זייער אַרבעט, גערעדט מיט זיי טאָקע וועגן די דאָזיקע אַלע פּראָבלעמען און איך האָב געהאַט אַ נענוגנדר גרונט זיך צו איבערצייגן, אַז די אַלאַרמען וועגן דעם „חורבן־מאָוריסיא“ זענען שטאַרק איבערגעטריבן.

.4

ווען איך האָב אָנגעהויבן באַזוכן די קאָלאָניע, האָב איך מיך דאָרט באַגעגנט מיט אַ העכסט אָנגענעמער דערשיינונג. איך האָב דאָרט געטראָפן ביי דער אַרבעט אין פעלד יונגע, געזונטע יידישע יונגעלייט. נאָך די אַלע וואָרנונגען, וואָס איך האָב געהערט וועגן דעם „חורבן־מאָוריסיא“, איז עס מיר גאַנץ וווּנדערלעך אויסגעקומען, בפרט נאָך, ווען איך האָב זיך איבערגעצייגט, אַז די דאָזיקע יידישע פּויערים זענען נישט קיין צופעליקע מענטשן אין פעלד, נאָר דאָס זענען די אייננטימער פון דער ערד. זיין אין מאָוריסיא אַן אייגנטימער פון אַ „טשאַקרע“ — דאָס הייסט באַזיצן אַ גאַנץ פיינעם פאַרמעגן.

אַ קאָלאָניסט, איינער פון די יונגע, האָט מיר דערקלערט:

— צענדליקער יאָרן האָט זיך געפירט אַ קאַמף מיט יק״א וועגן

קאָלאָניזירן די קינדער פון די קאָלאָניסטן. דער קאמף איז געווען א שווערער און ביידע צדדים זענען געווען איינגעעקשנט. גישט געוואָלט איינגיין אויף קיין שום פשרות. אין פארשיידענע צייטן פון איר טעטיקייט האָט יק״א געהאַט פארשיידענע פרינציפן. עס קאָן זיין, אז א טייל פון די דאָזיקע פרינציפן זענען געווען גערעכטע, אָבער דער אופן, מיט וועלכן די יק״א־באאמטע האָבן געוואָלט זייערע פרינציפן דורכזעצן, האָט שטענדיק אָנגעטראָפן אויף א ווידערשטאנד מצד די קאָלאָניסטן. פון די קינדער בין איך געבליבן דער איינציקער אין דער קאָלאָניע. נאָכן טויט פון מיינע עלטערן האָב איך אויסגעצאָלט מיינע ברידער זייער ירושה־טייל, און איך מיט מיין פרוי אַרבעטן דאָ. פארשטייט זיך, אז אין שניט־צייט מוז איך דינגען אַרבעטער צו דער פעלד־אַרבעט.

— נו, און עס ציט אייך נישט אין שטאָט אריין?

— מיך אין שטאָט אריין? ווער וואָלט דען עס מיר נעקאָנט שטערן? מיין „טשאקרע״ איז זייער א גוטע און דער פרייז איז היי־יאָר אַן אויסגעצייכנטער. קיין בעלנים אויף מיין „טשאקרע״ פעלט נישט. דאָך האָב איך לגמרי נישט בדעה עס צו פארקויפן. עס איז מיין ערד! איך בין דאָ, אויף דער דאָזיקער „טשאקרע״, געבוירן געוואָרן. איבריקנס, איך בין דאָך געווען אין שטאָט. פונקט ווי מיינע ברידער האָב איך זיך געלערנט, פריער אין קארלאָס־קאסארעס און שפעטער אין בוענאָס־איירעס. דאָך האָב איך שטענדיק געשטרעבט זיך צו באַזעצן אויפן לאנד. עס איז אמת, אז דאָס לעבן אין דאָרף איז נישט פון די לייכטע זאכן. יעדן טאָג, 4 באַגינען מוז מען שוין זיין אויף די פיס. אָבער אז מען האָט די אַרבעט ליב, איז סיין זאך נישט שווער. נעמט צ. ב. מיין פרוי, זי איז אויך א טאָכטער פון א קאָלאָניסט, אָבער דערצויגן איז זי אין שטאָט, און דווקא אין דעם גרויסן בוענאָס־איירעס. מיר דאכט זיך, אז ווען מיר זאָלן אפילו זיין געצוווּנגען צו וווינען אין שטאָט, וואָלט זי דערויף נישט געוואָלט מסכים זיין. איבריקנס, מיר דערציען אויך אונזערע קינדער אין דעם דאָזיקן גייסט. דאָס

איז די ליבע צו דער ערד־ארבעט. א דאנק דער דאָזיקער צוגע־בונדנקייט האָב איך מיך מיט מיין ווירטשאַפט גאָרנישט וואָס צו שעמען, אפילו בנוגע מיינע קריסטלעכע שכנים. אדרבא, זיי קומען אָפט צו מיר פרעגן אַן עצה און, דאכט זיך, נישט איין זאַך איז אין זייער ווירטשאַפט נאָכגעמאכט געוואָרן פון מיר. דאָס פרייט מיך, דאָס פאַרשאַפט מיר א סך פאַרגעניגן.

די ווירטשאַפט פון אזא איבערגעגעבענעם קאָלאָניסט איז באמת א מוסטערהאַפטע. ווען מיר זענען אריין צום קאָלאָניסט אויסטרינקען א „מאַטע'', איז אין עס־צימער געשטאַנען א נייער ראַדיאָ־אַפּאַראַט, אויפן טיש זענען געלעגן א יידישע און א שפּאַנישע צייטונג און אין ווינקל — א שענקל מיט יידישע און שפּאַנישע ביכער.

וואָס אָן אמת, זעט מען עס נישט ביי אַלע קאָלאָניסטן און נישט אין אַלע קאָלאָניעס, ווייל נישט אַלע קאָנען זיך דערויף דערלויבן. מאַוריסיא איז דאָך די גבירישע קאָלאָניע, אָבער דער דראַנג צו פאַרבינדן די שווערע ערד־אַרבעט מיט דער מעגלעכקייט פון א גייסטיקן אויסלעבן זיך — דאָס איז א שטרעבונג פון אַלע יידישע קאָלאָניסטן.

ליידער קאָנען נישט אַלע זייער שטרעבונג דערפילן.

.5

„זשערבא מאַטע'' — דאָס איז דער נאַציאָנאַלער געטראַנק פון די דרום־אַמעריקאַנער לענדער. דאָס איז נישט, חלילה, קיין אַלקאָהאָל־געטראַנק, נאָר א מין געוויקס במקום טיי. עס וואַקסט אין בראַזיליע, פּאַראַגווייי און אויפן צפון פון אַרגענטינע. „זשער־באַ מאַטע'' ווערט געטרונקען א סך און אומעטום. אין שטוב און אויפן פעלד ביי דער אַרבעט, אין דאָרף און אין שטאָט. מענטשן, וואָס געוווינען זיך צו טרינקען א „מאַטע'', קאָנען זיך פשוט אָן דעם נישט באַגיין. אגב, האַלט מען, אַז עס געהערט צו די געזונט־

סטע געטראָנקען אין דער וועלט. עס פּרישט אָפּ און עס שטאַרקט דעם מענטש. אָבער אַ „מאַטע'' טרינקט מען נישט סתּם אַזוי פֿון אַ גלאָז אָדער פֿון אַ טעפּל. עס איז פֿאַראַן אַ ספּעציעלע עטיקעטע דערבײַ. מען קאָן אַפֿילו זאָגן, אַז עס איז אַ גאַנצע קונסט דערבײַ. אַז מען קומט צונאַסט, מען זעצט זיך בײַם טיש, דערלאַנגט מען אײַך, קודם־כּל, אַ „מאַטע'', ד. ה. אַן אויסגעשניצט הילצערן טעפּל מיט אַ מעטאַלענער (אָדער אַפֿילו זילבערנער) רערל (עס הייסט: „באָמבּיזשאַ''), דורך וועלכער די „מאַטע'' ווערט געזופּט. ווען איינער זופּט אויס, גיסט מען צו אַ ביסל הייס וואַסער און מען גיט עס ווייטער צו טרינקען, אַזוי פֿון מויל צו מויל, ביז אַלע האָבן שוין געטרונקען. דאָס ווערט איבערגעחזרט עטלעכע מאָל, ביז די פֿאַרזאַמלטע „זעטיקן'' זיך אָן. אָפּזאָגן זיך פֿון טרינקען אַ „מאַטע'' געהערט נישט צום גוטן טאָן. די אַלטע „קריאָזשאָס'' באַטראַכטן עס פֿאַר אַ באַליידיקונג (וועגן דעם, אַז דאָס איז נישט איבעריק היגיעניש, איז שוין איבעריק צוצוגעבן).

זענען מיר זיך אַזוי געזעסן בײַ אַ „מאַטע'' אין דער וווינונג פֿון דער פֿאַמיליע מאַקטאַז, איינע פֿון די עלטסטע קאָלאָניסטישע פֿאַמיליעס אין מאַוריסיאַ.

פֿריידע מאַקטאַז, אַ פֿרוי פֿון 69 יאָר, וווינט שוין דאָ אויפֿן זעלבן אָרט 45 יאָר. איר מאַן לעבט שוין נישט. דער „קאַמפּ'' ווערט איצט באַאַרבעט דורך איר זון, אַ יונגערמאַן פֿון 30 יאָר, וועלכער וווינט דאָ מיט זײַן יונגער פֿרוי. דער יונגער מאַקטאַז איז אויך צופֿרידן פֿון זײַן לעבן און אַרבעט אין דאָרף. צום ערשטן מאָל פֿירט ער איצט איין אין זײַן ווירטשאַפֿט אויך די פֿרוכטן־און בינען־צוכט.

די אַלטע מוטער הערט זיך צו צו די דערקלערונגען פֿון איר זון מיט שטאָלץ. ער איז נישט בײַ איר קיין בן־יחיד, אָבער ער איז דער איינציקער פֿון אַלע אירע קינדער, וואָס איז פֿאַרבליבן אַ קאָלאָניסט.

קיינער האָט אים דערצו נישט געצוווּנגען. ער האָט עס אַליין געוואָלט. ווען ער וואָלט אפילו נישט געוואָלט זיין אין דער קאָלאָניע, וואָלט די אַלטע מוטער דאָ אַליין געבליבן. זי פאַרטראָגט נישט דאָס גערויש פון שטאָטישן לעבן. פון צייט־צו־צייט פאָרט זי אין שטאָט אריין באַזוכן אירע קינדער, אָבער זי קאָן אין שטאָט לאַנג נישט זיצן. זי אַנטלויפט שנעל צוריק אין דאָרף.

פרוי מאַקטאַז האָט דורכגעמאַכט דעם גאַנצן דערנער־וועג פון קאָלאָניסטישן לעבן. מיט אַ סך חן דערציילט זי, ווי אַזוי דאָס איז געווען מיט 46 יאָר צוריק, ווען זי האָט מיט צוויי קליינע קינדער פאַרלאָזט איר היים אין דינאַוויעץ, פּאָדאָליער גובערניע.

איר מאַן איז שוין דאַן געווען אין אַרגענטינע. זי איז געפאָרן דורך אָדעס און האָט דורכגעמאַכט אַ וועלט־רייזע. זיי זענען געווען אויף דער שיף 30 פאַמיליעס. די שיף איז געגאַנגען פון אָדעס קיין סטאַמבול, סמירנע, חיפה, אַלעקסאַנדריע, נעאַפּאָל, גענוא, פון וואַנען מען איז געפאָרן קיין פּאַריז, וווּ די קאָלאָניסטן זענען אויפגענומען געוואָרן דורכן באַראָן הירש. דער גוטער באַראָן האָט ווי אַ פאָטער גערעדט מיט די קאָלאָניסטן, געטרייסט, זיך אויסגעפרעגט וועגן דער רייזע, זיך אינטערעסירט מיט יעדער קליינקייט און יעדן פון זיי געגעבן אַ פּאָר געלט־באַנקנאָטן.

— דאָס איז דאָך געווען אַ מלאך, נישט קיין פּשוטער מענטש, — ניט־צו די אַלטע קאָלאָניסטקע.

זי שילדערט די ווייטערדיקע רייזע דורך בוענאָס־איירעס צו דער קאָלאָניע מאָוריסיאָ, וווּ עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס נייע, אָבער שווערע לעבן.

— ווי קאָן עס דער מענטש באַגרייפן, — פאַרענדיקט זי — וויפל דאגות, וויפל ליידן מיר האָבן נעהאַט אויסצושטיין, ביז מיר האָבן ענדלעך דערלעבט צו עסן דאָס ברויט פון אונזער אייגענער אַרבעט.

פונקט ווי פרוי מאַקטאַז, אַזוי האָט אויך אַ סך צו דערציילן

אַ צווייטע קאָלאָניסטקע, פרוי נעסי קעסלער, וועלכע וווינט שוין אין מאָוריסיאַ 42 יאָר און וועמענס צוויי זין אַרבעטן טריי אויף זייער באָדן.

די אַלטע קאָלאָניסטן האָבן דורכגעמאַכט די חבלי־לידה פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע. זייערע קינדער זאַמלען איצט די פרוכטן פון זייערע עלטערנס אַרבעט.

זיי זענען דאָס די, וועלכע האָבן געשאַפן די נייע יידישע טראַדיציע — די טראַדיציע פון ערד־אַרבעט.

# VII
# רייכע און אָרימע

## .1

אויסער די אַלגעמיינע פּראָבלעמען, מיט וועלכע די ייִדישע קאָלאָניזאַציע איז פאַרבונדן, האָט אויך יעדע קאָלאָניע באַזונדערע אייגנאַרטיקע פּראָבלעמען, וואָס זענען אָפטמאָל אָפּהענגיק פון דיין־לאָקאַלע באַדינגונגען. בכדי, אַלזאָ, צו קאָנען גענעריק אַריינדרינגען און פאַרשטיין די אַלע פּראָבלעמען, איז נויטיק קודם־כל צו מאַכן אַ שפּאַציר איבער די קאָלאָניעס גופא.

איך האָב די דאָזיקע קאָלאָניעס באַזוכט מיט אַ געוויסן סיסטעם, וואָס איז באַשטאַנען דערין, אַז איך האָב אָנגעהויבן מיין באַזוך פון דער עלטסטער ייִדישער קאָלאָניע און פאַרענדיקט מיין וואַנדערונג איבער אַרגענטינע מיטן באַזוך אין דער ייִנגסטער יק'א־קאָלאָניע „אביגדור", די קאָלאָניע פון דייטשע ייִדן.

די פּאָר עפּיזאָדן, וועלכע איך האָב איבערגעגעבן אין פריערדיקן קאַפּיטל וועגן דער קאָלאָניע מאָוריסיאַ, שעפּן נישט אויס אַלץ וועגן דער דאָזיקער קאָלאָניע.

ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן, איז מאָוריסיאָ אַ רייכע קאָלאָניע.

די קאָלאָניע פאַרנעמט אַ שטח פון 43,485 העקטאַר באָדן, רינגלט אַרום די דערפער אַלגאַראָבאָס, אַליסע און פאַרשפּרייט זיך אויך אויף געוויסע טיילן פון די קריסטלעכע קאָלאָניעס „לאַ עספּעראַנזאַ" און „סאַנטאָ טאָמאָס". אין סאַמע צענטער פון דער קאָלאָניע געפינט זיך דאָס שטעטל, וואָס באַשטייט פון אַ פּלאַץ, אַרום וועלכן עס שטייען געמויערטע און הילצערנע פּאַרטער־דיינ־לעך. דאָרט זענען פאַראַן אַלערליי געשעפטן מיט אַרטיקלען פון ערשטן געברויך, שניט־סחורות, אַפּטייק, יאַטקעס א. ד. גל. אויפן פּלאַץ געפינט זיך אַ באַשיידענער דענקמאָל, וואָס איז געשטעלט

געוואָרן צום באַערן דעם הונדערט־יעריקן יובל פון ארגאַניזירטע באַפרייונג. דאָס שטעטל באַשטייט פון א צוויי־דריי געסלעך מיט א צענטליק הייזלעך, ארום וועלכע עס ציען זיך די גרויסע פעלדער פון די קאָלאָניסטן.

די רייכקייט פון מאַוריסיא באַשטייט אין איר פולער אומאָפּהענגיקייט. יעדער קאָלאָניסט איז דאָרט דער באַלעבאָס פון זיין ערד. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז אַלע קאָלאָניסטן זענען דאָרט טאַקע גבירים, אויך דאָרט זענען פאַראַן גענוג אָרעמע מענטשן, וועלכע לעבן אין גרויס דלות, אין באַשיידענע וווינונגען ארומגערינגלט מיט קליינע, אָבער שיינע גערטנדלעך. דאָס ביסל פרוכט, וואָס זיי פלאַנצן אויף די פּאָר העקטאַר ערד, איז דער יסוד פון זייער פּרנסה. יעדנפאַלס מוז עס פאַר זיי גענוג זיין, ווייל קיינער וועט זיי נישט צוגעבן.

ביי די איבעריקע קאָלאָניסטן איז זייער פאַרמעגן אָפּהענגיק פון די פּריוואַטע חובות, וואָס זיי האָבן. די דאָזיקע חובות געהערן צו די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון קאָלאָניסטישן לעבן. עס דערפירט אָפטמאָל צו טראַגישע פאָלגן. אין די צייטן פון „פּראָספּעריטי“ פלעגן די קאָלאָניסטן מאַכן גרויסע אינוועסטיציעס, מען האָט איינגעקויפט מכשירים אויף ראַטעס, גענומען געלט אויף היפּאָטעקן און זיך שטאַרק פאַרשולדיקט.

ווען עס זענען אָבער געקומען נאָר עטלעכע מאָגערע יאָרן, די „קאָסעטשע“ (שניט) איז נישט געלונגען (דאָס געהערט אין ארגענטינע נישט צו די זעלטנהייטן) און די קאָלאָניסטן זענען נישט געווען אימשטאַנד צו צאָלן קיין חובות, האָט מען אָנגעהויבן ליציטירן די קאָלאָניעס — און אויף אַזאַ אופן איז דאָס פאַרמעגן פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע פאַרקלענערט געוואָרן. בלויז די קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן געפירט א פאָרזיכטיקע און שפּאָרזאַמע ווירטשאַפט, נור יענע, וועלכע האָבן נישט צו־שטאַרק שפּעקולירט, נישט געזוכט מיטאַמאָל רייך צו ווערן, זיי זענען געבליבן, זיי

באזיצן זייער באָדן און זענען פאררעכנט היינט צו די רייכסטע יידישע קאָלאָניסטן.

אגב מוז מען באמערקן, אַז אויך דער ווירטשאפטס־סיסטעם גופא שפּילט אין די קאָלאָניעס א וויכטיקע — אפשר די וויכטיקסטע — ראָל. אין די ערשטע צייטן פון דער קאָלאָניזאציע האָבן די קאָלאָניסטן (די יידישע פּונקט ווי די קריסטלעכע) פּראַקטיצירט דעם סיסטעם פון מאָנאָקולטור. דאָס הייסט, מען האָט קולטיווירט נור איין פּראָדוקט, אלץ איינס צי דאָס איז געווען תּבואה, „אלפאלפא'' (פאשע פאר פערד), מאיס (קוקורוזע) אָדער ליין. מע, האָט קולטיווירט קודם־כל אַזאַ פּראָדוקט, פאר וועלכן דער באָדן און דער קלימאט איז געווען צוגעפאסט און דער פּרייז פון וועלכן עס איז געווען דער בעסטער אויף דער וועלט־בערזע.

דאָס האָט געהאט דעם חסרון, אַז ביי אַ מאָגער יאָר, ווען די „קאסעטשע'' איז נישט געלונגען, האָט דער קאָלאָניסט אלץ פארלוירן. דערפאר האָט דער קאָלאָניסט אין די פעטע יאָרן געהאט גאָר אַ גרויסע הכנסה.

היינט האָט זיך די לאַגע באדייטנד געענדערט. נישטאָ מער קיין סיסטעם פון מאָנאָקולטור. אין אַלע קאָלאָניעס איז די ווירטשאפט אַ געמישטע און דערביי ווערן אויך געזייט און געפלאנצט פרוכטן, וואָס טראָגן אָפּטמאָל אַן עקספּערימענטאלן כאַראַקטער. מען פארנעמט זיך היינט אין אַ באדייטנדער מאָס אויך מיט דער פיי־צוכט, מילך־ווירטשאַפט, מען האָדעוועט שעפסן א. ד. גל. פארשטייט זיך, אַז אלץ איז אָפּהענגיק פון דער געגנט, אין וועלכער מען וווינט.

אויפן צפון פון לאַנד ווידמען זיך יידן זייער פיל די פּאַמעראַנצן און מאנדארין־פּלאַנטאַציעס און אויפן דרום, אין ריאָ־נעגראָ, האָבן יידן זיך אויסגעצייכנט איינגעאָרדנט ביי קליינע ווירטשאַפטן מיט עפּל־ און בארנעס־פּלאַנצונגען. דאָס האָט געגעבן זייער גוטע רעזולטאטן.

גענוג צו זאָגן, אַז אַ דאַנק דער אנטוויקלונג פון דער פרוכטן־

פלאַנצונג אויפֿן דרום פון אַרגענטינע (ווו דער קלימאַט איז ענלעך צו אונזער קלימאַט), האָט אַרגענטינע אינגאַנצן אויפגעהערט צו אימפּאָרטירן פון אויסלאַנד עפּל, (בפרט רויטע עפּל). אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט אין די יידישע קאָלאָניעס ווערט אויך איצט געווידמעט — סיי אויפֿן דרום, סיי אויפֿן צפון פון לאַנד — דער בינען־צוכט.

אַזוי אַרום איז דער איבערגאַנג פון דער איין־סיסטעם־ווירטשאַפט צום סיסטעם פון דער געמישטער ווירטשאַפט געווען ממש אַ רעטונג פאַרן קיום פון די יידישע קאָלאָניעס. אַ שאָד נאָר, וואָס דאָס איז געשען אַזוי שפּעט.

וואָלט די יק"א דעם דאָזיקן סיסטעם פון געמישטער ווירטשאַפט אָנגעווענדעט פון סאַמע אָנהייב פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע־צייט אין אַרגענטינע, דאַן וואָלט באַשטימט די יידישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע היינט גאָר אַנדערש אויסגעזען.

אָבער — דאָך בעסער שפּעטער, ווי קיינמאָל נישט.

יערנפאַלס פאַר די ניי־צוגעקומענע יידישע קאָלאָניסטן, וועלכע אָרדנען זיך איצט איין אין, די אַרגענטינער קאָלאָניעס, איז דער נייער ווירטשאַפטס־סיסטעם אַ רעטונג. עס איז אַ גאַראַנטיע פון אַ לאַנגזאַמער, סאָלידער אָבער זיכערער אַנטוויקלונג.

2.

צו די „סודות" פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע געהערט אויך, בלי־ספק, דער אופן פון צעוואַרפן די יידישע קאָלאָניעס איבער די פאַרשיידענע טיילן פון אַרגענטינישן לאַנד, און אפשר נישט אַזוי־וויט דאָס צעוואַרפן די קאָלאָניעס, ווי טאַקע דאָס אויסקלייבן דעם באָדן, אויף וועלכן די דאָזיקע קאָלאָניעס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן.

עס איז אַ באַוווּסטע זאַך, אַז פאַראַן הירש האָט ביים שאַפן די יידישע קאָלאָניזאַציע געוואָלט אויסמיידן דאָס קאָנצענטרירן די יידישע קאָלאָניעס אין איין געביט, כדי מען זאָל נישט חושד זיין, אַז מען וויל דאָרט שאַפן אַ יידישע מלוכה...




1) מאַרק טורקאָוו אין נאַרסיס־לעווען. 2) און 3) טיפּן און סצענעס פון דער קאָלאָניע. 4) ביי דער בינען־
צוכט אין ריאָ־נעגראָ. 5) אַ פעלד אין ענטרע־ריאָס אַרומגעצוימט קעגן היישעריקן. 6) ביי דער דרעש־
מאַשין. רעכטס שטייט דער עסקן א. גאָמבינסקי.

פאַראַן פיל מיינונגען, אַז דאָס פאַרשפּרייטן די יידישע קאָלאָניעס איבער פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד איז צוליב כּמה פּראַקטישע טעמים יאָ נעוועןן אַ ריכטיקע זאַך. איין זאַך בלייבט אָבער לגמרי אומפאַרשטענדלעך, פאַרוואָס האָט מען ביים אויסקלייבן דעם באָדן געהאַנדלט אָפּטמאָל לייכטזיניק און אומבאַרעכנט.

מילא, קיין פּליאַטסעס, וואָס ווערן דערציילט וועגן דעם ענין וועלן מיר נישט איבערחזרן. אַ פאַקט איז נור, אַז מען האָט באַזעצט מענטשן אויף באָדן, וואָס איז אפשר יאָ טויגבאַר אויף פאַשע פאַר בהמות, אָבער בשום אופן נישט טויגבאַר צו קאָלאָניזירן מענטשן. די קאָלאָניע נאַרסיס־לעוועןן (אין דער פּאַמפּאַ) און די קאָלאָניע קלאַרא (אין דער פּראָווינץ סאַנטיאַגאָ דעל עסטעראָ) באַשטעטיקן דאָס אין אַ גענוגנדער מאָס. דאָס זענען קאָלאָניעס פון אָרעמע, פון די אָרעמסטע אין דער יידישער קאָלאָניזאַציע. ווען מען קומט פון דעם רייכן מאַוריסיאַ צו די האַרעפּאַשניקעס פון דער פּאַמפּאַ, קען מען זיך דערין איבערציינגן.

# VIII
# אין דער פּאַמפּאַ

## .ג

אין סאַמע צענטער פון אַרגענטינע, צווישן דעם סובטראָ־פּישן טשאַקאָ־געביט אויפן צפון און דעם קאַלטן פּאַטאַגאָניען אויפן דרום, ציט זיך אַ גרויסער, סטעפּיקער שטח פון 600 קילאָ־מעטער אין דער טיף פון לאַנד און 700 קילאָמעטער אין דער ברייט. די דאָזיקע סטעפּישע געגנט טראָגט דעם נאָמען פּאַמפּאַ. אָבער די פּאַמפּאַ איז נישט אין אַלע אירע טיילן איינהייטלעך. זי באַזיצט זייער פרוכטבאַרע און געדיכט־באַזעצטע געגנטן, וואָס געהערן צו די אַממיינסטן באַפעלקערטע ערטער פון דער אַרגענ־טינער רעפּובליק. די פּאַמפּאַ באַזיצט אויך ריזיקע פּוסטע געביטן, מיט אַ טרוקענעם, זאַמדיקן, רעגן־דורשטיקן באָדן, וואָס מאַכט דעם איינדרוק פון אַ מדבר. אָט דער דאָזיקער טייל איז דער „סטעפּ פון די אַרגענטינער סטעפּעס" און מען רופט עס די אַרגענטינער סאַכאַרע. אין דער דאָזיקער געגנט זענען אויך פאַרוואָרפן געוואָרן יידישע קאָלאָניסטן.

דער דיכטער־קאָלאָניסט אברהם מאָשקאָוויטש אין זיינע „לי־דער פון קאָלאָניסטן אין דער פּאַמפּאַ" באַקלאָגט אַזוי דעם גורל פון די פּאַמפּאַ־קאָלאָניסטן:

„פאַרוואָרפענע מיר זענען דאָ, ווי נאָך אַ שיפס־בּרוך
אויף אַן אינזל,
„אַזוי טראָגן מיר אין זיך שוין אונטערטעניק אונזער
פּיין.
„מיר קוקן שוין נישט אויסעט, אַז אַ רעטונגס־שיף זאָל
קומען,
„מיר ווייסן שוין, גורל אונזערער, אַזוי באַדאַרף שוין
זיין...

## 2.

די יק״א־קאלאניע אין דער פאמפא הייסט נארסיס־לעווען און געפינט זיך נעבן דעם שטעטל בערנאסקאני. ביי די ברידער בערנאסקאני האט עס די יק״א געהאט אפגעקויפט דעם שטח פון 46.466 העקטאר באדן, אויף וועלכן די קאלאניע איז איינגעארדנט געווארן.

נארסיס־לעווען איז די קאלאניע פון ארעמע יידישע הארע־פאשניקעס.

עטלעכע סטאטיסטישע ציפערן פון די אפיציעלע יק״א־באריכטן (פארן יאר 1937) וועלן שוין גענוג זיין, בכדי קלאר צו מאכן דעם צושטאנד פון דער דאזיקער קאלאניע.

אין דער קאלאניע וווינט א באפעלקערונג פון 209 פאמיליעס, וואס באשטייט פון 811 נפשות. נור 10 פאמיליעס זענען נישט דירעקט קיין קאלאניסטישע, הגם זייער ארבעט איז פארבונדן מיט דער קאלאניע (באאמטע, ארבעטער א. ד. גל.). די איבעריקע 199 פאמיליעס זענען קאלאניסטן. זיי פארנעמען 172 „טשאקרעס״, וואס נעמט ארום א שטח פון 25.124 העקטאר באדן, דאקעגן 20.958 העקטאר זענען פריי. אבער די שוועריקייט פון פראבלעם באשטייט דערין, וואס נישט בלויז א העלפט פון דעם פרייען באדן איז קוים טויגבאר באארבעט צו ווערן, נאר אפילו פון דעם באדן, אויף וועלכן עס לעבן שוין זינט דריי צענטליק יאר די קאלאניסטן, איז אויך א העלפט א שלעכטע. פון דער אפיציעלער יק״א־סטאטיסטיק איז צו זען, אז יק״א האט אין איר רשות ביים היינטיקן טאג אן ערך 200.000 העקטאר באדן פריי צו דער ווייטערדיקער קאלאניזאציע. דאכט זיך, אז דאס איז א שיינער שטח. אבער 100.000 העקטאר איז אזא שלעכטער באדן, אז מען קאן עס אינגאנצן נישט רעכענען אלס קאלאניזאציע־פעאיקן באדן, העכסטנס איז עס גוט אלס פעלדער צו פאשען בהמות. יק״א פארדינגט טאקע דעריבער דעם באדן, אבער דאס קאן מען דאך נישט באטראכטן אלס טעטיקייטס־אויפגאבע פון

דער יק״א אפילו אין נאָרמאלע, רואיקע צייטן, בפרט נאָך היינט.

אין דערזעלבער פאמפא האָט יק״א שוין אין די מלחמה־יאָרן איינגעקויפט אַ נייעם שטח צום קאָלאָניזירן. עס הייסט: „על עס־קאַבעל״ און געפינט זיך טיפער אין דער ווייסטעניש. דאָס איז אַ שטח פון 35.000 העקטאַר באָדן. גלייך נאָכן צושטאַנד־קומען פון דער קניה האָט זיך אַרויסגעוויזן איין קלייניקייט: דער דאָזיקער באָדן האָט אַזאַ ביטער און געזאַלצן וואַסער צום טרינקען, אַז נישט נור מענטשן, נאָר אַפילו פי קאָנען דאָס וואַסער נישט באַנוצן. די פאמפא־קאָלאָניסטן דערציילן גאַנץ פיקאַנטע געשיכטן, ווי־אַזוי די יק״א־עקספּערטן, וואָס האָבן וואָכן־לאַנג געפאָרשט דעם באָדן און געזיכט די וואַסער־קוואַלן, האָבן פעסטגעשטעלט די טויגפאַרקייט פון דעם טרינק־וואַסער אין על־עסקאַבעל. ערשט שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן (יעדנפאַלס די קאָלאָניסטן פאַרזיכערן אַזוי), אַז דאָס האָבן די פיפיקע מעקלערס פשוט געמאַכט אַ קינסטלעכן ברונעם מיט זיס וואַסער און אויף אַזאַ אופן אַריינגענאַרט דער יק״א דאָס „שטיקל סחורה״. ווי עס זאָל נישט זיין, אַ פאַקט איז, אַז די 35.000 העקטאַר באָדן פון על־עסקאַבעל איז פּוסט און פאַרלאָזן.

וועגן דער לאַגע אין דער קאָלאָניע נאַרסיס־לעווען איז גענוג, דאַכט זיך, ווען איך וועל צוגעבן, אַז נאָך העכער דרייסיק יאָר שווערער האָרעוואַניע האָבן נור צוויי קאָלאָניסטן אָפּגעצאָלט דער יק״א די חובות און זענען געוואָרן די אייגנטימער פון דעם באָדן. אַלע איבעריקע מוזן וואַרטן אויף גוטע יאָרן, בכדי כאָטש טיילווייז קענען פריער אָפּצאָלן. ליידער זענען די גוטע יאָרן אַ זעלטענער גאַסט אין דער פאַמפּאַ.

די ערד איז אין נאַרסיס־לעווען אַ טרוקענע, זאַמדיקע, שטענדיק רעגן־דורשטיקע און דעריבער אַ ווייניק פּראָדוקטיווע. עס געהערט דאָרט צו די זעלטנהייטן, אַז עס זאָל פאַלן אַ גענוגנדע צאָל מילימעטער רעגן און דאָס זאָל געשען אין דער געהעריקער צייט. דאָס הייסט: נישט צו שפּעט און נישט צו פרי.

דאָס אומגליק פון דעם באָדן אין דער קאָלאָניע נארסיס־לעווען איז אויך זיין פלאכקייט. דאָס טיפסטע אָרט באטרעפט 80 מילימעטער. פאראַן אָבער א סך ערטער, ווו דער באָדן איז בלויז 50 מילימעטער טיף און אפילו נישט מער ווי 30 מילימעטער. אונטער אזא מין פלאכן ערד־שיכט געפינען זיך גרויסע שטיינער־שיכטן, און דאָס איז גורם צו דער שרעקלעכער מאָגערקייט פון דעם באָדן. דער ערשטער רעזולטאט פון אזא לאגע איז, אז מען קאָן נישט פארזייען און באארבעטן דעם גאנצן ערד־שטח. וואָס דער קאָלאָניסט באזיצט, נאָר יעדע פאָר יאָר מוז מען באארבעטן אן אנדער טייל פעלד, כּדי די פריער באארבעטע ערד זאָל זיך אויסרוען און קאָנען אָננעמען א נאטירלעכע פעטקייט. קיין שום קינסטלעכע באמיסטיקונג פון דעם באָדן ווערט אין דרום־אמעריקע נישט פּראקטיצירט. אין משך פון דער „רו־צייט" ווערט דער באָדן באנוצט אלס פאשע־פעלד פאר די בהמות

ווען מען וועט נעמען אין אכט די דאָזיקע לאגע, וועט אין א געוויסער מאָס פארשטענדלעך זיין די שטרעבונג פון די קאָלאָניסטן צו א וואָס גרעסערן באָדן־באזיץ, בכדי זיך צו ראטעווען אין די „פעטע יאָרן" און עפּעס אָפּשפּאָרן אויף די „מאָגערע יאָרן".

איך מוז אונטערשטרייכן, אז איך באריר די דאָזיקע זייער וועזנטלעכע פּראָבלעמען נישט אלס פאכמאן אין אגראַר־ענינים, נאָר אלס וואנדערנדיקער זשורנאליסט, וואָס שטיצט זיינע שילדערונגען נור דערויף, וואָס זיינע אייגענע אויגן זעען און וואָס עס דערקלערן אָביעקטיווע זאכקענער, וועלכע פארדינען דעם פולסטן צוטרוי. און ווער נאָך קאָן זיין אויף דעם געביט א פאכמאן בעסער פון די מענטשן, וואָס ארבעטן דערביי שוין צענדליקער יאָרן און פילן די דאָזיקע זאכן אויף זייער אייגענער הויט?

ווי איינגעארטיק עס זענען די לעבנס־באדינגונגען פון יעדן באזונדערן געביט, קאָן דינען פאָלגנדער ביישפּיל:

די פאמפא איז פריי פון דער היישעריקן־מגפה. דאָס געהערט

צו די פּראָגן פון די קאָלאָניסטן אין ענטרע־ריאָס און סאַנטאַ־פע.

די פּאַמפּאַ־קאָלאָניסטן האָבן דערפאַר צו טון מיט די אַזוי־גערופענע „מוליטאַס", וואָס זענען אַ מין ערד־מייז אָדער ריכטיקער געזאָגט: קליינע אונטערערדישע חזירימלעך. ווען די זריעה הויבט שוין אָן צייטיק צו ווערן, קריכן אַרויס די באַשעפעניש פון זייערע אונטערערדישע נאָרעס און שניידן דורך די פּאַרזייטע פעלדער, שפּאַלטנדיק דעם באָדן מיט זייערע לאַנגע קערפּערס. שפּאַצירנדיק איבער די פעלדער פון נאָרסים־לעווען טרעפט מען זייער אָפט אַזעלכע לאַנגע, אָפענע ערד־פּאַסן. דאָס איז אַ סימן, אַז די צעשטערער פון דער קאָלאָניסטישער פּראַצע זענען דאָ געווען צוגאַסט.

עס פעלן אויך נישט קיין ווילדע הינער, וועלכע זענען שטענדיקע איינוווינער פון די פּאַמפּאַ־סטעפּעס, פרעסן אויף די פּאַרזייטע פרוכטן, ברענגענדיק גרויסע פאַרלוסטן די קאָלאָניסטן.

נישט בחינם קורסירט צווישן די קאָלאָניסטן אַ ווערטל, אַז יעדע קאָלאָניע האָט אירע היימישע היישעריקן, וועלכע זעען גאָר אַנדערש אויס, געהערן צו אַנדערע מיני אָנשיקענישן, אָבער וועלכע ברענגען אומעטום אַריין די זעלבע פאַרוויסטונג.

די רשימה פון די קאָלאָניסטישע צרות שעפּט זיך אָבער נישט אויס בלויז מיטן מאַנגל פון רעגן אָדער מיט חיהשע פּאַרוויסטער. דער סטעפּן־כאַראַקטער פון דער געגנט איז אויך פאַרבונדן מיטן מאַנגל פון באַוועלדערונג.

אויפן צפון פון לאַנד, למשל, אין טשאַקאָ, זענען פאַראַן צופיל וועלדער. מען מוז דאָרט די וועלדער פאַרניכטן, אויסהאַקן און פאַרברענען, כדי דעם באָדן צו קאָלאָניזירן.

די פּאַמפּאַ־קאָלאָניע געפינט זיך אין פולשטענדיק אָפענע פעלדער און איז אָפּהענגיק פון די ווינטן, וועלכע קומען־אָן פון די פאַרשיידענע זייטן.

ווען דער ווינט קומט פון מזרח, ד. ה. פון דער זייט פון אַטלאַנטישן אָקעאַן, דאַן איז אין דער קאָלאָניע אַ הייטערע שטי־

מונג. עס איז אַן אָנזאָג פֿון אַ רעגן. קומט אָבער דער ווינט פֿון מערב־זייט, דאַן איז עס אַן אָנזאָג פֿון אַ נייעם חורבן. דער ווינט פֿון דעם פּאַמפּאַ־מדבר איז אַ געוואַלדיק שטאַרקער און ברענגט מיט זיך מיט אַ זאַמדיקייט, וואָס מאַכט חרוב די זריעה. די פּרייזן פֿון דער תּבֿואה זענען צוליב די זאַמד־שטורעמס באַדייטנד קלע־נערע אין דער פּאַמפּאַ, ווי אין אַנדערע געגנטן, ווייל אַ טייל פֿון דעם שניט איז גאַנץ אָפֿט אוממעגלעך צום פֿאַרנוצן.

ווען איך האָב בעת מיין באַזוך אין בעדנאַסקאַני און אין נאַרסיס־לעוועון זיך צוגעהערט צו די דאָזיקע אָנגעווייטיקטע פּראָב־לעמען, וואָס עס האָבן מיר דערציילט די, וועלכע זענען „ווי נאָך אַ שיפֿס־ברוך פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן אויף דער דאָזיקער אינזל פֿון די פּאַמפּאַ־סטעפּעס“; ווען איך האָב פֿיל פֿון די דאָזיקע עפּיזאָדן אַליין געזען און איבערגעלעבט, האָב איך דאַן פֿאַרשטאַנען דעם טרויער און די פֿאַרביטערונג פֿון אַ סך קאָלאָניסטן וועגן זייער גורל.

און זייענדיק ווי אויסגעהאַלטן זיי שטייען דאָך ווייטער אויף זייערע אַרבעטס־פּאָזיציעס ביי דער ערד־אַרבעט, האָט דאָס ביי מיר אַרויסגערופֿן נאָך אַ גרעסערע באַוווּנדערונג פֿאַר די דאָזיקע יידישע פּויערים.

## IX

# אַ טאָג אין דער קאָלאָניע

## .1

איך בין אָנגעקומען אין דער קאָלאָניע נארסיס־לעווען אין א טאָג פון ווייכטיקע געשעענישן און עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען.

עס איז געווען ערב שניט־צייט. דאָס איז א צייט, מיט וועלכער עס זענען פארבונדן אלע האָפנונגען פון די קאָלאָניסטן. הייאָר זענען די אויסזיכטן געווען זייער גוטע. די לעצטע טעג איז געפאלן א היבשער רעגן און די פעלדער זענען אין משך פון דער צייט געוואָרן גרין פון די ערשטע שפּראָצונגען.

— עס איז א מחיה צו קוקן ווי עס „שיסט" — האָט מיר דערקלערט א קאָלאָניסט, פירנדיק מיך איבער זיין פעלד.

„שיסן" הייסט אין דער קאָלאָניסטישער שפּראך בליען. עס האָט גערעגנט העכער אכציק מילימעטער. נאָך א צוואנציק מילימעטער, דאַן א ביסל זון — און די קאָלאָניסטן קאָנען אויפגעריכט ווערן. שוין א היפּשע פּאָר יאָר איז אין דער געגנט אזא גוטע שטימונג נישט געווען. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט אפילו אויך גוט גערעגנט און עס איז געווען נאָר א גוטע „קאָסעטשע", אָבער דאַן זענען די פּרייזן פון דער תבואה געווען אזוי שלעכט, אז עס האָט אפילו נישט געלוינט צו שניידן. די ארבעט פון די פעלדארבעטער, וועלכע מען מוז דינגען צום שניט, האָט געדאַרפט קאָסטן פיל מער, ווי די פארקויפטע תבואה האָט געקענט באַטרעפן. שפּעטער, ווען די פּרייזן זענען באַדייטנד געשטיגן, האָבן די פּאמפּא־קאָלאָניסטן דערפון נישט געקאָנט גענייסן, ווייל עס האָט ביי זיי נישט גערעגנט. דאָס האָט דערפירט צו א קריזיס אין דער קאָלאָניע, וואָס האָט געטראָגן דעם כאראקטער פון א רעוואָלוציע. עס איז דערגאַנגען דערצו, אז אין יאָר 1934 האָבן 30 קאָלאָניסטן פארלאָזן די קאָלאָניע, ווייל זיי זענען נישט געווען בכוח צו ליידן

מער די נויט, אין וועלכער זיי האָבן זיך דאָרט געפונען אין די לעצטע יאָרן. דערביי האָט די יק"א, אין הסכם מיט איר אַלטן סיסטעם, געמאַנט ווייטער די חובות, וואָס די קאָלאָניסטן זענען איר געווען שולדיק. וואָס אַן אמת, האָבן די קאָלאָניסטן נאָך אַ יאָר צייט זיך צוריקגעקערט אויף זייער פריערדיקן אָרט, אָבער דער דאָזיקער קריזיס האָט דאָך געלאָזט טיפע שפורן אין לעבן פון דער קאָלאָניע.

נאָר לאָמיר לאָזן די טרויעריקע באַטראַכטונגען אַן אַ זייט. איך בין דאָך אָנגעקומען אין דער אָרעמער קאָלאָניע דווקא אין אַ גוטער צייט. אַלץ האָט דאָ דעם טאָג אויסגעזען פריילעך און מונטער. אויף די אויסגעמוטשעטע פנימער פון די גרייז־גרויע קאָלאָניסטן האָט געגלוט אַ ליבלעכער שמייכל.

נישט נעדאַגהט, נישט געזאָרגט, שוין גענוג זיך אויסגעליטן אויף דער דאָזיקער ערד און וואַרשיינלעך וועט נאָך נישט איינמאָל אויסקומען צו ליידן. היינט גייט עס צו אַ גוטער „קאָסעטשע" און מען דאַרף דעריבער פאַרטרייבן די טרויעריקע געדאַנקען. בפרט נאָך, אַז דער פּרייז פון דער תבואה איז היינט זייער אַ הויכער. שוין 18 יאָר ווי מען האָט אַזאַ פּרייז נישט געצאָלט. אין דער־קאָלאָניע האָבן זיך שוין באַוויזן די מעקלערס פון פאַרשיידענע עקספּאָרט־הייזער און לייגן־פּאַר צו מאַכן געשעפטן. מען וויל געבן דעם קאָלאָניסט אַוואַנסן, כדי אַזוי־אַרום אים צו האַלטן אין קלעם. מען לאָקט דעם קאָלאָניסט מיט פאַרשיידענע הבטחות און מען שאַפט אַרום אים אַ באַוועגונג. דאָס האָט אויפגעלעבט די קאָלאָניע, ווייל זינט יאָרן זענען אַהין קיין מעקלערס נישט געקומען. אַז עס האָט נישט גערעגנט, איז נישט געווען וואָס ביי די קאָלאָניסטן איינצוהאַנדלען.

אָבער די מעקלערס, אויפקויפער און פּריוואַטע הענדלער האָבן אין דער קאָלאָניע גאַרנים־לעווען ווייניק וואָס צו טון. קיין מסחר קענען זיי דאָרט נישט מאַכן, ווייל כמעט אַלע קאָלאָניסטן זענען מיטגלידער פון דעם קאָאָפּעראַטיוו „על פּראָגרעסאָ" און דורך דעם

דאָזיקן קאָאָפּעראַטיוו פירן זיי דורך אַלע זייערע טראַנזאַקציעס.

מיין אָנקומען איז טאַקע אויסגעפאַלן אין טאָג פון דער אַלגע־מיינער יערלעכער פאַרזאַמלונג פון קאָאָפּעראַטיוו. די דאָזיקע פאַר־זאַמלונג איז געווען העכסט אָריגינעל און באמת אינטערעסאַנט.

דאָ האָב איך שוין געזען נישט בלויז קאָלאָניסטן ביי זייער אַרבעט און אין זייער היים, נאָר קודם־כל דעם קאָלאָניסט אלס שעפער פון דויערהאַפטע געזעלשאַפטלעכע ווערטן.

איך האָב זיך דערין נאָכמער איבערציינט, ווען איך האָב מאָנטאָג בייגעוווינט די אַרבעט אין קאָאָפּעראַטיוו גופא, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך דעם ה׳ יצחק מזרח, וועלכער איז געקומען קיין אַרגענטינע פון לאָמזשע און זיך געווידמעט דער אַרבעט אויפן קאָאָפּעראַטיוון געביט.

.2

די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין דעם בנין אויפן נאָמען פון באַראָן הירש. דער דאָזיקער בנין איז פאַקטיש דאָס קולטור־הויז פון דער קאָלאָניע. דאָ געפינט זיך אין איין ווינקל די אַרטי־קע ביבליאָטעק, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון פּרץ הירשביין, דאָ קומען פאָר אַלערליי פאַרזאַמלונגען, פאָרלעזונגען, טעאַטער־פאָר־שטעלונגען, פאַרווייַלונגען א. ד. גל.

א היבשע צייט פאַרן עפענען די פאַרזאַמלונג האָבן זיך פון אַלע זייטן אָנגעהויבן צונויפצופאָרן די קאָלאָניסטן מיט זייערע פרויען און קינדער. ווער אויף פערד, ווער אויף די הויכע, צווייַ־רעדערדיקע „סולקעס".

דער גרויסער אַנטייל פון די קאָלאָניסטישע פרויען און קינ־דער אויף דער פאַרזאַמלונג איז אייגנטלעך אַן אומדירעקטער. מען נוצט אויס די קאָאָפּעראַטיוו־פאַרזאַמלונג, בכדי זיך צוזאַמענצו־קומען. אין דער קאָלאָניע עקזיסטירט א פרויען־קאָמיטעט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט א געזעלשאַפטלעך־פילאַנטראָפּישער אַרבעט. די פרויען האָבן זיך זייער אייגענע הילפס־קאַסע מיט אייגענע פאָנדן, פון וועלכע זיי באַשטייערן זיך אויך אויף אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע

און קולטורעלע צוועקן. עס האָט ממש געווען פאַר זיי א באַליידיקונג, ווען אין אַרגענטינע זאָל פאַרקומען עפּעס אַן אַקציע און מען זאָל זיך צום ראַטמען־קאָמיטעט נישט ווענדן נאָך א פאַרשטייערונג.

אין דער זעלבער צייט, ווען די מענער זיצן אין זאַל און באַהאַנדלען די פּראָבלעמען, וואָס זענען נוגע דעם גורל פון זייער קיום, פאַרזאַמלען זיך זייערע ווייבער און רעדן וועגן כלל־ענינים.

אין אויפן הויף צווישן די „סולקעס" פאַרזאַמלט זיך די יוגנט און מען דיסקוטירט איבער פּראָבלעמען פון דער פּאָליטיק און קולטור אָדער מען כאַפּט סתם אַריין א פלירט.

יאָ, נישט איין בחור און נישט איין מיידל וואַרטן שוין זינט טעג, אַז עס זאָל פאַרקומען עפּעס א ייִשובֿ פאַרזאַמלונג אָדער פאַרווײַלונג אין דעם ראָזיקן זאַל...

.3

לויט דער שטימונג, וואָס האָט געהערשט „הינטער די קוליסן" פון דער פאַרזאַמלונג, ד. ה. אויפן הויף, אין די ווינקעלעך פון זאַל, האָט מען געקאָנט דערוואַרטן, אַז די פאַרזאַמלונג וועט זיין א געוואַלדיק שטורמישע. אַזוי וואָלט עס געווען נישט נור ביי אונז, נאָר אַזוי זעט עס אויך אויס אין בוענאָס־איירעס. מען האָט מיך דאָך אין דער קאָלאָניע שוין באַצייטנס אינפאָרמירט וועגן די צוויי ריכטונגען, וואָס האָבן זיך געשאַפן, וועגן צוויי קעמפנדיקע צדדים און אַז יעדער צד האָט געשטרעבט קומען צו דער מאכט. איך האָב נישט געהאַט דעם איינדרוק, אַז עס איז פאַראַן א פּרינציפּיעלער, פּראָגראַמאַטישער אונטערשייד צווישן „יונגע" און „אַלטע", צווישן די פּראָגרעסיווע, מאָדערניזירטע קאָלאָניסטן און די „אַלטע" מער קאָנסערוואַטיווע. די „אַלטע" האָט עמיץ באַצייכנט אַלס „קולאַקעס", די „יונגע" האָט מען באַצייכנט אַלס אַרבעטס־מאַסע. א פאַקט איז נאָר (דאָס האָב איך אַליין פעסטגעשטעלט), אַז די אָרימע קאָלאָניסטן (אַפילו די גאָר־אַלטע) האָבן טאַקע געשטימט און געשטיצט די „יונגע". די וואַלן זענען געווע־

גאָרנישט לויטן אָרגענטינער נוסח און אפילו נישט לויטן היינטיקן אייראָפּעישן נוסח, נאָר אמתדיק דעמאָקראַטישע, געהיימע און פּראָפּאָרציאָנעלע. די „יונגע" האָבן באַקומען אַ מערהייט און אַלס פאָרזיצער פון דעם קאָאָפּעראַטיוו אויף דער נייער קאָרעניז איז אויסגעוויילט געוואָרן זייער פאָרשטייער, דער סימפּאַטישער ה' בערנאַרדאָ ראַסקין, אַ יונגערמאַן פון 29 יאָר, וועלכער באַאַר־בעט אַליין אַ שיינע „טשאַקרע", וואָס ער האָט געירשנט נאָכן טויט פון זיין פאָטער, אַ פּיאָנער פון דער קאָלאָניע.

די פאַרזאַמלונג איז דורך אויף אַ העכסט־מוסטערהאַפטן אופן, וואָס פאַרשאַפט באַשטימט גרויס כבוד די קאָלאָניסטן פון נאַרסיס־לעווען. די דיסקוסיע איז געווען אַ קורצע און זאַכלעכע און האָט זיך ס'רוב באַטרעפט צו קאָנקרעטע פראַגן וועגןווירטשאַפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים.

.4

מען האָט מיר פאַרשאַפט דעם כבוד און איינגעלאַדן צום פּרעזידיום־טיש פון דער פאַרזאַמלונג און פון דער עסטראַדע האָב איך געקענט גוט אָבסערווירן דעם גאַנצן עולם.

עס איז באמת געווען אַ וואונדערבאַר בילד צו זען ווי רואיק און געלאַסן די דאָזיקע מענטשן רעאַגירן און לעבן איבער אַלץ, וואָס אויף דער פאַרזאַמלונג קומט־פאָר. מען האָט זיך נישט באַ־גנוגנט מיטן אַרומרעדן ריין־געשעפטלעכע זאַכן, נאָר מ'האָט אויך ערנסט אַרומגערעדט קולטור־פראַגן, ווי אַזוי צו דערהייבן דעם ניוואָ פון דער קאָלאָניע, וועגן דעם גורל פון דער יוגנט, אַז עס זאָלן איר געגעבן ווערן די מעגלעכקייטן זיך צו באַזעצן אויפן באָדן, בכדי דער יידישער קאָלאָניזאַציע־שטאַנד זאָל נישט פאַר־קלענערט ווערן, אַנטוויקלען און פאַרברייטערן די קאָלאָניסטישע ווירטשאַפט, אַז וואָס מער יונגטלעכע זאָלן געפינען פאַר זיך אַן אַרבעטס־פעלד, דאָן די פראַגע פון שול־וועזן, וואָס איז אין דער קאָלאָניע זייער אַן אָנגעווייטיקטע א. א. וו.

מען האָט אויך נישט פאַרגעסן אָן די ליידנדיקע ברידער. אין

אַרגענטינע איז דאָן געפירט געוואָרן דער קאַמפּיין לטובת פּוילישע ייִדן און עס איז איינשטימיק באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַלע קאָלאָניסטן זאָלן זיך לפי־ערך באַשטייערן (הלוואי וואָלטן די רייכע ייִדן אין די שטעט געגעבן אַזוי פיל, וויפל עס האָבן געגעבן און גיבן שטענדיק די אָרעמע קאָלאָניסטן). איין קאָלאָניסט האָט אָבער דערמאָנט, אַז אין דעם ווייט; און הייסן טשאַקאָ איז הײַ־יאָר אַ שרעקלעכע טריקעניש און די דאָרטיקע קאָלאָניסטן הונגערן. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן די טשאַסאַ־קאָלאָניסטן געהאָלפן די פּאַמפּאַ־קאָלאָניסטן, היינט מוז מען זיי אָפּצאָלן. עס איז איינשטימיק באַשלאָסן געוואָרן גלייך צו שיקן הילף צו די הונגעריקע ברידער אין טשאַקאָ.

די גאַנצע פאַרזאַמלונג איז געפירט געוואָרן אין ייִדיש. איך האָב באַמערקט ווי עטלעכע אַנוועזנדע קאָלאָניסטן האָבן בסדר געמוזט איבערזעצן דעם פאַרלויף פון דער פאַרזאַמלונג פאַר זייערע שכנים. איך האָב תּחילת נישט געוווּסט, צי דאָס זענען שוין אַזוי שטאַרק אַסימילירטע קאָלאָניסטן, אַז זיי פאַרשטייען נישט קיין וואָרט ייִדיש, אָדער גאָר אפשר פאַרשטייער פון דעמאָכט. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זענען קריסטלעכע קאָלאָניסטן, שכנים פון די אַרומיקע קאָלאָניעס — מיטגלידער פון דער ייִדישער קאָאָפּעראַטיוו „על פּראָגרעסאָ‟. דאָס איז (ווי איך האָב מיך שפּעטער דערוווּסט) נישט קיין איינצל־פאַל אין אַרגענטינע, אַז קריסטלעכע קאָלאָניסטן זאָלן געהערן צו ייִדישע אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוון.

דער טאָג, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין נאַרסיס־לעווען, האָט געהערט צו די איינדרוקספולסטע איבערלעבונגען בעת מײַנע באַזוכן אין די קאָלאָניעס.

# X

# יידישע אַגראַר-קאָאפּעראַציע

.1

די ווירטשאפט אין די יידישע קאלאניעס איז אן אינדיווי־דועלע.

דער גורל פון יעדן קאלאניסט און פון יעדן שטיקל פעלד איז אפהענגיק — (אויסער פון די אלגעמיינע אויסערלעכע פאקטארן, ווי קלימאט, עקאנאמישע לאגע א. ד. גל.) קודם־כל פון דער איניציאטיוו און ארבעט פון דעם קאלאניסט גופא. קיין שום קא־לעקטיווע ווירטשאפטן, וואס זאלן געשאפן ווערן אויף קאאפערא־טיווע יסודות, זענען אין די יידישע קאלאניעס נישטא.

די יידישע לאנדווירטשאפטלעכע קאאפעראציע טראגט דערי־בער דארט דעם כאראקטער פון א שוץ־וואנט פאר דעם קאלאניסט לגבי די עלעמענטן, וואס זוכן דעם קאלאניסט אויסצונוצן.

דאס זענען נישט קיין קרעדיט־קאאפעראטיוון. אין קעגנטייל, דער פרינציפ פון דער יידישער לאנדווירטשאפטלעכער קאאפערא־ציע איז צו קעמפן קעגן קרעדיטן, פארן זעלבסטאויסקום פון יעדער איינצלנער ווירטשאפט. די קאאפעראטיוון זענען אין א גע־וויסער מאס דער באראמעטער פון דער קאלאניסטישער ווירט־שאפט.

די אידעע פון שאפן קאאפעראטיוון איז ביי די יידישע קאלא־ניסטן אנטשטאנען שוין אין די ערשטע יארן פון דער יידישער קא־לאניזאציע.

עס איז אינטערעסאנט, אז נאך לאנג, לאנג פאר דעם, איידער עס זענען געבוירן געווארן אין פארשיידענע לענדער די פארשפרי־טער פון נייע טעאריעס וועגן דער נויטווענדיקייט צו באקעמפן דעם יידישן מסחר דורכן שאפן קאאפעראטיוון, וואס זאלן קאנ־

צענטרירן אין זייער רשות דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן פון די שטעטלעך און דערפער, — נאָך איידער די קאָאָפּעראַציע־אידעע איז אויסגענוצט געוואָרן אַלס ווערקצייג פון אַנטיסעמיטישן קאַמף קעגן דער יידישער איניציאַטיוו, האָבן יידישע קאָלאָניסטן אין די ווייטע אַרגענטינער סטעפּעס געלייגט דעם יסוד ניט בלויז פאַר דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָאָפּעראַציע אין די יידישע קאָלאָניעס גופא, נאָר טאַקע אין דער גאַנצער אַרגענטינער לאַנדווירטשאַפט.

שוין אין יאָר 1900 איז אין דער קאָלאָניע לוסיענוויל, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דעם פריצייטיק־פאַרשטאָרבענעם איינציקן זון פון באַראָן הירש — לוסיען הירש, אַנטשטאַנען די ערשטע יידישע אַגראַר־געזעלשאַפט. דאָס איז געווען דער פּראָטאָטיפּ פון דער היינטיקער יידישער קאָאָפּעראַציע.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער איז די אַגראַר־געזעלשאַפט פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָאָפּעראַטיוו.

אמת איז, אַז אין די שטעט, בפרט אין בוענאָס־איירעס, האָבן שוין צו יענער צייט עקזיסטירט איניקע קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון, אָבער אויפן געביט פון דער אַגרי-קולטור האָבן יידן געשאַפן די ערשטע קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע האָבן שפּעטער געפונען נאָכפאָלגער צווישן די קריסטלעכע שכנים.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די יידישע קאָאָפּעראַטיוון האָבן געהאַט פאַרשיידענע עטאַפּן אין זייער אַנטוויקלונג. זייער גורל איז אָפטמאָל געווען פאַרבונדן מיטן גורל פון די קאָלאָניסטן, אָבער אין אַ היפּוכדיקער ריכטונג. די טעטיקייט פון די קאָאָפּעראַטיוון פלעגט שטייגן דאַן, ווען די קאָלאָניסטן האָבן איבערגעלעבט קריזיס־צייטן. דאַן פלעגן אַלע קאָלאָניסטן זיך ווענדן צו די קאָאָפּעראַטיוון נאָך ממשותדיקער הילף, אָדער כאָטש נאָך אַן עצה. פלעגט דער קאָלאָ־ניסט האָבן „פעטע יאָרן”, איז ער שוין ווייניקער געווען אָפּהענגיק פון זיין קאָאָפּעראַטיוו און פלעגט זיך גיין זיין איינענעם וועג.

אָבער אין אַרגענטינע טרעפט־מען אָפט אַן פּאַראַדאָקסאַלע

סיטואַציעס, אַז דווקא די „פעטע יאָרן“, ווען דער קאָלאָניסט פירט זיך זיין אייגענע ווירטשאַפטלעכע פּאָליטיק, דערפירן אים צו אַ קאַטאַסטראָפע.

אַ בײַשפּיל קען דינען דער 10־יעריקער פּעריאָד פון 1920 ביז 1930. פאַר די קאָלאָניעס, וואָס האָבן נישט געליטן פון קיין נאַטור־קאַטאַסטראָפעס, זענען דאָס געווען צייטן פון העכסטן אויפשטייג. גלייך נאָך דער מלחמה, ווען אייראָפּע איז נאָך געווען חרוב און אויסגעהונגערט, זענען די פרייזן פון די אַרגענטינער אַגראַר־אַר־טיקלען דערגאַנגען צו דער העכסטער מדרגה און ווען די קאָלאָ־ניסטן וואָלטן געפירט אַ ראַציאָנעלע ווירטשאַפט, וואָלטן זיי געוויס געקענט ווערן, אויב נישט רייך, איז יעדנפאַלס פאַרמעגלעכע מענטשן.

וואָס האָבן אָבער די קאָלאָניסטן געטון אין די גוטע יאָרן?

האָבנדיק אַ גוטע צייט, האָבן די קאָלאָניסטן געמאַכט אינוועס־טיציעס, וואָס זענען נישט געווען צוגעפּאַסט צום ווירטשאַפטס־סיסטעם פון זייער קאָלאָניע און זיך דערווייל פאַרשולדיקט. אויסער דעם האָבן קאָלאָניסטן אָנגעהויבן קויפן באָדן פאַר זייערע קינדער אין אַזאַ פאַרנעם, אַז מען האָט פשוט אויפגעשרויפט די פרייזן צו אַ לעגענדאַרער הייך. גענוג צו זאָגן, אַז אַ העקטאַר באָדן אין מאָוריסיאַ איז אין יענע יאָרן דערגאַנגען אַזש ביז 500 פּעזאָס. ערד איז דאַן געווען די בעסטע לאַקאַטע פון קאַפּיטאַל און נישט איין קאָלאָניסט האָט געחלומט צו ווערן אַ גרויסער גוט־פּאַזיצער. מען האָט געמיינט, אַז די האָסע אויף די אַגראַר־אַרטיקלען וועט בסדר דויערן און עס לוינט צו פאַרברייטערן די ווירטשאַפט.

דאַן האָט מען קיין שום קאָאָפּעראַטיוון נישט געראָפט, יע־דער קאָלאָניסט, דער ייִד, ווי דער קריסט, האָט זיך געהאַנדלט אויף זיין אייגענער האַנט. די באַוועגונג אין די קאָלאָניעס איז געווען געוואַלדיק גרויס. תבואה־סוחרים, מעקלערס און אַגענטן פון די גרויסע עקספּאָרט־פירמעס זענען געקומען צום קאָלאָניסט און

אויפגעקויפט די פּרוכטן פון דער ערד, צאָלנדיק די בעסטע פּרייזן. פון דער אַנדערער זייט ווידער זענען געקומען אַגענטן פון פאַרשיידענע פירמעס און פאַרקויפט מציאות אויף ראַטעס — אַלערליי אַגראַר־מאַשינען, הויז־איינריכטונגען א. ד. גל.

די קאָאָפּעראַטיוון האָבן דעריבער זיך זייער שוואַך אַנטוויקלט, זיי זענען געשטאַנען פּוסט, ווייל דער קאָלאָניסט איז דאָרט געווען אַ זעלטענער גאַסט. מען האָט העכסטנס געצאָלט דעם מיטגלידס־אָפּצאָל אין — גענוג. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען זייער אַ קורצזיכטיקע פּאָליטיק. עס זענען געקומען די קריזיס־יאָרן, נישט בלויז די טריקעניש און היישעריק, נאָר קודם־כּל די געוואַלדיקע ירידה פון די פּרייזן אויף אַגראַר־אַרטיקלען. דאָס איז געווען אַזאַ געוואַלדיקע ירידה, אַז עס האָט אַפילו נישט געלוינט צו שניידן, ווייל די אַרבעט האָט געקאָסט מער, ווי מען האָט געקענט באַקומען פאַר די פּראָדוקטן. גלייכצייטיק איז אויך שטאַרק געפאַלן דער פּרייז פון באָדן און עס איז מיר אויסגעקומען צו טרעפן נישט איין קאָלאָניסט, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַרשפּעקולירט אין די „פעטע יאָרן", אַז נישט קאָנענדיק שפּעטער באַצאָלן די חובות, האָט ער געמוזט פאַרלאָזן זיין באָדן און פון אַ רייכן קאָלאָניסט איז ער אין אַ שיינעם פרימאָרגן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נעבעכדיקן שטאָטישן קבצן.

טאַקע אין אַזעלכע צייטן זענען די אויגן געווען געווענדעט צום קאָאָפּעראַטיוו אַלס די איינציקע אינסטיטוציע, וואָס קען אין אַן עת־צרה העלפן.

עס איז קלאָר, אַז ס'רוב אַזעלכע ווענדונגען זענען געווען צוועקלאָז. דער קאָאָפּעראַטיוו איז דאָך נישט קיין פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציע, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט געבן הילף קאָלאָניסטן, וואָס האָבן פריער צו־שטאַרק שפּעקולירט אויף איינענער האַנט און נישט געפירט קיין ראַציאָנעלע ווירטשאַפט.

דען סוף־כּל־סוף קען אַ קאָלאָניסט, וואָס זיצט אויף זיין באָדן,

פון הונגער נישט שטאַרבן. ער מוז לעבן באַשיידן, אָפּטמאָל אָרעם. זייער אָרעם, אָבער צום עסן האָט ער שטענדיק אַפילו אין די ערנסטע יאָרן. ער לעבט דאָך קודם־כּל פון זיינע אייגענע פּראָדוקטן. טראַגיש איז נאָר די לאַגע פון די שפּעקולירנדע קאָלאָניסטן, וועלכע זענען אין רעזולטאַט נישט געבליבן אַפילו ביי זייער באָדן.

דאָס פאַרנאַכלעסיקן די קאָאָפּעראַטיוון אין די גוטע ציַיטן און דאָס אויסרעכענען צו־שטאַרק אויף הילף אין די קריזיס־צייטן, ווען די קאָאָפּעראַטיוון זענען געווען פאַראָרימט, האָבן געדראָט איינצלנע קאָאָפּעראַטיוון מיט אַ קאַטאַסטראָפע. עס האָבן זיך אַפילו געטראָפן פאַלן, אַז קאָאָפּעראַטיוון האָבן געמוזט באַנקראָטירן.

איך האָב אָבער דעם איינדרוק, אַז טאַקע די שווערע קריזיס־צייטן האָבן געצוווּנגען די קאָלאָניסטן צו ענדערן די באַציִונג צו זייערע אייגענע קאָאָפּעראַטיוון, און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז ביים היינטיקן טאָג איז דער קאָאָפּעראַטיוו ווידער דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אינם קאָלאָניסטישן לעבן.

אָבער ביז דאָס איז געשען האָט געמוזט אַריבערגיין אַ סך צייט און עס האָט געקאָסט אַ סך מי, ביז די קאָלאָניסטן האָבן ווי געהעריק אָפּגעשאַצט די באַדייטונג דערפון.

צו די קאָאָפּעראַטיוון געהערן נישט בלויז אַלע קאָלאָניסטן, נאָר אויך די אַרבעטער און האַנטווערקער, וואָס לעבן אין די קאָלאָניסטישע שטעטלעך. אויסער דעם געהערן צו די יידישע קאָאָפּעראַטיוון אויך קריסטלעכע קאָלאָניסטן, וואָס וווינען אין דער סביבה פון די יידישע קאָלאָניעס. פאַראַן אויך יידישע קאָאָפּעראַטיוון, וואו די קריסטן געהערן צו די פאַרוואַלטונגען און נעמען, אַלזאָ, אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן לעבן פון די קאָאָפּעראַטיוון און אומדירעקט אויך פון די קאָלאָניעס גופא.

פון דער אַנדערער זייט ווידער זענען פאַראַן אויך פיל קאָלאָניסטן, וואָס כאָטש זיי געהערן צו די קאָאָפּעראַטיוון, פירן

זיי דורך דעם גרעסטן טייל פון זייערע טראַנזאַקציעס אויפן פריי־וואַטן מאַרק, אויסמיידנדיק די קאָאָפּעראַטיוון.

.2

די טעטיקייט פון די קאָאָפּעראַטיוון איז אַן אַלזייטיקע.

די קאָאָפּעראַטיוון דערלעדיקן אַלץ, וואָס דער קאָלאָניסט דאַרף צו האָבן. יעדער קאָאָפּעראַטיוו האָט אַ גרויסן לאַגער סחורות, וווּ דער קאָאָפּעראַטיוו־מיטגליד געפינט פון דער קלענסטער ביז דער גרעסטער זאַך. אין קאָאָפּעראַטיוו באַקומט ער נישט בלויז אגראַר־מכשירים, זריעות, נאָר אויך קליידער, לעבנס־מיטלען און אַפילו פּאַפּיראָסן. אַלץ, וואָס געפינט זיך נור אויפן האַנדלס־מאַרק, אַלץ, וואָס אַ מענטש דאַרף. די פּרייזן זענען, זעלבסטפאַרשטענדלעך, זייער סאָלידע, באַרעכנט לויטן מאַרק־פּרייז מיט אַ מינימום פאַר־דינסט, און געוויסע אַרטיקלען זענען אַפילו ביליקער ווי אויפן פרייען מאַרק. דער קאָלאָניסט איז מיט די אַרטיקלען פון זיין קאָאָפּעראַטיוו זיכער און דאַרף זיך נישט דינגען וועגן דעם פּרייז.

אויסער דעם פאַרמיטלט דער קאָאָפּעראַטיוו אויך ביים פאַרקויף פון די אַגראַר־פּראָדוקטן. דורכן קאָאָפּעראַטיוו ווערן די פּראָדוקטן צונויפגעזאַמלט און אָפּגעשיקט אין שטאָט, וווּ זיי ווערן פאַרקויפט צו די גרויסע עקספּאָרטן לויטן טעגלעכן בערזע־פּרייז. אויך דאָ האָט דער קאָלאָניסט אַ גאַראַנטיע, אַז ער וועט נישט אָפּגענאַרט ווערן און עס וועט פאַר אים אויסגעקעמפט ווערן דער בעסטער פּרייז.

די קאָאָפּעראַטיוון דערלעדיקן אויך אַלערליי פאַרמאַליטעטן און אָפּטמאָל פאַרשיידענע בוררותן, נישט בלויז אין קאָנפליקטן צווישן איין קאָלאָניסט און אַ צווייטן, נאָר אַפילו אין פאַמיליען־אָנגעלעגנהייטן, אויב עס ברעכט־אויס עפּעס אַ פאַמיליען־סכסוך.

דאָס איז שוין, דוכט זיך, דער בעסטער באַווייז, ווי גרויס עס איז דער אויטאָריטעט פון דעם קאָאָפּעראַטיוו אין דער קאָלאָניע.

אַזעלכע קאָאָפּעראַטיוון זענען פאַראַן אין יעדער קאָלאָניע.

סיי פון דער יק״א, סיי אויך אין די פּריוואַטע קאָלאָניעס. ס״ה זענען פאַראַן אין אַרגענטינע 13 יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס, וועלכע זענען פאַראייניקט אין איין צענטראַלער אָרגאַני־זאַציע „פראַטערניטאַד אגראַ־יאַ״, וואָס געפינט זיך אין בוענאָס־איירעס.

דאָס ביוראָ פון דער צענטראַלע איז עס טאַקע די איינקויפס־און פאַרקויפס־שטעלע פאַר די איינצלנע קאָאָפּעראַטיוון. עס איז די צענטראַלע, וואָס קאָנצענטרירט אין זיך אַלע מיני אינטערעסן פון יידישן קאָלאָניסטן־לעבן.

די כּדררדיקע שטייגערונג פונם אומזאַץ פון דער קאָאָפּעראַ־טיוון־צענטראַלע באַשטעטיקט אַמבולטסטן די אַנטוויקלונג פון דער יידישער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָאָפּעראַציע אין אַרגענטינע.

די יידישע קאָאָפּעראַטיוון בילדן אומדירעקט אַ מין אַלגעמיי־נעם פאַרבאַנד פון די קאָלאָניסטן. עס איז גלייכצייטיק זייער פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע.

אויף אַן אַלגעמיינער באַראַזאַמלונג פון אַן איינצלנעם קאָאָפּע־ראַטיוו ווערט איר געוויר וועגן דער לאַגע און וועגן דעם לעבן פון דער באַטרעפנדער קאָלאָניע. אויפן צונויפענפאָר פון די פאַר־שטייער פון אַלע קאָאָפּעראַטיוון דערוויסט איר זיך וועגן דעם צושטאַנד פון דער גאַנצער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע, וועגן אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיטן גורל פון קאָלאָניסטישן כּלל, פּונקט ווי פונם יחיד.

די פאַראייניקונג פון די יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּע־ראַטיוון געהערט צום אַלגעמיין־מלוכהשן קאָאָפּעראַטיוון־פאַרבאַנד, וווּ די יידישע פאַרשטייער פאַרנעמען גאָר אַ חשוב אָרט.

אַ דאַנק טאַקע אָט דער צענטראַלע, באַקומען די יידישע קאָאָפּעראַטיוון, גלייך מיט אַלע אַנדערע קאָאָפּעראַטיוון, געהעריקע קרעדיטן און אין פאַל פון אַ קאַטאַסטראָפע — אַ גלייכמעסיקע הילף.

מען דארף וועגן דעם נישט קעמפן, ווייל קיינער קוועסטיאָנירט נישט די רעכט פון די יידישע קאָלאָניסטן צו געניסן פון דער דאָזיקער הילף אין דער זעלבער הויך, ווי עס געניסן דערפון אנדערע קאָלאָניסטן.

אויסער די דאָזיקע קאָאָפעראַטיוון ווערן לעצטנס אין די קאָלאָניעס געשאפן אויך פראָדוציר־קאָאָפעראַטיוון פון קעז, סמעטענע, פוטער פון דער מילך, וואָס די קאָלאָניסטן שטעלן צו. די אויסארבעטונגען פון די דאָזיקע קאָאָפעראַטיוון ווערן פארקויפט אין גאנצן לאַנד און האָבן א גוטן דערפאָלג.

עס מוז דערביי אויך דערמאָנט ווערן כאָטש מיט עטלעכע ווערטער, ווער עס זענען געווען די שעפער און פיאָנערן פון דער דאָזיקער באוועגונג.

די ערשטע יידישע אגראר־געזעלשאפט אין לוסיענוויל האָט געשאפן דער אָרטיקער יס״א־פאָרשטייער ה׳ נעמיראָוויטש, אָבער די אנטוויקלונג פון דער קאָאָפעראַציע איז צו פארדאנקען אייניעם פון די פיאָנערן פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארגענטינע, אינגזש. מיגועל סאכאראָוו, וועלכער איז געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען אלס „פאָטער פון דער יידישער קאָאָפעראַציע״. אינגזש. סאכאראָוו, וועלכער האָט א גרויס פארמעגן מקריב־געווען פאר דער פארווירקלעכונג פון זיין אידעע, איז עד־היום טעטיק מיט לייב און לעבן פאר דער דאָזיקער אינסטיטוציע. איצט קעמפט ער פאר דער שאפונג פון א יידישער אַגראר־באנק, וואָס זאָל אָפהיטן, אז דער יידישער קאָלאָניזאציע־שטאנד זאָל נישט פארקלענערט ווערן.

א טרייען געהילף אין דער פארווירקלעכונג פון זיין אידעע האָט אינגזש. סאכאראָוו געפונען אין דער פערזאָן פון ה׳ יצחק קאפלאן, וועלכער פארנעמט דעם אמט פון הויפט־דירעקטאָר פון דער לאנדווירטשאפטלעכער קאָאָפעראַטיוון־צענטראַלע.

ה׳ קאפלאן שטאמט פון סוויסלאָטש (גראָדנער קרייז) און זיינע קינדער־יאָרן האָט ער פארבראַכט אין דער מירער ישיבה.

ער איז געקומען קיין ארגענטינע מיט העכער 40 יאר צוריק צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע ברידער, פון וועלכע איינער איז היינט דער אדמיניסטראַטאָר פון דער גרעסטער יק"א-קאָלאָניע אין ענטרע־ריאָס.

ה׳ יצחק קאַפּלאַן איז איינער פון די באַדייטנדסטע אויטאָריטעטן אויפן געביט פון דער אַגראַר־קאָאָפּעראַציע אין ארגענטינע און איז אַ מיטגליד פון דער דריי־פּערזאָניקער רעגירונגס־קאָמיסיע, וואָס דאַרף רעגולירן פאַרשיידענע פּראָבלעמען פון דער ארגענטינער לאַנדווירטשאַפט. ער האָט עס טאַקע געהאָלפן דעם אינזש. סאַבאַראַוו אויפצובויען אַ יידישע אַגראַר־קאָאָפּעראַציע, וואָס דינט אַלס מוסטער פון די שעפערישע ווערטן, וועלכע יידן האָבן בייגעשטייערט פאַרן פּראָגרעס פון ארגענטינער מלוכה־לעבן.

CHICAGO PUBLIC LIBRARY
Yid 918.2
T86
cop. 3
DISCARDED

# XI
# קאָלאָניסטישע שטעטלעך

ג.

קליין, אָרים, ווו מער און ווו ווייניקער ריין, פרימיטיו לויטן לעבנס־שטייגער און לויט די טעכנישע איינריכטונגען, — דאָס איז דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דעם קליינעם קאָלאָניסטישן שטעטל.

דער גורל פונם שטעטל איז פולשטענדיק אָפּהענגיק פון דעם צושטאַנד פון דער קאָלאָניע, פון איר באַפעלקערונגס־צאָל און פון איר אַרבעט. דאָס שטעטל לעבט פון דער קאָלאָניע און ממילא האָט די קאָלאָניע אַ דירעקטע השפעה אויף דער אַנטוויקלונג פון שטעטל.

דאָס שטעטל איז דער פילטער, דורך וועלכן עס גייט־דורך דאָס גאַנצע קאָלאָניסטישע לעבן. עס איז דער פאַרמיטלער אין האַנדל, דער פאַרבינדונגס־פונקט פון דער קאָלאָניע מיט דער גרויסער וועלט.

אמת, נישט דאָס שטעטל דעצידירט וועגן דעם נאַציאָנאַל־קול־טורעלן כאַראַקטער פון דער קאָלאָניע, נאָר להיפוך. אין דער הינזיכט אונטערשיידן זיך די יידישע קאָלאָניעס אַבסאָלוט גאָרנישט פון די קאָלאָניעס פון אַנדערע פעלקער, בפרט אין די געביטן, ווו עס זענען קאָנצענטרירט די קאָלאָניעס פון באַשטימטע נאַציאָנאַלע גרופּן.

די קאָנצענטרירטע ישובים פון יעדער נאַציע לייגן זייער חותם אויף דער אַנטוויקלונג פון דעם שטעטל, נישט בלויז ווירטשאַפטלעך, נאָר אויך שפּראַכלעך און קולטורעל.

אַ דאַנק דעם קאָן מען אין די קאָלאָניסטישע שטעטלעך שטענדיק — נעבן דער שפּאַנישער לאַנדס־שפּראַך — אין אַ גלייכער מאָס זיך פאַרשטענדיקן אין: יידיש, פויליש, איטאַליעניש, דייטש,

ווייסרוסיש אָדער אוקראַיניש -- אָפּהענגיק פון וועלכן עלעמענט עס באַשטייט די קאָלאָניסט־ישע באַפעלקערונג.

אין דערזעלבער שפּראַך זענען אין די שטעטלעך פאַראַן שולן, מען הערט פאָרלעזונגען און עס קומען פאָר טעאַטער־פאָרשטעלונגען.

קומט מען אין אַ שטעטל, קאָן מען לייכט אָפּשאַצן דעם נאַציאָנאַלן, גייסטיקן און אַפילו פינאַנציעלן פּרצוף פון דער קאָלאָניע, ווייל יעדע געשעעניש, יעדע אַרבעט, יעדע באַוועגונג אין דער קאָלאָניע געפינט אַ ווידערקלאַנג אין דעם שטעטל.

דאָס שטעטל און די קאָלאָניע דערגענצן זיך און בילדן איין גאַנצקייט. דאָס איז, איבריקנס, גאַנץ פאַרשטענדלעך.

דער גרויסער מהלך, וואָס טיילט אָפּ איין קאָלאָניסט פון אַנדערן, די אוממעגלעכקייט זיך אויסצולעבן געזעלשאַפטלעך אין דער קאָלאָניע גופא, הגם כמעט אומעטום זענען פאַראַן אַזוינע גערופענע סאַלאָנען, באַוועגט די מערהייט קאָלאָניסטן זיך אויסצולעבן אין שטעטל.

אַז עס קומען אַרטיסטן שפּילן טעאַטער, געשעט עס אין דעם שטעטל, דאָס קינאָ איז טעטיק אין שטעטל (דאָס אויך — נישט יעדן טאָג, נאָר צוויי אָדער דריי מאָל אַ וואָך) א. א. וו. א. א. וו.

אָבער פאַראַן נאָך וויכטיקערע מאָמענטן, וואָס זענען דערצו גורם, — דאָס איז: די שולע פאַרן קינד.

אין דער קאָלאָניע זענען נור פאַראַן צוויי עלעמענטאַרע שולן: די רעגירונגס-שולע און אַ יידישע שולע, אַ מין חדר, וואָס ווערט אויסגעהאַלטן דורך די קאָלאָניסטן גופא.

דאָס לער־פּראָגראַם פון דער שפּאַנישער שולע איז אַבסאָלוט נישט צופרידנשטעלנד (וועגן דער יידישער שולע איז שוין אָפּגערעדט) און די עלטערן מוזן דעריבער זייערע קינדער שיקן ווייטער צו לערנען אין שטעטל אַריין.

און שוין צום סוף — דאָס סאַמע וויכטיקסטע:

אין דער קאָלאָניע איז נישט פאַראַן קיין דאָקטאָר, אַמבולאַ־

טאַריע, מעדיציניש ע הילף אין פאַל פון אַן אומגליק. ווען אַ שפּיטאָל אָדער אַפּטייק איז שוין אָפּגעערדט.

אויך דער פּאָסט־אַמט, קאָאָפּעראַטיוו מיט אַלע האַנדלס־אונטערנעמונגען געפינען זיך אין שטעטל — און לעצטנס האָט אַפילו די יק״אַ די ביוראָ פון איר קאָלאָניע־אַדמיניסטראַציע אויך איבערגעטראָגן אין שטעטל אַריין.

גענוג, דאַכט זיך, די פּאָר פאַקטן, בכדי צו פאַרשטיין, ווי ענג צוזאַמענגעבונדן עס איז דאָס שטעטל מיט דער קאָלאָניע.

.2

נישט מער, ווי די באַן־רעלסן מיטן וואָקזאַל־בנין פון איין זייט און „גאַלפּאַן" (תבואה־שפּייכלער) פון דער אַנדערער זייט טיילן־אָפּ די קאָלאָניע נאַרסיס־לעווען פון דעם שטעטל בערנאַסקאָני.

עטלעכע פאַרהעלטניסמעסיק לאַנגע און גענוג ברייטע גאַסן מיט נידעריקע פאַרטער־מויערן, מיט אַ באַפעלקערונג, וואָס באַשטייט סך־הכל פון עטלעכע הונדערט פאַמיליעס — דערמיט הויבט זיך אָן און עס ענדיקט זיך דאָס גאַנצע שטעטל.

און אַז עס פאַלט־אַראָפּ אַ רעגן, דאַרף מען זיין אַ העלד, בכדי צו קאָנען אַריבערגיין די גאַס פון איין טראָטואַר אויפן צווייטן. און אַז קיין רעגן איז נישטאָ און די זון ברענט — וואָס דאָס איז אין דעם פּאַמפּאַ־שטעטל נישט קיין זעלטנהייט — דאַן איז ווידער שווער זיך צו געפינען אויף דער גאַס צוליב די שרעקלעכע קנוילן שטויב, וואָס די דורכפאָרנדיקע אויטאָס אָדער פורן לאָזן איבער הינטער זיך, דען די גאַסן זענען זאַמדיקע. בערנאַסקאָני איז נישט קיין אויסנאַם אין דער הינזיכט. אַזוי זעען אויס ס'רוב אַרגענטינער שטעטלעך, אַפילו די, וואָס האָבן אַ גרעסערע באַפעלקערונג, ווי אין בערנאַסקאָני.

דאָך אָבער אונטערשיידט זיך בערנאַסקאָני אין פיל הינזיכטן פון די אַנדערע קאָלאָניסטישע שטעטלעך. דאָ דערפילט מען בולט, ווי שטאַרק די קאָלאָניע ווירקט אויפן לעבן פון דעם שטעטל —

אין איר אָרימקייט און אין איר אָרגאַניזאַציע.

בערנאַסקאָני איז נישט קיין האַנדלס־שטעטל, עס איז גיכער אַ טראַנזיט־שטעטל פאַר די אַגראַר־פּראָדוקטן פון די אַרומיקע קאָלאָניעס, אויב אין די קאָלאָניעס איז פאַראַן אַ גערעטעניש.

אין גאַנצן שטעטל זעט מען קוים עטלעכע קראָמען און עס זענען פאַראַן קוים עטלעכע פּריוואַטע הענדלער. די פּאָר הענדלער, וואָס זענען יאָ פאַראַן, האַנדלען מיט די פּריוואַטע קאָלאָניסטן פון דער שכנותדיקער געגנט, מיט וויזשאַ־אירים, וויזשאַ־אַלבאַ, ראַנדאָ און אַבראַמאָ, אָבער נישט מיט די קאָלאָניסטן פון זייער אייגענער געגנט.

דאָס געשעט צוליב דעם קאָאָפּעראַטיוו „על פּראָגרעסאָ", וואָס האָט צוליב דער מוסטערהאַפטער אָרגאַניזאַציע פולשטענדיק דער־אָבערט דעם מאַרק, סיי אויפן געביט פון פאַרמיטלען אין פאַרקויפן די אַגראַר־אַרטיקלען פון די קאָלאָניסטן, סיי אויך דורכן פאַרזאָרגן די קאָלאָניסטן מיט אַלעם נויטיקן.

עס געהערט צו די וווּנדערבאַרסטע בילדער, דער מאַנטאָג־פרי, ווען פאַר דעם קאָאָפּעראַטיוו פאַרפאָרן די צוויי־רעדערדיקע „סול־קעס" מיט די קאָלאָניסטן, וועלכע פירן דאָרט דורך אַלע נויטיקע טראַנזאַקציעס.

איך האָב בייגעוווינט עטלעכע שעה אַרבעט פון דעם דאָזיקן קאָאָפּעראַטיוו, און איך האָב געזען, ווי יעדער קאָלאָניסט ווערט געדולדיק אויסגעהערט דורכן „גערענטע" (דירעקטאָר) פון דעם קאָאָפּעראַטיוו, אָדער דורך אַ פּרעזידיום־מיטגליד. אין משך פון אַ פּאָר שעה האָט מען זיך דאָ געקאָנט ליכט אָריענטירן וועגן אַלע דאגות פון די קאָלאָניסטן.

אַלס באַווייז ווי דער קאָאָפּעראַטיוו איז פּאָפּולער און באַליבט, קאָן דינען דער פאַקט, וואָס אויסער די קריסטלעכע קאָלאָניסטן, וואָס וווינען אין שכנות פון בערנאַסקאָני און געהערן צום יידישן קאָאָפּעראַטיוו, געהערן דאָרט אויך די האַנטווערקער און אַרבעטער,

וואס ווינען אין שטעטל און באדינען די קאלאניסטישע איינווינער.

דער בערנאסקאניער קאאפעראטיוו האט זיינער צייט איבערגעלעבט עטלעכע קריזיסן און האט שוין צוויי מאל געהאט באנקראטירט, ווייל די ווירטשאפט איז נישט געווען קיין ראציאנעלע. מען האט געלעבט מיטן טאג און מען האט נישט געטראכט וועגן דעם מארגן.

ערשט אין די לעצטע יארן איז פארגעקומען א גרינטלעכע רעפארם אין דער טעטיקייט פון קאאפעראטיוו, אזוי אז דאס האט דערפירט צו א געוואלדיקן אויפשטייג, און נישט בלויז מען צאלט שוין אויס דיווידענד די מיטגלידער, נאר מען האט אייך פונם עודף געשאפן א היבשן אייזערנעם פאנד. מען גרייט זיך איצט צו בויען אן איינענעם, מאדערן־איינגעארדנטן בנין מיט גרויסע סקלאדן און אלע נויטיקע איינריכטונגען.

אזוי ארום איז דער קאאפעראטיוו געווארן אן אקטיווער מיטבויער פון דער קאלאניסטישער עקזיסטענץ אויף די געזונטע יסודות פון א געמיינזאמער צוזאמענארבעט און סאלידאריטעט פון דעם גאנצן פאראינטערעסירטן כלל.

.3

צוליב דער פארמיטלונג פון דעם קאאפעראטיוו האט די סאלאניע ארויסגענומען פון דעם שטעטל יעדע ווירטשאפטלעכע איניציאטיוו, שאפנדיק דארט אן אפאטישע שטימונג אויך אויפן נעביט פון דער קולטורעלער און געזעלשאפטלעכער ארבעט. דעריבער איז נאכמער צו באוואונדערן די ענערגיע, מיט וועלכער עטלעכע אידעאליסטן, אמתע, אויפריכטיקע פאלקס־מענטשן באמיען זיך גובר־צו־זיין די דאזיקע אפאטישע שטימונג און ארייצוברענגען א ביסל לעבן, דורכן דערנענטערן די יידישע איינוווינער, בפרט די יידישע יוגנט, צו די אוצרות פון דער יידישער קולטור. די פראווינץ (די קאלאניעס, פונקט ווי די קליינע שטעטלעך) איז אין דער הינזיכט שטארק פארנאכלעסיקט. פון דעם

צענטער פון ארגענטינער יידישן לעבן זאָרגט מען, ליידער, זייער ווייניק וועגן דעם. פון אויסלאַנד איז דאָך שוין אָפּגערעדט.

בערנאסקאָני ליגט ווייט פון בוענאָס־איירעס, די רייזע־הוצאות זענען זייער טייער און מען קאָן זיך נישט דערלויבן אוי־רעם לוקסוס אראָפּצובריינגען אָפּט געסט, אַלץ איינס, צי דאָס וועלען זיין שרייבער אָדער קינסטלער. זעלטן ווען א שרייבער אָדער סתם קינסטלער איז זיך מטריח אויף דעם ווייטן מהלך פון בוענאָס־איירעס ביז דער פּאמפּא, אויב ער מאכט נישט קיין רייזע איבער דער גאַנצער געגנט. איבעריקנס, נישט יעדער קען זיך דערויף דערלויבן, אויב ער האָט נישט קיין ספּעציעלן רייזע־צוועק. די איינציקע, וואָס קומען יאָ אהין, זענען טאקע די קאמפּיין־אָרגאַניזאַטאָרן, די געלט־זאמלער אויף פארשיידענע גרויסע און קליינע, מער און ווייניקער וויכטיקע צוועקן. פון זיי לאָזט שוין קיינער נישט דורך די פאַרוואָרפענע פּאמפּא־ווינקעלעך. אָבער די פּאמפּא־איינוווינער זענען ליב־האַרציקע מענטשן. זיי פרייען זיך מיט יעדן גאַסט, אַלץ איינס, צי ער איז געקומען אהין פון זיין אייגענער איניציאַטיוו, סתם זען ווי זיי לעבן, אָדער ער איז געקומען מיט א ספּעציעלער געזעלשאַפטלעכער מיסיע. זיי נעמען אויף יעדן איינעם בסבר פנים יפות און ווילן פון אים עפּעס געניסן, הערן א ניי וואָרט, הערן א גרוס פון דער גרויסער וועלט, הערן א גרוס פון דעם יידישן לעבן און שאַפן, פון די יידישע פריידן און יידישע ליידן.

וואָס קלענער דאָס שטעטל, וואָס אָרעמער, אַלץ באַשיידענער און אַלץ האַרציקער זענען די אָרטיקע מענטשן.

אָן שום טענות, אָן שום פּרעטענזיעס און — אָן שום סנאָביזם, מיט וועלכן עס צייכענען זיך דווקא יאָ אויס די מענטשן אין די גרויסע שטעט.

איך דערמאָן זיך דעם באַזוך אין דער בערנאַסקאָניער פאָלקס־ביבליאָטעק, וואָס ווערט מיט אזוי פיל מי אויפגעהאַלטן דורך געציילטע אָרטיקע עסקנים. מיט וואָס פאר א שטאָלץ האָבן זיי

מיר געוויזן דאָס פּראָטאָקאָל־בוך, אין וועלכן עס האָבן זיך איינגעשריבן, בעת זייערע באַזוכן אין בעריאַסקאָני, ה. ד. נאָמבערג, פּרץ הירשביין, זלמן רייזין. זיי זענען שטאָלץ, וואָס מען קומט צו זיי, אָבער נאָך מער שטאָלץ זענען זיי, וואָס זיי קאָנען זיך באַווייזן מיט העלפער־עס־אין קולטור־ארבעט. און צייט־צו־צייט מאַכן זיי טאָסע אַן אונטערנעמונג לטובת דער ביבליאָטעק, לייגן זיך אַליין צונויף א פּאָר פּעזעס און קויפן ־ איין נייע ביכער, בכדי אויפצוהאַלטן די עקזיסטענץ פון דער ביבליאָטעק, בכדי זיך נישט צו לאָזן באַהערשן דורך די פרעמדע השפעות, וואָס גרייפן־אָן אַזוי שטאַרק און רייסן זיך אריין אין דעם יידישן לעבן.

די דאָזיקע ארבעט איז איינס פון די רינגעלעך, וואָס האַלטן־אויף און בינדן צוזאמען די גאָלדענע קייט פון דעם יידישן פאָלקס־לעבן, און ווי לאַנגווייליק עס זאָל נישט זיין דאָס ראָזיקע שטילע און רואיקע לעבן פון אזא מין בערנאַסקאָני, איז עס אָבער פיל ווערטפולער און שענער פון דעם רוישיקן לעבן אין א סך גרעסערע שטעט, וואָס איך האָב באַזוכט.

XII

# ר י ו ע ר א

.1

דער גאסט, וואָס קומט צופאָרן דאָס ערשטע מאָל אויף דער־
באן־סטאציע ריוועראַ, דערזעט פאַר זיינע אויגן אַן אויסערגע־
וויינלעך בילד.

דאָס גאנצע שטעטל, יונג און אַלט (בפרט טאַקע יונג), מע־
נער און פרויען, געפינען זיך אויפן וואקזאל און קוקן־אָן מיט
נייגיריקייט יעדן אָנגעקומענעם, ווי מען וואָלט עמיצן געזוכט.
אַ טייל פון די אָנוועזנדע לאָזן זיך מיט אימפעט צום פּאָסט־
וואַגאָן און כאַפּן די ציייטונגען, וואָס דער צוג האָט געבראַכט פון
בוענאָס־איירעס.

אויב דער אָנגעקומענער געהערט צו דער קאַטעגאָריע „חשובע
געסט” און איז נישט איבעריק באשיידן, דאַן דוכט זיך אים,
אַז כמעט דער גאנצער עולם איז אים געקומען מקבל־פּנים זיין.
בפרט נאָך, אַז אַלע קוקן דעם גאסט אין די אויגן אריין, מעסטן
אים אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס, באַקוקן אפילו זיינע וואַליזקעס,
בכדי לויט די אָנגעקלעפּטע קוויטלעך זיך איבערצוציינגן, צי איז
דער גאסט אַ וועלט־רייזנדער, אָדער נור סתם אַ „וויאַכאַנטע”
(רייזנדער).

ערשט ווען דער עולם פאַרלאָזט שוין דעם וואקזאל, איבער־
ציינגט זיך דער גאסט, אַז ער האָט אַ קליינעם טעות געהאַט,
נישט אים איז מען געקומען אָפּוואַרטן און נישט אים האָט מען
עס געמיינט. דער עולם גייט זיך אוועק אין זיין וועג און דער
גאסט מיט זיינע פאַר געציילטע באַגלייטער — אין זייער וועג.

מען קומט אויפן וואקזאל אָפּוואַרטן דעם צוג סתם צוליב אַ
שטיקל פאַרווייליונג. דאָס געהערט שוין צום געוויסן מין פאַרווײ־

לונגען פאַר די איינוווינער, בפרט פאַר דער יוגנט, פון די קאָלאָניסטישע שטעטלעך.

קיין סך אַטראַקציעס האָט מען נישט דאָרט. ווען אַ טעאַטער איז דאָך שוין אָפּגעערדט. בלייבט דאָס קינאָ, עס בלייבן די פּאַריינס־קלובן און קאַפעען, אָבער וויפל איז עס דער שיעור דאָרט צו זיצן? עס קאָן דאָך אויך דערעסן ווערן. בפרט האָט עס אַ קנאַפּן אינטערעס צו זיצן אין די קאַפעען פאַר די, וואָס שפּילן נישט קיין קאָרטן, דאָמינע אָדער „דאַרע". נוצט מען טאַקע אויס דאָס אָנקומען פון די צוגן אַלס אָרט פון ראַנדעוווּ און שפּאַציר פונם גאַנצן שטעטל. איבעריקנס, דאָס אָנקומען פון אַ צוג איז אויך נישט קיין טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. דאָס געשעט קוים צוויי מאָל אַ וואָך...

דער עולם זוכט מיט אַלע מעגלעכקייטן זיך אויסצולעבן, אַ ביסל זיך אָפּצופרישן. יעדער איינער חלומט וועגן דער מעגלעכקייט אַ ביסל אַרומצופאָרן, אָבער נישט יעדער און נישט שטענדיק קאָן מען זיך דערויף דערלויבן. קומט מען כאָטש זען, ווי אַנדערע פאָרן און מען טרייסט זיך דערמיט.

עס איז אַפילו אַ קנאַפּע טרייסט—אָבער באין ברירה, מוז מען זיך דערמיט באַנוגענען.

.2

אַנדערש, גאָר אַנדערש זעט אויס ריווערא אין פאַרגלייך מיט אַנדערע קאָלאָניסטישע שטעטלעך. נישטאָ דאָ די רואיקייט, נישטאָ די פאַמעלעכדיקייט. אַ פּסדרדיקע באַוועגונג, אַ בסדרהדיקער טומל. מען פאָרט מיט אויטאָס (טאַקע פּריוואַטע, שיינע אויטאָס) און מיט „סולקעס" אַהין און צוריק.

גרויסע ריזיקע געשעפטן אָנגעפּאַקט מיט סחורות און -- מיט יוניב

אויף די „קאַסעטשע" איז גוט, קויפט מען פאַר געלט; איז זי ווידער שלעכט, קריגט מען אויף קרעדיט. דער סוחר האָט צוטרוי

צוב קאָלאָניסט, ער וועט שוין בײַ אים אָפּנעמען, ווען די צײַט וועט קומען.

די מערהייט כוהנים זענען אַליין קאָלאָניסטן אָדער געווו. קאָלאָניסטן, מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס: אָדער מען איז אַוועק פון דער קאָלאָניע אין דעם שטעטל און זיך גענומען צום מסחר, אָדער מען איז געקומען אַלס הענדלער און דערשלאָגנדיק זיך נור צו אַ ביסל קאַפּיטאַל, קויפט מען אַ שטיקל באָדן אַלס אַ זיכערע לאָקאַטע פון דעם קאַפּיטאַל. אַ סך פון די ריווערער אײַנוווינער זענען טאַקע גלײַכצײַטיק אי סוחרים אין שטעטל, אי קאָלאָניסטן אין דאָרף. פאַראַן אַפילו אַזעלכע, וואָס באַאַרבעטן אַליין דעם באָדן און אין געשעפט זיצן זייערע קינדער. פאַראַן אָבער אַנדערע, וואָס טוען להיפוך: אין דער קאָלאָניע אַרבעטן זייערע קינדער און אַליין, אויף דער עלטער, רוען זיי זיך אויס אין שטעטל בײַם זיכערן און רואיקערן געשעפט, ווו מען דאַרף נישט אַזוי שווער האָרעווען, בכדי צו האָבן פּרנסה בריווח.

ריווערא איז אַ יידיש שטעטל. 95 פּראָצענט זענען דאָרט יידן. די דאָזיקע יידן בילדן אָבער אַ ספּעציפיש פאַרשיידנאַרטיקן עלעמענט. פון איין זײַט — אַ שטאַרקע אָפּגעשטאַנענקייט אויפן געביט פון דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אַרבעט, פון דער אַנדערער זײַט ווידער — אַ דראַנג צו געזעלשאַפטלעכער און פילאַנטראָפּישער אינציאַטיוו. די שטאָט פאַרמאָגט סך־הכל איין יידיש־רעליגיעזע שולע מיט אַ פאַרהעלטנישמעסיק קליינער צאָל קינדער, מיט אַ גאָר קנאַפּן אינטערעס פון די אָרטיקע עסקנים פאַר דער אַנטוויקלונג פון זייער איינציקער יידישער שולע; אַ קולטור־צענטער מיט אַ ביבליאָטעק, ווו דער אינטערעס פאַר די שפּאַנישע ביכער איז פיל גרעסער, ווי דער אינטערעס פאַרן יידישן אָדער העברעישן בוך — מיט איין וואָרט, אַ שטאַרקע פאַרנאַכלעסיקונג אויפן קולטורעלן געביט. מיט אַן ערך 20 יאָר צוריק איז אין ריווערא אַפילו געווען אַ יידישע צײַטונג, דאָס „ריווערער וואָכנבלאַט“, וואָס האָט זיך געוועצט אין דער אָרטיקער יידישער דרוקערײַ, ווו דער זעצער איז

געווען — אַ קריסט. יעדעס אות פון מאַנוסקריפּט און יעדעס אות אינם זאַץ־קאַסטן איז געווען באַצייכנט מיט אַ נומער און אויף אַזאַ אופן האָט דער קריסטלעכער זעצער צונויפגעשטעלט דעם גאַנצן אינהאַלט פון דער צייטונג. היינט איז שוין נישטאָ קיין זכר נישט פון דער צייטונג און נישט פון דער יידישער דרוקעריי. דער אַמאָליקער רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער, ה' הירשענהאָרן, דערמאָנט בלויז זיין צייטונג, דורך וועלכער ער האָט געוואָלט דערהויבן דאָס לאָקאַלע יידישע לעבן... דערפאַר אָבער קאָן זיך ריווערא יאָ מיט שטאָלץ באַווייזן מיטן שפּיטאָל, איינע פון די שענסטע און מוסטער־האַפטסטע אינסטיטוציעס אין דער אַרגענטינער יידישער פּראָווינץ.

עס שטייט אין צענטר שטאָט, אויף דער אַוועניד פון באַראָן הירש, אויך אַ גרויסער, נייזט־פאַרעדיקטער בנין פון א נייער, מאָדערנער שול. אמת, די באַפעלקערונג אין ריווערא איז נישט שטאַרק רעליגיעז און אַ גאַנץ יאָר דאַוונט דאָרט קוים אַ מנין יידן, אָבער דערפאַר ראש־השנה און יום־כפור איז די נאָכפראַגע אויף עהטער אין דער שול אַזוי גרויס, אַז אַפילו דער נייער בנין קאָן אויך אַמאָל נישט געניגן.

אויך די ריווערער „חברה קדישא" קאָן זיך באַווייזן מיט אידעע וויכטיקע אויפטוען. דער בית־עולם אין ריווערא געהערט צו די שענסטע, אַמבעסטן אָפּגעהיטענע, מיט אַספאַלט באַדעקטע, מיט פאַלמען און בלומען באַפּוצטע בית־עולמס אין דער פּראָווינץ. דאָ געפינען זיך די קברים פון די פּיאָנערן פון דעם יונגן קבוץ.

.3

ריווערא איז אַ קאָלאָניסטיש האַנדלס־שטעטל.

פאַראַן אין דעם שטעטל אַ קאָאָפּעראַטיוו, אָבער דער פּריוואַ־טער האַנדל באַמיט זיך מיט אַלע מיטלען אָפּצוציען דעם קאָלאָניסט פון זיין קאָאָפּעראַטיוו. מען לאָקט דעם קאָלאָניסט נישט בלויז מיט קרעדיטן, אַמאָל מיט הלוואות, נאָר אויך מיט קאָנקורענץ־פּרייזן.

דאָ, אין ריווערא, אַנטפּלעקט זיך טאַקע דער קאַמף צווישן

דער קאָאָפּעראַטיווער אידעע און דער פּריוואַטער איניציאַטיוו.

שווער צו זאָגן גענוי, ווער עס גייט־אַרויס אַלס זיגער פון דעם דאָזיקן קאַמף.

אין בערנאַסקאָני איז דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן קאָנסאָלידירט און דעריבער האָט דער קאָאָפּעראַטיוו א דעצידירטן איינפלוס אויף די קאָלאָניסטן.

אין ריוועראַ איז שוין די לאַגע אַנדערש: אין קאָאָפּעראַטיוו קעמפן צווישן זיך פאַרשיידענע אַנשוויאונגען און גרופּן, און דערבער נוצט עס אוים די פּריוואַטע איניציאַטיוו פאַר אירע ציוועקן.

איז טאַקע בערנאַסקאָני א רואיק, מאָנאָטאָן שטעטל, און ריוועראַ איז טומלדיק, לעבעדיק, רירעוודיק.

עס איז א יידיש שטעטל מיט אַלע „פּיטשעוקעס"...

# XIII
# רעוואָלוציאָנערן

## 1.

אויף דער ברייטער הויפט־גאס פון וויזשא־אלבא, וואָס טראָגט דעם קלינגענדיקן נאָמען „קאזשע מאקס נאָרדווי'' (מאקס נאָרדוי־גאס), אויפן וועג פון דעם שטעטל צו דער קאָלאָניע, האָב איך אָנגעטראָפן א ייד, א זקן, מיט א לאנגער שניי־ווייסער באָרד, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון דער ארבעט אין דאָרף.

דאָס פעלד פון דעם זקן געפינט זיך נאָנט פונם שטעטל — און דער אַלטער קאָלאָניסט האָט ליב צו מאַכן א שפּאַציר צופוס.

— באָטש די כוחות זענען שוין נישט ווי מיט 20 צי 30 יאָר צוריק — זאָגט דער אַלטיטשקער — דאָך וויל איך מיך נאָך נישט אונטערגעבן דער זקנה. איך אַרבעט אליין און שפּאַן־דורך מיין „טשאקרע'' צופוס.

דער זקן (ער הייסט פרידענזאָן און שטאַמט פון כערסאָנער גובערניע) איז נישט בלויז איינער פון די ערשטע תושבים אין וויזשא־אַלבאַ, נאָר ער איז אויך איינער פון די ערשטע יידישע קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע. איידער ער איז געקומען קיין וויזשא־אַלבאַ, האָט ער שוין געהאַט הינטער זיך קנאַפּע 20 יאָר לעבן און אַרבעט אין דער יק''א־קאָלאָניע אין מאָזעסוויל.

ער, צוזאמען מיט אַנדערע קאָלאָניסטן, וואָס געפינען זיך שוין היינט אויפן עולם־האמת: דרייזנער, אַגולניק, גאלאנטערניק, וועגמענס קינדער עס געהערן היינט צו די אָנפירער פון דעם יידישן לעבן אין וויזשא-אלבא, האָבן מיט אַן ערך 30 יאָר צוריק אָרגאַניזירט אין דער מאָזעסווילער קאָלאָניע א „רעוואָלוציע'' קעגן דער אַפּוטרופּסות פון די יק''א־באַאַמטע, אַוועק פון מאָזעסוויל אין די פּאַמפּאַ־געגנטן, אָפּגעקויפט דאָרט א ריזיקן ערד־שטח, וואָס איז געווען באַדעקט מיט וואַלד, אויסגעהאַקט די ביימער, דורכגעפירט

וועגן, צעגויפגעקלאַפּט אין אַ לאַנגער ריי עטלעכע צענדליק פּריי־מיטיווע ווױן־הייזער — און אַזוי־אַרום געשאַפן פאַר זיך די נייע היים.

די „רעוואָלוציע", צו וועלכער עס זענען צוגעשטאַנען העכער 30 פאַמיליעס, האָט אויפגערודערט דעם יונגן אַרגענטינער ישוב. שוין פריער האָבן זיך כסדר געהערט שטימען פון אומצופרידנקייט לגבי די יק"א־פאַרוואַלטער אין די קאָלאָניעס; שוין פריער האָט מען פּראָטעסטירט קעגן דעם סיסטעם פון דער יק"א־ווירטשאַפט און יק"א־פּאָליטיק בנוגע די קאָלאָניסטן. יחידים האָבן פאַרלאָזט די יק"א־קאָלאָניעס, אָבער זעלטן ווער פון די דאָזיקע יחידים איז אַוועק אין אַן אַנדער קאָלאָניע און געבליבן ביי דער לאַנדווירט־שאַפט. די מערהייט פון די אומצופרידענע זענען אַנטוישטע אַוועק אין די שטעט, זיך גענומען צום מסחר און פאַרגרעסערט די צאָל פון די שטאָטישע איינוווינער.

די „רעוואָלוציאָנערן" פון מאָזעסוויל האָבן אויך געהערט צו די אומצופרידענע און אַנטוישטע, אָבער דאָס איז נאָר נוגע געווען דער יק"א־ווירטשאַפט און בשום אופן נישט דער עצם־אידעע פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע. זיי זענען דעריבער אַוועק פון דער יק"א־קאָלאָניע אויף די ווילד־פאַרוואַקסענע פעלדער פון היינטיקער ווי־זשאַ־אַלבאַ, בכדי דאָ צו שאַפן די ערשטע פּריוואַטע יידישע קאָ־לאָניע.

דאָס איז געווען אַ געוואַגטער שריט מצד די יידישע קאָלאָ־ניסטן. מיט איינענער איניציאַטיוו, פאַר איינן געלט, מיט אייגענער אַרבעט האָבן זיי אויפגעבויט זייער נייע היים און זייער ניי לעבן. אָן שום טומל, אָן שום געזעלשאַפטלעכער הילף און די הויפּט־זאַך — אָן דער בייטש פון די יק"א־באַאַמטע, וואָס האָבן זיך אַזוי געמאַכט פאַרהאַסט ביי דער אַבסאָלוטער מערהייט פון די יידישע קאָלאָניסטן.

די ערשטע קאָלאָניע פון דער אַנטי־יק"א־רעוואָלוציע איז אויך

געווען דער אָנהויב פון אַ נייער עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער אַרגענטינער יידישער קאָלאָניזאַציע.

מען קאָן עס באַצייכענען אַלס עפּאָכע פון דער פּריוואַטער איניציאַטיוו אויפן קאָלאָניזאַטאָרישן געביט.

עס בלייבט נאָר אַ פראַגע: צי איז דער דאָזיקער עקספּערימענט געלונגען?

.2

דער אַלטער קאָלאָניסט באַגלייט מיך איבערן שטעטל און דערציילט מיר אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן וועגן דער אַנטשטייאונג פונם נייעם ישוב.

— געווים איז וויזשאַ־אַלבאַ נישט בוענאָס־אייריעס און אַפילו נישט באַהיאַ־בלאַנקאַ... געווים קאָן מען עס מיט קיין לייטישער שטאָט נישט פאַרגלייכן... אָבער אַז איך דערמאָן זיך די צייטן, ווען מיר זענען אַהערגעקומען, ווי אַלץ איז דאָ געווען ווילד, בלויז וועלדער און פעלדער, דאַן קומט מיר היינט אויס דאָס שטעטל צו זיין אַ גן־עדן... ווען מיר זענען אַהערגעקומען האָט מען דאָ קיין „ווייסע" נאָך נישט געזען, אַפילו די „קריאָזשאָס" זענען דאָ געווען זעלטענע געסט. די איינציקע איינוווינער זענען דאָ געווען „אינדיאָס", די לעצטע מאָהיקאַנער פון די אורהערשער פון די ארגענטינער סטעפּעס. וויזשאַ־אַלבאַ איז באַשטאַנען פון אַ גרויסן וואַלד, וואָס איז געווען צעשפּרייט איבער דעם ברייטן שטח, דורך וועלכן די ענגלישע באַן־געזעלשאַפט האָט דורכגעפירט די באַן־ליניע — די ערשטע אויפן דרום פון ארגענטינע. ביי די ברעגעס פונם וואַלד האָבן זיך געפונען עטלעכע „ראַנטשאָס" (פּרימיטיווע וווין־כאַטעס), וווּ עס האָבן געוווינט עטלעכע אינדיאַנישע פאַמיליעס. קיינער האָט די „אינדיאָס" פון זייער אָרט נישט פאַרטריבן. זיי האָבן זיך אָבער באַצווינגן מיט אַזאַ אומצוטרוי צו די „ווייסע", אַז ווען יענע זענען נאָר דערשינען אין די וועלדער, האָבן זיך די „אינדיאָס" גלייך אָפּגעטראָגן ווייטער, אויף אַ נײַ־אָרט, וווּ די „ווייסע" זענען נאָך דאַן נישט דערגאַנגען. וואַנדערנדיק אַזוי פון אָרט צו אָרט און

טווישנדיק אַפּט די וווין־ערטער און די קלימאַטישע לעבנס־באַדינגונגען, זענען די „אינדיאַנס" צו ביסלעך אינגאַנצן נעלם־געוואָרן פון דער ערד—זיי זענען אויסגעשטאָרבן. אָבער די יידישע קאָלאָניסטן האָבן דערצו אַבסאָלוט נישט גורם געווען. אין קעגנטייל, ווען די נייע קאָלאָניסטן זענען אָנגעקומען, האָבן זיי שטענדיק געזוכט אַ קאָנטאַקט מיט די אַלט־איינגעזעסענע תושבים און זיי צוגעצויגן צו דער אַרבעט ביים בויען די נייע היים. נישט שטענדיק און נישט אומעטום איז דאָס געלונגען, ווייל נישט שטענדיק זענען געווען דערצו די נויטיקע אָביעקטיווע באַדינגונגען, וואָס האָבן דאָס מעגלעך געמאַכט. אין די פאַלן, ווען דאָס איז נישט געלונגען, האָבן די קאָלאָניסטן געמוזט די גאַנצע אַרבעט אויספירן מיט אייגענע כּוחות אָדער ברענגען הילף פון די שכנותדיקע געגנטן.

אַזוי זענען אַנטשטאַנען אַלע ישובים. אַזוי איז אויך אַנטשטאַנען ווילשאַ־אַלבאַ — די ערשטע קאָלאָניע פון די אַנטי־יק"א־רעוואָלוציאָנערן.

.3

אויסערלעך אונטערשיידן זיך די דאָזיקע „פּריוואַטע" שטעטלעך פון די קאָלאָניסטישע „רעוואָלוציאָנערן" וויניק־וואָס פון די שטעטלעך, וואָס געפינען זיך אין צענטער פון די יק"א־קאָלאָניעס.

עס זענען אַלץ שטעטלעך פון איין און דעמזעלבן כאַראַקטער, מיטן זעלבן בוי־סיסטעם פון די הייזער, דעם זעלבן אויסזען פון די גאַסן. עס הערשט דאָרט די זעלבע פּראָווינצערישע רואיקייט מיט די זעלבע פּאַרטיי־דייסעניש און כּבוד־זוכעריי, אָבער גלייכצייטיק מיט דער זעלבער האַרציקייט און גאַסטפריינטלעכקייט פאַר אַן אורח.

דער איינציקער סימן, לויט וועלכן מען קאָן אונטערשיידן ביידע קאַטעגאָריעס שטעטלעך, ד. ה., צי עס איז אַ שטעטל פון דער יק"א־קאָלאָניע אָדער פון די „רעוואָלוציאָנערן", איז דער אונטערשייד אין די נעמען פון די גאַסן.

דוכט זיך אַ קלייניקייט — און דאָך אַ וויכטיק פּראָבלעם.

אין די אַזוי־גערופענע יק"א־שטעטלעך איז איינע פון די

הויפט־גאַסן באַצייכנט מיטן נאָמען פון באַראָן הירש. אומעטום טרעפט איר געפֿן די גאַסן פון „סאַן־מארטין", „דיוואראַוויאַ", „איריגאַזשען", סאַרמיענטאָ" אויך אַ „קאַזשע" (גאַס) אָדער „אַווענידאַ" (אַליי) פון „באַראָן הירש"; דאַקעגן אין די שטעטלעך פון די „רעוואָלוציאָנערן" איז דער דאָזיקער נאָמען טריף. די שנאה פון די „רעוואָלוציאָנערן" צו דער יק"א איז געווען אין יענע יאָרן אַזוי שטאַרק, אַז מען האָט זיך נוקם־געווען אָן דעם פונדאַטאָר פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע און אים נישט געוואָלט אָפּגעבן דעם כבוד פון אָנרופן אַ גאַס אויף זיין נאָמען.

היות אָבער ווי מען האָט דאָך געוואָלט, אַז אין צענטער פון אַ יידישער קאָלאָניע, אין אַ שטעטל, וואָס יידן האָבן געשאַפן, זאָל זיין כאָטש אַ שטיקל סימן פון יידישקייט, האָט מען אין וויזשאַ־אַלבאַ אָנגערופן די ברייטע הויפט־גאַס מיטן קלינגענדיקן נאָמען „אַווענידאַ מאַקס נאָרדוי". דאָס איז, אגב, די איינציקע נאָרדוי־גאַס, וואָס איך האָב באַגעגנט אין ארגענטינע.

פאַרוואָס גראָד נאָרדויס נאָמען איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר דער הויפט־גאַס פון דעם פאַרוואָרפענעם שטעטל אין דער ארגענטינער פּראָווינץ, האָט מען מיר גענוי נישט געקענט דערקלערן. די ווערסיעס, וואָס מען האָט מיר וועגן דעם ענין איבערגעגעבן, זענען גאַנץ באַרשיידנאַרטיקע און פולשטענדיק סתירהדיקע. איך האָב אָבער דעם איינדרוק, אַז די וואַרשיינלעכסטע ווערסיע וועט זיין דאָס, וואָס מאַקס נאָרדוי איז אין יענער צייט שאַרף ארויסגעטרעטן קעגן דער אַנטי־ציוניסטישער יק"א־טעטיקייט. די שפּעטער פון וויזשאַ־אַלבאַ האָבן אַזוי־אַרום געוואָלט דעמאָנסטרירן זייער קעגנערשאַפט צו דער יק"א און דעריבער באַערט דעם נאָמען פון מאַקס נאָרדוי נאָך ביי זיין לעבן.

אין די יק"א־שטעטלעך זענען פאַראַן נישט בלויז באַראָן־הירש־גאַסן, נאָר אויך קלובן, פאַרוויילונגס־זאַלן, שולן, תלמוד־תורות און אַלערליי וווילטעטיקע, רעליגיעזע און קולטור אינסטיטוציעס, וואָס טראָגן דעם נאָמען פון באַראָן הירש.

# Richard Gerrity



# Resurrected!

# Richard Gerrity

As a Gentile, I apologize for the terrible way we've treated the Jews.

I was educated at Albany Academy, St. Mark's School, Darrow, University of Virginia, Boston University Law School and Columbia Business School. I was a Captain in the U.S. Army and Assistant Attorney General in Maine. Long on ambition, I wanted to be President of the U.S., John Paul Getty and a male Pearl Mesta all rolled in one.

But facts were different than dreams. Financially strapped, I went to bed drunk 5 nights a week, my back was killing me and my second wife was divorcing me. Suicide began to appear as a fairly attractive option.

When a former schoolmate asked me to attend his Bible study, I went. Within six weeks Jesus healed my alcohol problem and bad back. Later, Jesus healed my death wish.

Recently I joined Seed of Abraham, a Jewish congregation which accepts Jesus as the Messiah (my grandfather was Jewish).

**Why not make your eternal decision now:**
"Lord Jesus, I believe You died for my sins and I ask Your forgiveness. I receive You now as my personal Saviour and invite You to manage my life from this day forward.
Amen."

Please call me at (518) 465-2216.
488 Broadway • Suite 506
Albany, NY 12207

אין ווישא־אלבא איז אויף דער מאקס נאָרדוי־גאַס בּאַראַן א גרויסער, געגוג שיינער בנין, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון טעאָדאָר הערצל.

„סאָסיעדאד ד"ר הערצל" איז נישט בּלויז דאָס קולטור־הויז פון דער ווישא אלבּאַער יידישקייט, נאָר עס איז אויך די אָפיציעלע קהלה — די איינציקע פּאַקטישע קהלה־אָרגאַניזאַציע אין ארגענטי־נע, וואָס קאָנצענטרירט אין זיך די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע, סאָ־ציאַלע און נאַציאָנאַל־קולטורעלע טעטיקייט פונם שטעטל. די הערצל־קהלה איז די איינגנטימערין פונם בית-עולם, וואָס געהערט אין אלע אנדערע שטעט צו ספּעציעלע חברה־קדישאס, וועלכע זע־נען זיך מתעסק מיטן קובר־זיין מתים און בּילדן בּלויז א מין סוראָ־גאַט פון א קהלה־אָרגאַניזם.

ווישא־אלבא איז די ערשטע קאָלאָניע פון די „רעוואָלוציאָ־נערן". דער דערפאָלג פון דער ערשטער גרופּע האָט א שטויס געטון מיט עטלעכע יאָר שפּעטער א צווייטע גרופּע קאָלאָניסטן צו רעוואָ־לוציאָניזירן און צו שאַפן די קאָלאָניע, וואָס טראָגט דעם נאָמען מעדאַנאָס — א שטעטל, וואָס האָט אויך געשפּילט א וויכטיקע ראָלע אין דער געשיכטע פון ארגענטינער יידישן ישוב.

# XIV

# אויף די זאַמד-בערג פון מעדאַנאָס

## 1.

מ ע ד א נ אָ ס באַדייט אויף שפּאַניש זאַמד־בּערג. פון זאַמד־בּערג באַשטייט די געגנט, ווו עס האָבּן אויפגעבּויט זייערע געצעלטן די קאָלאָניסטן פון ענטרע־ריאָס, וואָס האָבּן — לויטן מוסטער פון די מאָזעסווילער קאָלאָניסטן — דערקלערט אַ „בּונט" דער יק"אַ און געשאַפן אין מעדאַנאָס די צווייטע, פּריוואַטע יידישע קאָלאָניע.

נישט בּלויז דאָס שטעטל געפינט זיך אויף זאַמד־בּערג, נאָר דער גאַנצער וועג, וואָס פירט צום שטעטל — איז אַ מוראדיק זאַמדיקער און בּערגיקער.

ווען מען פאָרט מיט אַן אויטאָ, אָדער אפילו מיט דער בּאַן פון באַהיאַ־בּלאַנקאַ קיין מעדאַנאָס, בּפרט אין די טרוקענע, זוניקע טעג, פילט מען גוט דעם טעם פון דעם וועג, וואָס ציט זיך דורך די זאַמד־בּערג, אָדער ריכטיקער: דורך דער גרויסער צאָל זאַמד־בּערגלעך.

דערבּיי טרעפט מען אויך דאָ די כאַראַקטעריסטישע סימנים פון די אַרגענטינער סטעפּעס. לענג־אויס די ווענן, אויף די גרויסע, בּרייטע פעלדער זעט מען ליגן אָן אַ שיעור געפגרטע בּהמות — פערד, קי, אָקסן, שעפסן. אַ סך פון די פגרים ליגן דאָרט לאַנג, זייער לאַנג און עס זענען געבּליבּן פון זיי בּלויז סקעלעטן. בּיי די איבּריקע איז דאָס פלייש נאָך נישט פאַרטריקנט געוואָרן, און ווילדע פייגל מיט שאַרפע שנאָבּלען פרעסן זיך איין אין די צעלייגטע פגרים.

אין אַנהויב מאַכט דאָס דאָזיקע בּילד אַן אומגעוויינלעכן שרעקלעכן איינדרוק, אָבּער ווען מען פאָרט אַרום איבּערן לאַנד, געוויינט מען זיך צו דערצו. מען קוקט שוין שפּעטער דערויף ווי אויף עפּעס אַ בּאַשטאַנד־טייל פון דער אַרומיקער לאַנדשאַפט, און אַמאָל

דוכט זיך גאָר, אַז דאָס איז עפּעס אַ באַפאַרבונג, כּדי זי, די לאַנד־שאַפט, זאָל נישט זיין אַזוי איינטאָניק...

די מאַכט האָט שוין עטלעכע מאָל אַרויסגעגעבן פאַראָרדנונגען קעגן דער דאָזיקער „נאַטור־באַפּוצונג", וועלכע איז געפערלעך פאַר דעם מער ווי פּרימיטיוון, סאַניטאַר־היגיענישן צושטאַנד פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג. אָבער זעלטן-ווען עס פּאַסט זיך צו צו די דאָזיקע פאַראָרדנונגען און פּגרים ליגן חדשים־לאַנג אויף די פעל־דער. אין בעסטן פאַל נעמט אַ קאָלאָניסט, שלעפּט אַראָפּ דעם פּגר פון זיין פעלד און לאָזט עס ליגן אויפן שכנס פעלד, אָדער גלאַט אויפן וועג. טאָמער געפינט זיך עמיצער, וואָס באַגראָבט שוין די בהמה, קומען ביינאַכט הינט, פויגל אָדער „מוליטאָס" (ערד־שטשור־רעס) און שלעפּן צוריק אַרויס דעם געשמאַקן ביסן פון אונטער דער ערד.

דאָס דאָזיקע בילד זעט מען אומעטום: אויפן דרום־פּונקט ווי אויפן צפון פון לאַנד, נעבן די באַן־ליניעס, פּונקט ווי נעבן די גוט־אַספאַלטירטע שאָסייען און צופעליק־דורכגעלייגטע וועגן. דאָס איז אַ דערשיינונג אין אַלע קאָלאָניעס — אין די יידישע, ווי אין די נישט־יידישע. עס איז שוין געוואָרן אַזאַ נאַטירלעכע דערשיינונג, אַז קיין שום פאַראָרדנונג, קיין שום געזעץ קאָן עס נישט אויסראָטן.

דער דאָזיקער ענין האָט אָבער גלייכצייטיק אויך אַ ווירטשאַפט־לעכע באַדייטונג: בהמות זענען אין אַרגענטינע נאָר אַ ביליק אַר־טיקל.

אַרגענטינע פאַרנעמט איינס פון די ערשטע ערטער אויפן געביט פון פי־צוכט, און אין אָט דער הינזיכט איז עס דאָס רייכסטע לאַנד אין דער וועלט.

גענוג זיך צו באַקענען מיט עטלעכע אָפיציעלע סטאַטיסטישע ציפערן. דאָס לאַנד פאַרמאָגט 10 מיליאָן פערד און געפינט זיך אויפן דריטן אָרט פון אַלוועלטלעכן פערד-מאַרק (הינטער ראַטן־פאַרבאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן). בהמות פאַרמאָגט אַרגענטי־נע העכער 30 מיליאָן שטיק, שעפּסן — 40 מיליאָן שטיק א. א. וו.

עס זענען באקאנט פיל פאלן, אז אין דער צייט פון קריזיס, ווען די פרייזן פון בהמות אויפן וועלט־מארק זענען נידריקע, לוינט נישט צו פאשען קיין בהמות און מען לאזט זיי פשוט ארומלויפן איבערן לאנד. אזוי איז געווען אין דעם קריזיס ־ יאר 1922, אזוי האט זיך עס אויך איבערגעחזרט אין די קריזיס־יארן פון 1926 ביז 1930.

דאן האט מען שוין נישט געזען קיין איינצלנע טויטע קערפערס, נאר גאנצע סטאדעס. אויך אין די צייטן פון טריקעניש, שטארקע פרעסט און ענלעכע אטמאספערישע דערשיינונגען זעט מען די דאזיקע טויטע קערפערס זיך וואלגערן איבער פעלדער.

איך האב בייגעוווינט אין א קאלאניע אזא סצענע:

מען האט געזאמלט געלט אויף א געזעלשאפטלעכן ענין. אן ארעמער קאלאניסט האט געשאנקען א סומע, וועלכע מען האט באטראכט אלס א פיל גרעסערע פון די פאקטישע מעגלעכקייטן פון דעם קאלאניסט.

ווען מען האט אים א פרעג געטון, ווי קומט ער צו געבן אזוי פיל, האט יענער גאנץ רואיק געענטפערט:

פאריקע וואך זענען אים אוועקגעפאלן 50 שעפסן. מען האט זיי אפגעשוירן און צוויי טעג שפעטער איז געקומען א פראסט און די שעפסן זענען בייינאנד פארפרוירן געווארן. זאל זיך אים עלעהיי דוכטן, אז עס זענען אים אוועקגעפאלן נאך 20 שעפסן...

דאס גנבענען בהמות איז א זעלטענע דערשיינונג: עס איז אזוי ביליק, אז עס לוינט זיך פשוט נישט.

וואס יונגע גנבים, צי דארפס־שלעפערס טוען יא, איז: מען כאפט א זשרעבאק, מען שעכט עס און מען שינדט אפ די פעל. דאס געשאכטענע זשרעבאקל לאזט מען ליגן, נאר די פעל נעמט מען אין שטאט אריין און מען פארקויפט עס אויף אויסצואַרבעטן לעדער־גאלאנטעריע פאר דאמען.

אייך דערצו זענען שוין די קאלאניסטן געוווינט.

## .2

די געשיכטע פון דער יידישער קאָלאָניזאַטאָרישער באַוועגונג איז זייער אינטערעסאַנט נישט בלויז אין איר גאַנצקייט, נאָר אויך אין אַלע אירע פּרטים. יעדער עפּיזאָד אַרום דעם ענין לייגט־צו אַ שטיקל בייסטייער צו דער אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטיק פון דער גרויסער פּיאָנערן־אַרבעט אין יידישן לעבן.

צווישן מעדאַנאָס און וויזשאַ־אַלבאַ קומט טאַקע פאָר אַ שטילע ריוואַליזירונג וועגן דער בכורה.

וועלכע פון די ביידע קאָלאָניעס איז געווען די ערשטע פּריוואַטע יידישע קאָלאָניע? וויזשאַ־אַלבאַ האָט דעם יחוס־בריוו, אַז אירע גרינדער זענען עס געווען די, וואָס האָבן אָרגאַניזירט די אַנטי־יק"א־,,רעוואָלוציע" און פאַרלאָזן די יק"א־קאָלאָניע. טענהן אָבער די גרינדער פון מעדאַנאָס, אַז זיי האָבן עס געלייגט דעם יסוד פון דער פּריוואַטער יידישער קאָלאָניזאַציע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אָן דער הילף פון דער מעכטיקער יק"א.

מען דערציילט, למשל, אַז שוין אין יאָר 1903 האָט זיך געפונען דער איטאַליענער מאַריאַנאַ , וועלכער האָט מיט דער הילף פון צוויי יידן, געלער און נודעלמאַן, אַראָפּגעבראַכט קיין מעדאַנאָס די ערשטע אומצופרידענע יידישע קאָלאָניסטן פון די יק"א־קאָלאָניעס אין ענטרע־ריאָס. נאָכמער, די צוויי יידן האָבן אפילו אַנטוויקלט אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדע־אַקציע אין דעם בוענאָס־אײַרעסער האַפן און ,,געכאַפּט" צו דער נייער קאָלאָניע אַרבעטער, וואָס זענען נאָר־וואָס אָנגעקומען פון רוסלאַנד זוכן אַרבעט אין אַרגענטינע.

דער באַרן, וואָס דער איטאַליענער מאַריאַנאַ האָט צוגעטיילט פאַר די יידישע קאָלאָניסטן, האָט זיך נישט אַרויסגעוויזן איבעריק גוט (טאַקע בלויז בערגלעך און זאַמד) און די קאָלאָניע האָט נישט געהאַט קיין אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן. ערשט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער -- ווען וויזשאַ־אַלבאַ איז שוין געווען געגרינדעט און אין מאָזעסוויל איז דערקלערט געוואָרן אַ צווייטע ,,רעוואָלוציע" קעגן יק"א— איז קיין מעדאַנאָס געקומען אַ צווייטע גרופּע קאָלאָ־

ניסטן, וואָס איז באַשטאַנען פון עטלעכע און צוואַנציק פאַמיליעס, געקויפט באָדן ביים דייטש שטרוידער און געשאַפן דעם יסוד פאַר דער נייער קאָלאָניע.

היינט איז מעדאַנאָס אַ היבש שטעטל פון קנאַפּע 6000 נפשות, צווישן וועלכע יידן בילדן העכער 15 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. אַן ערך 100 יידישע פאַמיליעס זענען באַשעפטיקט ביי דער לאַנדווירטשאַפט און אַ 50 פאַמיליעס פאַרנעמען זיך מיט מסחר, האַנדווערקעריי א. ד. גל.

דער באָדן פון מעדאַנאָס געהערט ווייט נישט צו די בעסטע אין אַרגענטינע און דער פּרייז פון באָדן איז אין דער געגנט נישט קיין פעסטער.

אָבער דאָך שטערט עס נישט, וואָס דער דאָזיקער ישוב האָט זיך, אַ דאַנק דער לאַנגיעריקער שווערער אַרבעט פון די קאָלאָניסטן, זייער שיין אַנטוויקלט און די מעדאַנאָסער יידן זאָרגן אויפריכטיק נישט בלויז פאַר די מאַטעריעלע נוצן, נאָר אויך פאַר דער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון דעם אַרגענטינישן יידישן ישוב.

זייער פאָלקס־הויז, ביבליאָטעק, שולע שטייען אויף אַ הויכן ניוואָ, וואָס פאַרשאַפט גרויס כבוד דעם גאַנצן ישוב.

איך וואָלט געקאָנט אויסרעכענען אַ גאַנצע ריי פאַרדינסטפולע נאַציאָנאַלע און קולטור־טוער פון מעדאַנאָס — פּונקט ווי זיי זענען אויך פאַראַן אין פיל אַנדערע יידישע קאָלאָניעס.

איך מוז אָבער דאָך דערמאָנען די מיפולע אַרבעט פון די ברידער שיינעס, וועלכע שטאַמען פון אונזערע מקומות, פון נאָוואַרדוואָר (אויף די קרעסן). הגם עס זענען שוין פאַרביי העכער 30 יאָר ווי די ברידער שיינעס האָבן פאַרלאָזט זייער געבורטס־שטעטל און האָבן שוין דאָרט, דוכט זיך, אַפילו קיין קרובים נישט, זענען זיי דאָך מיטן שטעטל ווייטער ענג פאַרבונדן.

אַ קליינער ביישפּיל: פאַראַיאָרן איז פאַרברענט געוואָרן דאָס בית־מדרש פונם שטעטל, וווּ זייער פאָטער איז געווען שוחט און וווּ זיי אַליין האָבן פאַרבראַכט זייערע ערשטע קינדער־יאָרן. האָט

איינער פון די ברידער שיינעס באַקומען פונעם גאָווי־דוואָרער רב א בריוול מיט דער ביטע צו העלפן צוריק אויפבויען דאָס בית־מדרש. נישט די צייט און נישט דער מהלך האָט אָפּגעטיילט די מענטשן פון דעם קליינעם שטעטל אויף די פּוילישע קרעסן, דער בריוו איז נישט געבליבן אָן ענטפער. נישט־וויכטיק ווי גרויס עס איז געווען די סומע, אָבער עס איז גלייך אָוועקגעשיקט געוואָרן קיין גאָווי־דוואָר א טשעק...

די אַנטיסעמיטן מעגן שרייען און אונז זידלען צוליב דער יידישער סאָלידאַריטעט, צוליבן אָפּקלאַנג, וואָס עס געפינט ביים ייד פון איין טייל וועלט דאָס אומגליק פון זיין ברודער, וואָס געפינט זיך אין דעם צווייטן טייל וועלט, אָבער מיר זענען שטאָלץ דערויף.

.3

דערצייל איך שוין וועגן מעראַנאָס, דערמאָן איך שוין די מעדאַנאָסער יידן, די „רעוואָלוציאָנערן" פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע, דאַן לוינט זיך צו דערמאָנען נאָך איין עפּיזאָד, אין וועלכן זיי האָבן געשפּילט א היסטאָרישע ראָל.

דעם דאָזיקן עפּיזאָד האָט זייער שיין געשילדערט אין אַן אַרטיקל צום 25־יעריקן יובל פון דער מעדאַנאָסער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע דער אָרטיקער לערער און ציוניסטישער עסקן פּנחס קאַרפּ.

ער דערציילט א געשיכטע מיט דער ווייס־בלויער פאָן, וועלכע איז צום ערשטן מאָל אָפיציעל אַנערקענט געוואָרן אַלס די יידישע נאַציאָנאַלע פאָן, נישט אין די גרויסע יידישע ישובים, נישט אין די צענטערן פון דער גרויסער ציוניסטישער אַרבעט, נאָר דווקא אין דעם קליינעם פאַרוואָרפענעם שטעטל אויפן דרום פון דער אַרגענטינער פּראָווינץ.

דאָס איז א געשיכטע פון יאָר 1910. די איטאַליענישע קאָלאָניע האָט איינגעלאַדן אַלע נאַציאָנאַלע גרופּן פון מעראַנאָס זיך צו באַטייליקן אין דער איטאַליענישער נאַציאָנאַלער פייערונג מיט די

# בילדער פון דער קאלאניע „אביגדור"









מלוכה־פענער פון די לענדער, פונוואנען די קאָלאָניסטן שטאַמען. עס איז אויסגעקומען, אַז די מעראַנקאָסער יידן האָבן געדאַרפט מאַרשירן אין דעם צוג מיט דער דריי־פאַרביקער רוסישער פאָן.

אין מעראַנקאָס איז שוין דאַן טעטיק געווען דער ערשטער ציוניסטישער פאריין „בני־ציון", וועלכער האָט באַשלאָסן זיך צו באַטייליקן אין דער פייערונג, אָבער מיט דער יידישער נאַציאָנאַלער פאָן. מען האָט גלייך געמאַכט אַ שיינע, זיידענע ווייס־בלויע פאָן, אויסגעהאַפטן אַ מגן־דוד און אַרויס אין גאַס צום איטאַליענישן יום־טוב.

די יידישע פאָן איז לויט אירע פאַרבן דיזעלבע ווי די אַרגענטינער נאַציאָנאַלע פאָן. האָט די מאַכט די פאָן צוגענומען, דערקלערנדיק, אַז די יידן קאָנען נישט מאַרשירן מיט אַן אייגענער נאַציאָנאַלער פאָן, ווייל יידן זענען נישט קיין פאָלק. די מעראַנקאָסער ציוניסטן האָבן גלייך אונטערגענומען אַן אינטערווענץ ביים גובערנאַטאָר פון דער פּראָווינץ, וועלכער האָט צוריקגעצויגן דעם פאַרבאָט פאַר די יידישע איינוווינער צו מאַרשירן מיט זייער אייגענער נאַציאָנאַלער פאָן.

צום צווייטן מאָל האָבן זיך שוין די מעראַנקאָסער יידן, אָן שוועריקייטן, באַטייליקט מיט זייער ווייס־בלויער פאָן אין דעם פרייהייטס־יום־טוב פון דער אַרגענטינער רעפּובליק.

די מעראַנקאָסער יידן זענען געוואָרן נישט בלויז פּיאָנערן פון דער פּריוואַטער יידישער קאָלאָניזאַציע, נאָר אויך פון נאַציאָנאַלן יידישן געדאַנק אין אַרגענטינע.

יאָ, טאַקע דאָרט אויף די זאַמדיקע בערג פון מעראַנקאָס האָט צום ערשטן מאָל שטאָלץ געפלאַטערט די אָפיציעל־אַנערקענטע יידישע נאַציאָנאַלע פאָן.

XV

# צווישן טייכן

## 1.

ריאָ אורוגוואַי און ריאָ פּאַראַנאַ — דאָס זענען צוויי לאַנגע, גרויסע טייכן, וואָס פליסן פון צפון צום דרום און קומען זיך צונויף ביים אָנהויב פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ, דער ברייטסטער טייך אויפן ערד־קוגל.

ריאָ־אורוגוואַי איז דער אַרגענטינער גרענעץ־טייך. ער טיילט אָפּ די אַרגענטינער רעפּובליק פון אירע צוויי צפון־שכנים — פון דער אָריענטאַלער רעפּובליק אורוגוואַי און פון בראַזיליע.

ריאָ פּאַראַנאַ שניידט דורך דעם צפון־טייל פון אַרגענטינע און איז דער נאַטירלעכער וועג, וואָס פירט פון אַטלאַנטישן אָקעאַן קיין פּאַראַגוואַי.

צווישן די ביידע טייכן שלענגלט זיך דורך אַ ריזיקער שטח באָדן, וואָס בילדעט אויפן צפון די פּראָווינץ קאָריענטעס און אויפן דרום — די פּראָווינץ ענטרע־ריאָס.

דער נאָמען ענטרע־ריאָס באַצייכנט אויף שפּאַניש די געאָגראַפישע לאַגע פון דעם לאַנד. ענטרע־ריאָס באַדייט צווישן טייכן. מען רופט עס אויך מעסאָפּאָטאַמיע. די יידן רופן עס: ארם־נהרים.

ווען מען פאַרבלאָנדזשעט אַהער נאָכן באַזוך אין די דרום־פּראָווינצן פון אַרגענטינע, קומט דאָ אַלץ אויס צו זיין שיין, זוניק, מילד און אָנגענעם. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס דויערט אַזוי לאַנג, ביז מען באַגעגנט זיך נישט מיט די טאָג־טעגלעכע דאגות פון דעם אָרטיקן מענטש, אָדער מען טרעפט נישט־אָן סתם אויף אַ רעגן־צייט. ווייל ווען עס הויבט אָן צו רעגענען, רעגנט עס שוין אָן אַ סוף. אין דורכשניט פאַלט דאָ אַ סך רעגן, און דאָס אומגליק איז, אַז נישט שטענדיק אין דער ריכטיקער צייט. אַמאָל צו פרי, אָפט — צו שפּעט. דאָס געהערט שוין צו דער סדרה פון די אַרגענ־

טינער נאַטור־קאַפּריזן, וואָס מאַכן חרוב די שווערע האָרעוואַניע פון די דאָ־טיקע דאָרפס־מענטשן.

מיין מזל איז געווען צו באַזוכן די פּראָווינץ גראָד אין דער צייט פון פּרימאַווערא — די צייט פון פרילינג.

אַלץ האָט שוין אויפגעבליט. די פאַרשיידנפאַרביקייט פון די בלומען נעבן די בליענדיקע פעלדער פון די קאָלאָניסטן, די וועלדער פון הויכע פאַלמען־ביימער, עאוקאַליפּטוסן, אַקאַציעס, טאַפּאַלעס, פּאַראַיזן און ווערבעס, נעבן די גערטנער מיט פּאָמעראַנצן און מאַנדאַרינען־פּלאַנצונגען, פאַרכשופן ממש דעם מענטש מיט דער פּרעכטיקייט פון זייער לאַנדשאַפט. ביי די טייך־ברעגעס ווערט דאָס בילד דערגענצט מיט די ווונדערשיינע פּאַנאָראַמעס פון ראָזאַריא, פּאַראַנאַ, קאָנקאָרדיא, קאָריענטעס און רעזיסטענסיא.

עס דוכט־זיך, אַז דאָ איז דער גן־עדן אויף דער וועלט.

דאָס האָט אויך געוויס געמוזט ווירקן אויף די ערשטע גרופּן יידישע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן זיך אָט צווישן די טייכן באַזעצט און דאָ געשאַפן די נייע קאָלאָניעס, וואָס זענען מיט דער צייט געוואָרן אַ מוסטער פאַר דער גאַנצער אַרגענטינער קאָלאָניזאַציע.

די קאָלאָניעס אין ענטרע־ריאָס זענען נישט די עלטסטע. זיי זענען אָבער די באַדייטנדסטע, הן לויט זייער צאָל, הן לויט זייער אָרגאַניזאַציע.

ענטרע־ריאָס איז פּאַקטיש דער צענטער פון דער אַרגענטינער יידישער קאָלאָניזאַציע.

אין דער דאָזיקער פּראָווינץ קאָנצענטרירט זיך די גרעסטע צאָל יידישע קאָלאָניעס; דאָ וווינען ס'רוב יידישע קאָלאָניסטן, דאָ זענען געשאַפן געוואָרן די מוסטערהאַפטע איינריכטונגען פון דער יידישער אַגראַר־קולטור.

גענוג אויסצורעכענען די נעמען פון די קאָלאָניעס: קלאַראַ (לויטן נאָמען פון באַראָנעסע הירש), לוסיענוויל (נאָמען פון לוסיען הירש, דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם בן־יחיד פון באַראָן הירש), סאַן־אַנטאַניא, לאָפּעז־בעררא, סאַנטאַ־איזאַבעלאַ, פּאַלמאַר, וואַלטע־

מאָס, קורבעלא, לואיס אונגרע (איצטיקער הויפּט־דירעקטאָר פון יק"א), לואיס קאָהען (געוו' פּרעזידענט פון דער פּאַריזער „אַלי־יאַנס") און צום סוף דאָס מוזיניקל פון דער אַרגענטינער יידישער קאָלאָניזאַציע „אביגדור", די נייע קאָלאָניע פון די דייטשע יידן, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון סער אביגדור גאָלדשמידט, דעם ערשטען דירעקטאָר פון יק"א.

דער באָדן, וואָס די יק"א־קאָלאָניעס פאַרנעמען אין דער פּראָווינץ ענטרע־ריאָס, דערגרייכט א קנאַפּן פערטל מיליאָן העקטאַר און דער פרייער שטח, וואָס יק"א האָט נאָך אין איר רשות אין ענטרע־ריאָס, באַטרעפט נישט קיין 50.000 העקטאַר.

די יידישע איינוווינערשאַפט פון די יק"א־קאָלאָניעס אין ענטרע־ריאָס שטייגט איבער 15.000 נפשות.

די דאָזיקע צאָל יידן באַציט זיך בלויז אויף די קאָלאָניעס, ווייל אין די שטעט פון דער פּראָווינץ וווינט א פילפאַך גרעסערע צאָל יידן, וועלכע געהערן צו דער קאַטעגאָריע פון שטאָטישע עלעמענטן. דאָך דערגענצן זיך די דאָזיקע צוויי באַפעלקערונגס־גרופּן און בילדן איין האַרמאָנישע גאַנצקייט פון א געזונטן, נאַציאָ־נאַל־באַוווּסטזיניקן יידישן צענטר.

אָבער די קאָלאָניע־איינוווינער זענען נישט בלויז דער סימבאָל פון דער פיזישער אַרבעט, זיי בילדן אויך דעם צענטראַלן פונקט פאַרן גייסטיקן און קולטורעלן יידישן שאַפן.

די מענטשן פון די ענטרע־ריאָסער קאָלאָניעס פאַרשאַפן רום און כבוד דעם גאַנצן אַרגענטינער יידנטום.

דאָ, אין די קאָלאָניעס פון דער פּראָווינץ ענטרע־ריאָס, אין באַסאָווילבאַסאָ (קאָלאָניע לוסיענוויל) און דאָמינגעז (קאָלאָניע קלאַרא) האָט געלעבט און געשאַפן איינער פון די פּרעכטיקסטע געשטאַלטן פון אַרגענטינער ישוב, דער אומדערמידלעכער בויער פון פיל אינסטיטוציעס — ד"ר נח ירחי, וועמענס נאָמען עס ווערט געערט דורך די אַרגענטינער יידן אין גאַנצן לאַנד. אין פיל קאָלאָניסטישע שטעטלעך באַגעגנט איר שפּיטעלער, אַמבולאַטאָריעס,

שולן, ביבליאָטעקן און גאַסן אויפן נאָמען פון דער דאָזיקער נאָבע־לער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געשאַפן און גע־קעמפט, בכדי צו דערהויבן דאָס יידישע דאָרפס־לעבן צו אַ העכע־רער מדרגה.

דאָ, אין דער געגנט טאַקע, לעבט נאָך עד־היום דער אַלטיטש־קער אינזש. מיגועל סאַבאַראָוו, דער גרינדער פון דער מעכטיקער אָרגאַניזאַציע פון יידישע אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוון. איצט אַרבעט ער און קעמפט, בכדי צו שאַפן אַ יידישע אַגראַר־באַנק, וואָס זאָל פאַר־היטן, אַז דער באָדן פון יידישע קאָלאָניסטן זאָל נישט איבערגיין אין פרעמדע הענט.

פונדאַנען קומען אַרויס פּיל חשובע פּערזענלעכקייטן, וואָס שפּילן אַן אָנפירנדע ראָלע אין דעם אַלגעמיינעם און יידישן לעבן פון אַרגענטינע.

גענוג צו דערמאָנען: דעם פירער פון אַרגענטינער סאָציאַליסטן, דעם לעצ בלום פון אַרגענטינער פּאַרלאַמענט — ענריקאָ דיקמאַן, דעם בערימטן אַרגענטינער פּובליציסט, שעף־רעדאַקטאָר פון דער גרעסטער אַרגענטינער טאָג־צייטונג „לאַ־נאַסיאָן" אַלבערטאַ גער־שונאָוו און פּיל אַנדערע פּערזענלעכקייטן, וועלכע זענען שטאָלץ דערויף, וואָס זיי שטאַמען פון די ענטרע־ריאָסער קאָלאָניעס, פון דער סביבה פון יידישער ערד־אַרבעט.

אויף די אַרגענטינער הויך־שולן (יעדע הויפּט־שטאָט פון יע־דער פּראָווינץ האָט אַ הויך־שול) באַגעגנט איר פּראָפעסאָרן. יידי־שע פאָלקס־מענטשן, וועלכע זאָגן אייך מיט שטאָלץ, אַז זיי שטאַמען פון די יידישע קאָלאָניעס.

ענטרע־ריאָס און מאָזעסוויל — דאָס זענען די צוויי גייסטיקע צענטערן, אויף וועלכע עס שטיצען זיך די געזונטע יסודות פון דעם אַרגענטינער יידישן ישוב.

.2

נישט בלויז מיט מענטשן, וואָס האָבן אַמאָל געלעבט אין די קאָלאָניעס, אָדער שטאַמען פון דאָרט, דאַרף מען זיך יחוסן, נישט

בלויז מיט מענטשן, וואָס געהערן שוין צו דער פאַרגאַנגענהייט אין דער געשיכטע פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע, נאָר אויך מיט מענטשן פון דער קעגנוואַרט, מיט די, וואָס לעבן און אַרבעטן אין די קאָלאָניעס און פאַר די קאָלאָניעס.

עס איז באמת אַ העכסט אינטערעסאַנטע מענטשן־מאָזאַיק דער ענטרע־ריאָסער קאָלאָניזאַציע־צענטער. אַ קיבוץ גליות אין פולסטען זין פון וואָרט, וואָס איז זיך צענויפגעוואַקסן אין איין גרויסער אַרבעטס־משפחה.

עס איז באמת כדאי יעדן איינעם פון זיי דערמאָנען, וועגן יעדן איינעם דערציילן אַ פּאָר ווערטער, פון יעדן איינעם אָפּגעבן אַ שטיקל גרוס.

אַלע, סיי די, וואָס ווינען שוין אין דער נייער היים זינט צענדליקער יאָרן, סיי אויך די, וואָס פאַרברענגען דאָרט ערשט עטלעכע געציילטע יאָרן, האָבן מיט דער זעלבער בענקשאַפט, מיטן זעלבן נייגער זיך נאָכגעפרעגט וועגן זייער אַלטער היים, וועגן זייער שטאָט אָדער שטעטל.

ביים טיש אָדער בעתן שפּאַציר זענען אָנוועזנד אויך די קאָלאָניסטישע קינדער, דער נייער, יונגער דור, וואָס איז שוין געבוירן געוואָרן אויף דער אַרגענטינער ערד, אָדער איז אַהינגעקומען קליינערהייט און איז שוין דערצויגן געוואָרן אין דער נייער פרייהייטלעכער אַרבעטס־אַטמאָספערע. זיי הערן זיך צו צו די פראַגן און צו די תשובות, וואָס דער אורח גיט זיי, הערן דערציילן וועגן דער היים פון זייערע עלטערן, ווי וועגן עפּעס עקזאָטישעס, ווילן אַליין אויך וויסן וועגן דעם לעבן ביי אונז, וועגן דער יוגנט און וועגן זייער אַרבעט. זיי לייענען אַ סך אין די צייטונגען און גלויבן אָפטמאָל נישט, אַז אַלץ איז אמת, אַז עס איז מעגלעך, אַז די אַלע מוראדיקע געשעענישן, וועגן וועלכע מען דערציילט און מען שרייבט, זאָלן טאַקע זיין אַזוי אין דער ווירקלעכקייט.

אָט קום איך אָן אויף דער קליינער באַן־סטאַציע באָוריל. עס דערוואַרט מיך דער אַדמיניסטראַטאָר פון דער נייער קאָלאָניע פון

דייטשע יידן אינגוש. סאַפּיר און — און אַ ייד פון לאָדזש, איצט אַן אָנגעזעענער עסקן אין באַסאַווילבאַסאָ, אַ קאָלאָניסט און אַ לערער אין דער אָרטיקער יידישער שולע, ה׳ אברהם נאָמבינסקי.

דאָס פּנים איז מיר גוט באַקאַנט. עס דאַכט זיך, אַז ערשט מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָב איך אים געזען אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַריין אויף טלאָמאַצקע ביי איין טיש מיט י. י. טרונקען און י. מ. ניימאַנען, זיינע חברים פון די יוגנט־יאָרן.

נאָמבינסקי פאַרטרויט מיר אַ סוד, אַז עס זענען שוין אַריבער 12 יאָר, זינט ער פלעגט קומען אין ליטעראַטן־פאַריין. איצט איז ער שוין אַן אַרגענטינער, באָטש עס בענקט זיך אים אַ קוק צו טון אויף לאָדזש.

ער בירט מיך אַוועק אין פעלד אַריין, וווּ זיין איידעם, אַ יונגערמאַן פון גאַליציע זיצט אויף אַ גרויסער „קאָסעטשעראַ" (שניט־מאַשין) און זאַמלט צענויף די פרוכטן פון דער זריעה.

באַלד באַזוכן מיר אַן אַנדער קאָלאָניסט, וואָס שטאַמט פון פּאַראַנאָוויטש. ער איז אַ קריגס־אינוואַליד און האָט נעהאַט אַ טאַבאַק־קאָנצעסיע, האָט מען אים די קאָנצעסיע צוגענומען, איז ער אַוועק קיין אַרגענטינע און דאָ געוואָרן אַ קאָלאָניסט.

אין אַן אַנדער קאָלאָניע, אין אורוגוואַי, טרעף איך אָן אויף אַ יונגן יידישן קאָלאָניסט, דוד אַלטמאַן פון גאַליציע, וווּ ער האָט געהאַט 6 מאָרגעס (דריי העקטאַר). איצט האָט ער 50 העקטאַר באָדן, וואָס ווערט דורך אים דערפאָלגרייך באַאַרבעט. מיט 3 חדשים צוריק איז צו אים געקומען פון גאַליציע זיין שטיף־ברודער שמואל־יצחק מאַנדעל און וואַרט, אַז יק"אַ זאָל אים אויסטיילן באָדן. דערווייל העלפט ער זיין ברודער און באַקענט זיך מיט די נייע אַרבעטס־ און לעבנס־באַדינגונגען אויף דער אַרגענטינער ערד.

און נאָך אַ באַגעגעניש: מען פירט מיך אַריין אין אַ וווינונג פון אַ יונג פּאָרפּאָלק, וואָס האָבן אַ שיינע געביידע און סך־הכּל איין העקטאַר באָדן. אין דעם גאָרטן געפינען זיך קעסטלעך פאַר בינען־צוכט.

אין שטוב א גרויסע ביבליאָטעק מיט ביכער אין פאַרשיידענע שפּראַכן, דערונטער אויך פּוילישע פּאָעזיע.

— איר זענט פון פּוילן?

— נישט בלויז פון פּוילן, נאָר טאַקע פון וואַרשע. מיין פרוי איז א געבוירענע אין קראָקע.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז איך געפין זיך ביים אינזש. אגראָנאָם משה פרידמאַן. ער האָט שטודירט אין פּאַריז און אַלס טעטיקער ציוניסט געוואָלט פאָרן קיין א״י. זיין פרוי איז רעגינע בערגהאָפן, פון א באַקאַנטער קראָקאָווער חסידישער משפחה.

האָט אים די יק״א איינגעלאַדן אַלס אינסטרוקטאָר קיין אַרגענטינע.

ער אַנטוויקלט דאָ די בינען־צוכט לויט די נייעסטע וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן. דערווייל האָט ער שוין אליין 130 קעסטלעך, אָבער ער פאַרגרעסערט כסדר די פּראָדוקציע. גלייכצייטיק אָרגאַניזירט ער די בינען־צוכט אויך ביי די שכנים־קאָלאָניסטן אַלס יק״א־אינסטרוקטאָר. ער אַרבעט אליין פּראַקטיש און טעאָרעטיש. דרוקט וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן אין די באַדייטנדסטע שפּאַנישע צייטשריפטן און אויך אין נאָרד־אַמעריקאַנער שריפטן. קיין פאַרמעגן האָט ער נאָך נישט געמאַכט. ער און זיין פרוי אַרבעטן שווער, אָבער זיי זענען צופרידן, ווייל די אַרבעט גיט זיי א גרויסע מאָראַלישע צופרידנקייט. דאָס וויכטיקסטע, אַז מען שטערט זיי נישט אַרבעטן. זיי האָבן קליינע, שיינע קינדער, וועלכע זיי דערציען אַליין.

א היבשע צייט האָב איך פאַרבראַכט ביי מיין וואַרשעווער לאַנדסמאַן, אים דערציילט וועגן זיין אַלטער היים און זיך צוגעהערט צו די אינטערעסאַנטע געשיכטעס וועגן דער אַרבעט אויף פעלדער, וואָס געפינען זיך צווישן די טייכן.

דאָס זענען נישט געווען קיין פּשוטע באַגעגענישן, נאָר שטאַרקע, טיפע איבערלעבונגען, וואָס קריצן זיך איין אין זכרון.

# XVI
# היישעריקן

.1

מיין ערשטע באגעגעניש מיט די היישעריקן איז פארגעקומען אין דער גרויסער שטאט.

עס איז געווען א שיינער, ווארעמער פרימארגן, ווען איך האב זיך אומגעקערט קיין בוענאס-איירעס פון א לענגערער רייזע איבער די דרום־פראווינצן פון לאנד.

אויף די גאסן איז שוין געווען זייער א שטארקע באוועגונג. מען האט בולט אינטערעסירט צוויי קאטעגאריעס מענטשן, וואס האבן געאיילט אין פארשיידענע ריכטונגען. צו דער ערשטער קאטעגאריע האבן געהערט די, וואס האבן האלב־מידע, רואיק זיך אומגעקערט אהיים פון זייער נאכט־ארבעט; די אנדערע זענען געווען פרישע, אויסגערוטע און זענען מיט איילִיקע טריט געגאנגען צו דער טאג־ארבעט.

דער אלטער שטיוול־פוצער דאן־פערנאנדא האט זיך שוין געפונען אויף זיין פאסטן פארן האטעל ,,סאוואי''. איך האב קוים באוויזן אויסצושטייגן פון אויטא, ווי דאן־פערנאנדא באגריסט מיך מיטן בריטן, שפאנישן ,,שלום-עליכם'': ,,בוענא דיאס סעניאר'' און פארבעט מיך צו זיין שטיוול־פוצערישן בענקל, אז איך זאל אים מאכן א גוטע התחלה פון פדיון.

עס איז שוין אזא געוווינהייט ביי דאן־פערנאנדא, אז ווען ער פוצט די שיך, כאפט ער א שמועס מיט זיין גאסט. ריכטיקער געזאגט: דאן־פערנאנדא האט ליב צו רעדן צום גאסט, דערציילן אים די לעצטע סענסאציעס און ביי דער געלעגנהייט ארויסזאגן זיין מיינונג וועגן די לויפנדע פאליטישע ענינים.

אנהויבן הויבט זיך אן ביי דאן־פערנאנדא יעדער שמועס פון אלגעמיינע זאכן:

— עס וועט הײַנט זײַן אַ הייסער טאָג, אָבער דערפאַר זייער אַ שיינער... סי, סעניאָר, מוי לינדאָ...

בײַ דאָן פערנאַנדאָ גייט עס אַזוי: אַ פּוץ דעם שוך און אַ זאָג עפּעס. אַ פּוץ און אַ זאָג.

שטייענדיק אַזוי בײַם שטיוול־פּוצערישן בענקל און צוהערנדיק זיך צו די מעשׂיות פֿון דאָן־פערנאַנדאָ, האָב איך פּלוצלינג באַמערקט אַרומפליען און אַרומשפּרינגען אַרום מיר, אויפֿן בענקל, אויף מיר און אויף דאָן־פערנאַנדאָן עפּעס קליינע, משונהדיקע באַשעפֿענישן, וואָס אַזוינס האָב איך צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן געזען.

די לענג דערפֿון איז קלענער פֿון אַ פֿינגער, די קאָליר אַ העל־ברוינע, מיט אַ פּאָר דורכזיכטיקע פֿליגל. דער קליינער, לאַנגער קערפּער האָט זיך געענדיקט מיט אַ פּראָפּאָרציאָנעל גרויסן קאָפּ און שאַרפֿע אייגלעך. דאָס באַשעפֿעניש האָט דרײַ פּאָר פֿיס, פֿון וועלכע איין פּאָר פֿיס מאַכט דעם אײַנדרוק פֿון אַ זעג. עס איז שאַרף און שנײַדיק.

מיט נײַגעריקייט, ווי צו עפּעס אַ נײַער זאַך, האָב איך אָבסערווירט די מאָדנע, פֿאַר מיר אומבאַקאַנטע ברואים, זייער באַוועגלעכקייט און זייער רירעוודיקייט.

דאָן־פערנאַנדאָ האָט עס באַמערקט און וואַרפֿט אַרײַן אַ פּאָר ווערטער

— שוין לאַנג האָבן מיר דאָ אַזוי פֿיל נישט געהאַט פֿון דעם אַנשיקעניש. מיליאָנען האָט דער ווינט זיי אַהערגעטריבן. אומעטום איז פֿול מיט זיי.

— וואָס זענען דאָס פֿאַר אַ ברואים?

— איר ווייסט נישט? — האָט זיך דאָן־פערנאַנדאָ געחידושט

— דאָס זענען דאָך די לאַנגאָסטאַס!

איך האָב אַ ציטער געטון:

— וואָס, דאָס זענען...

— סי, סעניאָר, דאָס זענען די „לאַנגאָסטאַס" (הײשעריקן),

דאָס אומגליק פון אונזער ערד, די קללה פון דער לאַנדווירטשאַפט... זיי פרעסן אויף דאָס ברויט פון אונזערע קאָלאָניסטן, מאַכן חרוב זייער שווער־ע אַרבעט... גיט אַ קוק, סעניאָר, ווי אָנגעפרעסן זיי זענען, קוים זיי רירן זיך פון אָרט, קוקט אָן זייערע אויסגעפּאַשעטע בייכער.... געכטן האָבן זיי אויך אויפגעפרעסן ווערטפולע געוויקסן אין דעם היגן באָטאַנישן גאָרטן... מען זאָגט, אַז דער היזק באַטרעפט אַ מיליאָן פּעזעס... דאָס איז שוין געווען זייער רעכער... דער ווינט האָט זיי אַהערגעטראָגן , בכדי זיי זאָלן דאָ פאַרענדיקן זייער פאַרשאָלטן לעבן...

דאָן־פערנאַנדאָ האָט געזאָגט אמת: אויף די גאַסן, אויף די הייף, אויף די דעכער פון די הייזער, אין דער שטאָט און אַרום דער שטאָט האָט מען געקענט זען ליגן כמאַרעם טויטע היישעריקן, אָבער נישט קיין קלענערע צאָל האָט מען נאָך אין משך פון קנאַפּע צוויי וואָכן געזען אַרומלויפן איבער דער שטאָט.

אומעטום, וווּ מען גיט זיך נאָר אַ ריר — זעט מען די היישעריקן. נישט בלויז אויף די גאַסן, אָפּענע קאַפּעען, טראַמוויען, אויטאָבוסן, נאָר אויך אין די פּריוואַטע וווינונגען (אַפילו אויף די העכסטע שטאָקן), אין די טעאַטערן, קינאָס — אומעטום רייסן זיי זיך אַריין, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט רייצן מיטן מענטש.

זיי זענען אומבאַזיגבאַר, די דאָזיקע שווידערלעכע בריאים, וואָס שפּרינגען אַרום אַזוי געמיטלעך אויף די טישן און בענק, אויף די בעטן און אַפילו אין די שענק. מען קען זיי הרגענען, צעקוועטשן, אָבער נאָר איינצלנע, הונדערטער, טויזנטער, אָבער בשום אופן קאָן מען זיי נישט אויסראָטן אין די מיליאָנען.

זיי באַהערשן די ערד, זיי הערשן איבער דער נאַטור און מאַכן אָפּהענגיק פון זיך דעם גורל פון לאַנד.

.2

אַ מאָדנע נעפּיל באַהערשט דעם מענטש, ווען ער באַגעגנט זיך דירעקט מיט דער היישעריקן־מאַסע.

די קינדער אין שטאָט האָבן אַפילו פאַרוואַנדלט דעם גאַנצן

ענין אין א מין פארווײלונג. מען יאָגט זיך נאָך די היישעריקן, מען צעטרעט זיי מיט די פיס, מען כאַפּט זיי מיט די הענט (זיי זענען נישט שעדלעך) און מען זאמלט צונויף א גרעסערע גרופּע, וועלכע מען פאַרברענט שפּעטער.

אין דער פּראָווינץ, ווו די היישעריקן שאפן די גרעסטע געפאַר פאַר דער לאנדווירטשאפט, צאָלט די רעגירונג אפילו פּרעמיעס פאַרן כאַפּן די היישעריקן און צושטעלן זיי אין זעק צו דער לאָקאלער מאַכט.

דאָס איז אָפטמאָל דאָס איינציקע, וואָס בלייבט, נעבעך, די קאָלאָניסטן, ווען די היישעריקן האָבן ביי זיי אלץ אויפגעפרעסן און פאַרניכטעט. דאַן כאַפּט מען די היישעריקן, מען פּאַקט זיי אריין אין זעק און מען פירט עס אוועק, בכדי צו קריגן די פּאָר גראָשנדיקע פּרעמיע. דאָס גרויסע פאַרמעגן, די שווערע פּראַצע פון די קאָלאָניסטן, דאָס אויסוואַרטן אין משך פון לאַנגע חדשים אויף די פּרוכטן פון דער ארבעט ווערט פאַרוואַנדלט אין א פּאָר סענטאַוואָס, וואָס מען גיט פאַר יערן זאַק מיט היישעריקן, וועלכע ווערן דורך דער מאַכט פאַרברענט.

אָבער אין דער שטאָט איז עס א פּשוטער ספּאָרט פאַר יונגע־וואַרג, פאַר די קינדער, וועלכע יאָגן זיך נאָך אין די גאַסן און „קעמפן" מיט די היישעריקן.

פאַרשטייט זיך, אז נישט נור פון דאָרפישן שטאַנדפּונקט, נאָר אפילו פון שטאָטישן שטאַנדפּונקט, איז דער היישעריק־באַזוך אין בוענאָס־איירעס נישט געווען געפערלעך.

דאָן־פערנאַנדאָ האָט עס מיר שוין דערציילט, אז דער ווינט האָט זיי אַהער געבראַכט.

אויב די קאָלאָניעס, וואָס געפינען זיך אין די פּראָווינצן ענטרע־ריאָס און סאַנטע־פע, זענען כמעט יאָר־יערלעך אויסגעשטעלט אויף דעם זייער אומאַנגענעמען באַזוך פון דער שרעקלעכער מגפה, האָבן אויך די שטעט אין די דאָזיקע פּראָווינצן שפּעטער צ' טון מיט די היישעריקן. דאַקעגן ווייטער צום דרום גייען זיי נישט.

די דרום־טיילן פון לאנד זענען דעריבער פולשטענדיק פריי פון די הייישעריקן.

די געביטן פון בוענאס־איירעס זענען די גרענעץ־ליניע, וווהין די הייישעריקן דערגייען צוליב די שטארקע ווינטן שוין נאכדעם, ווי זיי האבן אפגעטון זייער ארבעט אין דארף. דעריבער ווערט די אומגעגנט פון בוענאס־איירעס באטראכט אלס קבר פון די הייישעריקן. דא אהער קומען זיי שוין שטארבן. דאס זענען שוין די אלטע און מידע הייישעריקן... א סך, גאר א סך דערפליען אפילו נישט אזוי ווייט און בלייבן ערגעץ־ווו אונטערוועגנס.

אבער די שטעט, וואס געפינען זיך אין די געביטן, וואס זענען באדראט דורך דער הייישעריקן־מגפה, האבן אפטמאל אויסצושטיין גאר גרויסע אומאנגענעמלעכקייטן און מען מוז דארט פירן א גאנץ ספעציפישן קאמף מיט זיי. אזוי, למשל, האט זיך געטראפן אין דער שטאט סאנטא־פע, אז אינמיטן נאכט איז אנגעקומען א כמארע הייישעריקן און פארלייגט די גאסן, אז נישט די טראמווייען און נישט די אויטאס האבן געקענט קורסירן. מען האט קוים געקענט גיין אויף דער גאס. ווי עפעס א מאסע, זענען געלעגן די מחנות הייישעריקן אזוי צוזאמענגעדרענגט איינס נעבן אנדערן און דאס האט געשאפן אזא גליטשיקייט, אז מען האט זיך נישט געקענט באוועגן.

ענלעכע פאלן טרעפן אויך מיט די באנען, וועלכע מוזן קורסירן מיט א פארקלענערטן טעמפא, כדי אויסצומיידן א קאטאסטראפע, וועלכע דראט רעם צוג, ווען די הייישעריקן לייגן זיך אוועק לענג־אויס די רעלסן.

אבער, ווי געזאגט, דאס אלץ האט צו טון מיט די הייישעריקן אין שטאט, שוין נאך דער ווּיסטעניש, וואס זיי האבן אנגעמאכט אין דארף.

אין שטאט איז אויך געווען מיין ערשטע באגעגעניש מיט זיי.

.3

די היישעריקן, וועלכע איך האָב געזען אין שטאָט, האָבן שוין געהערט צו דער „אַלטער גענעראַציע". דאָס זענען שוין איינגעטלעך געווען „וועטעראַנען" פון דער היישעריקן־ראַסע. זיי האָבן שוין זייערס געהאַט אָפּגעטון אין דאָרף און זענען דורך שטאַרקע ווינטן פאַרטראָגן געוואָרן אין שטאָט, ווו זיי האָבן שוין באַדאַרפט פאַר־ענדיקן זייער שעדלעך לעבן.

אַנדערש, גאָר אַנדערש האָבן אויסגעזען די היישעריקן, וועלכע איך האָב באַגעגנט אין דאָרף.

דאָס איז געווען די „יונגע גענעראַציע", וואָס האָט זיך ערשט געגרייט צו דער פאַרטיליגונגס־אַרבעט.

עס איז מעגלעך, אַז נאַטור־וויסנשאַפטלער וועלן מיך כאַפּן ביי עפּעס אַ טעות ביים באַנוצן זיך מיט פאַרשיידענע טערמינען אָדער ביים באַצייכנען געוויסע פאַקטן. איך וויל דעריבער פעסט־שטעלן, אַז מיין גאַנצע שילדערונג שטיצט זיך אויף מיינע פערזענלעכע אָבסערוואַציעס און אויף די דערקלערונגען, וואָס איך האָב באַקומען פון די קאָלאָניסטן, — מענטשן, וואָס האָבען שוין זינט צענדליקער יאָרן אויסצושטיין צרות צוליב דער היישעריקן־פּלאָג.

ווען איך האָב באַזוכט די קאָלאָניעס פון ענטרע־ריאָס און סאַנטאַ־פע, איז שוין געווען נאָך שניט־צייט און נאָך דעם היי־שעריקן־באַזוך.

האָב איך טאַקע געזען פעלדער, ווו דער היישעריק האָט שוין מיט עטלעכע וואָכן פריער געהאַט דאָס זייניקע געטון. ווי אַ שוואַר־צע כמאַרע איז פלוצלונג אָנגעקומען פון דער צפון־זייט אַ מחנה היישעריקן און איינגאַנצן פאַרדעקט דאָס פעלד, מאַכנדיק אַ חורבן פון אַלץ, וואָס האָט אַזוי שיין געבליט. אַז די היישעריקן כאַפּן זיך צו צום ביסן, איז נישטאָ קיין שום כוח אין דער וועלט, וואָס זאָל זיי קענען פאַרטרייבן. מען קען זיי פאַרברענען, אָבער דאַן צוזאַמען מיט דער תבואה אָדער ביימער, צו וועלכע זיי האָבן זיך צוגעכאַפּט.

אַ סך קאָלאָניסטן האָבן שוין דעריבער רעזיגנירט פון זייער

תבואה, נאָר באַנוגענען זיך מיט דער באַרייטנד ביליקערער אלפאַלפאַ, וואָס דינט אלס פאַשע פאַר די בהמות. דאָס לוינט זיך ווייניקער ווי תבואה, אָבער די היישעריקן האָבן דאָס פיינט און מיידן אויס די אלפאַלפאַ־פעלדער.

עס טרעפט, אַז צו איין קאָלאָניסט קומט דער היישעריק יאָר־יערלעך און אין דערזעלבער צייט ווערט דער שכן, וואָס געפינט זיך גאָר נאָענט פון דעם חרוב־געוואָרענעם פעלד, אינגאַנצן אויסגעמיטן.

אַלטע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן שוין דערפאַרונג אין דער היישעריקן־פראַגע, דערציילן אויפן סמך פון זייערע לאַנג־יעריקע אָבסערוואַציעס, אַז די היישעריקן קומען זיבן יאָר נאָכאַנאַנד און דאַן לאָזן זיי די קאָלאָניסטן צורו גאַנצע 7 יאָר (ווי עס שטייט אין פסוק: 7 פעטע און 7 מאָגערע יאָר). אָבער דער כּלל האָט אויך זיינע אויסנאַמען, ווייל דאָס היינטיקע יאָר איז אין דער פּראָווינץ ענטרע ריאָס געווען דאָס אַכטע יאָר נאָכאַנאַנד, וואָס דער היישעריק איז געקומען.

צי קען מען דעם היישעריק נישט באַקעמפן? ביז איצט האָבן אַלע מיטלען, וואָס מ'האָט זיך גענומען, כּדי אויסצוראָטן די פּלאָג, נישט געהאָלפן.

די פּראָפּאַגאַנדע צו באַקעמפן די היישעריקן איז אַ גרויסע, אָבער די רעזולטאַטן פון דעם קאַמף זענען מינימאַלע.

די רעגירונג האָט פאַרגאַנגענעם יאָר באַשטימט פּרעמיעס אין דער לעגענדאַרער הויך פון 10 מיליאָן פּעזעס פאַר די וויסנשאַפטלער, וואָס וועלן דערפינדן עפּעס אַ מיטל קעגן די היישעריקן.

פיל וויסנשאַפטלער אַרבעטן איבערן פּראָבלעם. זוכן וועגן און מיטלען, אָבער די נאַטור באַצווינגט דערווייל די וויסנשאַפט און הערשט איבער דער ערד גאַנץ אומבארחמנותדיק.

די פּרוּוון אויסצוראָטן די היישעריקן מיט כעמישע מיטלען, ווי דאָס איז געמאַכט געוואָרן אין אַנדערע וועלט־טיילן, וואָלט אין אַרגענטינע קיין נוצן נישט געבראַכט צוליב די אומגעהויער ריזיקע שטחים באָדן, וואָס ווערן „אקופּירט" דורך די היישעריקן און אויך

צוליב דעם, וואָס קיין שום פּראָפילאַקטישע מיטלען וואָלטן נישט געהאָלפן, דען מען קען קיינמאָל נישט פאָרויסזען ווו און ווען דער היישעריק קומט.

מיטן מאָמענט, ווען זיי זענען שוין דאָ — דאַן העלפט שוין קיין שום קאַמף נישט. פאַרטרייבן די מיליאָניקע היישעריקן־מאַסע איז אוממעגלעך. דעריבער גייט אויך די קאַמפּס־אַקציע צו אויף אַ נענונג פּרימיטיוון אופן און במילא גיט זי נישטיקע רעזולטאַטן.

און נאָך מער: מיטן בלויזן קומען און פאַרניכטן אַ פאַרזייט פעלד באַנוגענען זיך נישט די היישעריקן. זיי לאָזן איבער אַ ירושה: דאָס זענען אייעלעך, וואָס זיי לייגן אויף די באַזעצטע דורך זיי געביטן.

מען זאָגט, אַז איין היישעריק לייגט 99 אייעלעך. עס איז שווער צו גאַראַנטירן פאַר דער ריכטיקייט פון דער דאָזיקער ציפער, ווייל קיינער פון די פיל קאָלאָניסטן, מיט וועמען מען רעדט, האָט זיי נישט געציילט. מען זאָגט ווייטער, אַז אַן ערך אַ העלפט פון די געלייגטע אייעלעך גיבן אַרויס פון זיך היישעריקן. נאָך זאָגט מען, אַז דאָס מינדסטע זענען 40 נייע היישעריקן פון איין אַלטן היישעריק. די ריכטיקייט פון די אָנגעגעבענע ציפערן שפּילן נישט קיין ראָלע. וויכטיק איז דער פאַקט, אַז אַ צייט נאָכדעם, ווי די אָנגעפרעסענע היישעריקן פליען אַוועק, קומען אַרויס ווי פון אונטער דער ערד נייע כמאַרעס פון יונגע היישעריקן, וועלכע גרייטן זיך איצט אין דער צוקונפט אויסצופירן די פאַרניכטונגס־אַרבעט. די יונגע היישעריקן האָבן נאָך נישט קיין פליגל, זיי פליען נישט, נאָר זיי שפּרינגען, פאַרפלייצנדיק די פעלדער און וועגן, וואָס פירן צו די פעלדער.

מענטשן, וואָס אינטערעסירן זיך מיטן היישעריק־פּראָבלעם (און ווער פון די אַרטיקע קאָלאָניסטן קאָן זיין דערצו גלייכגילטיק?), האָבן געמאַכט פאָלגנדע אינטערעסאַנטע אָבסערוואַציע:

דער היישעריק קומט פון צפון פון אַרגענטינע, וואָס גרענעצט מיטן דרום פון בראַזיליע. ער אָפּעריִרט, אַלזאָ, אויף אַ שטח פון

דעם צפון און צענטראַל־אַרגענטינע און דערגייט קיינמאָל נישט צום דרום - טייל פון אַרגענטינער לאַנד. נאָכן אָנפּרעסן זיך קומט־אום דער היישעריק ערגיץ־ווו אין דער צענטראַל־זאָנע פון לאַנד אויף די פעלדער אָדער אויף די גאַסן פון די שטעט, ווייל דער היישעריק פליט קיינמאָל נישט צוריק צום צפון. דאָס איז נוגע דעם אַלטן, פליענדיקן היישעריק. אַנדערש איז מיטן יונגן, שפּרינגענדיקן היישעריק. דער דאָזיקער היישעריק, גלייך נאָכן געבוירט, שפּרינגט פון די דרום - געביטן אין דער ריכטונג צו צפון. ער שפּרינגט אָבער קיינמאָל נישט צוריק צום דרום. שטענדיק פאָרויס צום צפון. ערשט, ווען דער יונגער היישעריק קומט אָן אויפן צפון, ערגעץ־ווו אין אַ געהיימניספולי־באַהאַלטענעם אָרט (ווי מען רעכנט, איז עס אין די צפון־טיילן פון טשאַקאָ), בלייבט ער דאָרט רוען עטלעכע חדשים, וואַרט איבער דעם ווינטער, וואַקסט דערווייל אונטער, ענדערט זיין אויסזען, ווערט פון שוואַרץ — ברוין, באַקומט פליגל און קומט ערשט דאַן צופליען, כדי אויסצופירן די פאַרניכטונגס־אַרבעט אויף די פאַרזייטע פעלדער. די אומפעיקייט צום פליען פון די יונגע היישעריקן און דאָס, וואָס זיי שפּרינגען אויף דער ערד, איז אַן איינגעשאַפט, וואָס מאַכט מעגלעך דער באַפעלקערונג זיי לייכטער צו באַקעמפן און כאַטש טיילווייז אויסצוראָטן.

דאָס באַקעמפן דעם יונגן היישעריק גייט־צו אויף פאַרשיידענע אופנים. אַזוי, למשל, ווערן זיי באַשפּריצט מיט עפּעס אַ שאַרפער פליסיקייט, וואָס סמט זיי אויס. אַנדערע באַגיסן זיי מיט הייס וואַסער, אָבער די אַלע מיטלען האָבן אַ קנאַפּע ווירקונג, ווייל די היישעריקן־מאַסע שפּרינגט זיך שנעל פונאַנדער, און עס איז שווער אַרומצונעמען דעם גאַנצן שטח, וואָס איז דורך זיי באַזעצט.

דאָס פּאָפּולערסטע מיטל פון קאַמף מיטן היישעריק זענען דעריבער די בלעך־צוימען. עס ווערט געמאַכט אַ פּלויט פון בלעך, וואָס ציט זיך אָפטמאָל גאַנצע קילאָמעטערס. די בלעך ווערט איינגעגראָבן אין דער ערד, און די הויך פון דער בלעך איז קוים אַ פערטל מעטער. דאָס איז גענוג, כדי צו פאַרשטעלן דעם וועג די

היישעריקן, ווייל זייער שפרינגן־פוה איז ס״ה אויף עטלעכע צענטימעטער די הויך און ממילא איז נישטאָ קיין געפאַר, אַז זיי זאָלן די צוים אַריבערשפּרינגען. אגב ווערט דאָס געטון נישט בלויז ביי גערטנער און פעלדער, נאָר אַפילו גאַנצע שטעטלעך ווערן אָפּגעצוימט מיט בלעך.

ווען די היישעריקן קומען, אַלזאָ, צו צו דער בלעך־צוים און קאָנען ווייטער זיך נישט רירן, הויבן זיי אָן צו קריכן אָן א זייט לענגאויס דער בלעך.

יעדע פּאָר מעטער ווערט פון דער זעלבער בלעך געמאַכט א פּירעקיקער אָפענער קאַסטן און האַרט ביים קאַסטן א זאַמד־בערגל, אויף וועלכן די היישעריקן קריכן אַרויף און צוקומענדיק צום ראַנד פון בערגל פאַלן זיי אַריין אין דעם אָפענעם קאַסטן, פונוואַנען זיי קאָנען זיך שוין נישט אַרויסקריגן. ווען אין קאַסטן זאַמלען זיך אָן א היבש ביסל היישעריקן, ווערן זיי גלייך צונויפגעשאַרט אין א זאַק און מען פאַרברענט זיי שפּעטער.

אָבער... מען דאַרף נישט האָבן קיין טעות און מיינען, אַז די היישעריק־פּלאָג ווערט טאַקע דורכדעם אויסגעראָטן. נאָר א קנאַפּן טייל פון זיי געלינגט עס אין דער ווירקלעכקייט צו פאַרניכטן. ס׳רוב רייסן זיך דאָך דורך דורך פאַרשיידענע זייטיקע וועגן צום געהיימניס־פולן צפון, וווּ זיי וואַרטן איבער זייער אומוואַנדלונגס־צייט און קומען שפּעטער צו פליען צוריק צו זייער שרעקלעכער פאַרניכטונגס־אַרבעט.

אָרים ווערן דאַן די קאָלאָניסטן, אויסגעדאַרט ווערט די ערד.

דער געדאַנק וועגן די היישעריקן וואַרפט אָן א פּחד אויף יעדן קאָלאָניסט.

## XVII
# די פּיאָנערן פֿון אביגדור

.1

די פאַרהעלטניסמעסיק גרויסע צאָל קאָלאָניעס, וואָס זענען קאָנצענטרירט אין דער פּראָווינץ ענטרע־ריאָס זענען אין גרונט גענומען שטאַרק ענלעך צו זיך, סיי לויט זייער אַלגעמיינעם אָרגאַניזאַציאָנעלן כאַראַקטער, סיי אויך לויט זייער ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור. דעריבער איז איבעריק זיך אָפּצושטעלן גענוי אויף יעדער קאָלאָניע באַזונדער.

פאַראַן אָבער דאָרט איין קאָלאָניע, וואָס טיילט זיך אויס אויף אַ גאַנץ בולטן אופן, סיי לויטן אויסזען, סיי לויט איר אינערלעכער איינריכטונג.

דאָס איז די קאָלאָניע פון דייטשע יידן, דאָס מוזיניקל פון דער אַרגענטינער יידישער קאָלאָניזאַציע — אבינדור.

ס'׳ה דריטהאַלבן יאָר, ווי די דאָזיקע קאָלאָניע איז אַנטשטאַנען אויף די יק'׳א־פעלדער, נעבן דער באַן־סטאַציע באָווריל.

אין יוני 1936 זענען אין דער קאָלאָניע אבינגדור באַזעצט געוואָרן די ערשטע 8 פאַמיליעס, וואָס זענען געקומען פון דייטשלאַנד.

בעת מיין באַזוך אין דער קאָלאָניע (דעצעמבער 1937) האָבן זיך שוין אין דער קאָלאָניע געפונען 70 פאַמיליעס. די צאָל איינוווינער פון דער קאָלאָניע שטייגט אָבער כסדר, ווייל בעלנים אין דייטשלאַנד, וואָס ווילן קאָלאָניזירט ווערן אין אַרגענטינע, פעלט נישט, און עס איז זיכער, אַז נאָר בקרוב וועט אבינגדור האָבן אַ פולן קאָמפּלעט קאָלאָניסטן. פאַר די נייע קאַנדידאַטן אויף קאָלאָניזאַציע, וואָס וועלן שוין זיין נישט בלויז פון דייטשלאַנד, נאָר אויך פון עסטרייך, וועט מען דעריבער מוזן שאַפן אַ נייע קאָלאָניע אָדער זיי באַזעצן אויפן פרייען באָדן פון די אַלטע קאָלאָניעס, ווי דאָס איז שוין דער פאַל אין ריווערא און מאַזעסוויל.

דער אינטערעס, מיט וועלכן איך האָב זיך געלאָזט אין וועג אריין, בכדי צו באַזוכן אביגדור, איז געווען אומגעהויער שטאַרק.

בעת מיינע פריערדיקע באַזוכן אין די קאָלאָניעס, האָב איך מיר באַגעגנט מיט אַלערליי מיני יידישע קאָלאָניסטן: מיט געקומענע פון דער אַלטער היים און מיט געבוירענע שוין אין אַרגענטינע, מיט מענטשן, וואָס האָבן זיך שוין געפונען דאָרט צענטליקער יאָרן און מענטשן, וועלכע זענען ערשט געווען חדשים און אפילו וואָכן. אָבער צום ערשטן מאָל האָב איך געדאַרפט זען אַ נייע קאָלאָניע, וואָס אַלע איר'ע איינוווינער זענען נאָך „גרינגנאָס" (גרינע); מיט מענטשן, וואָס זענען פאַרטריבן געוואָרן אין די אַרגענטינער סטעפּעס דורך די רדיפות פון נאַצי־רעזשים אין דייטשלאַנד. מען האָט מיר שוין פריער געהאַט דערציילט, אַז דער גרעסטער טייל קאָלאָניסטן פון אביגדור זענען אין דייטשלאַנד נישט געווען קיין לאַנדווירטן, נאָר טאַקע שטאָטישע איינוווינער, סוחרים, אינדוסטריעלער, באַאַמטע און אפילו דאָקטוירים און אינזשיניערן.

ווען אביגדור האָב איך שוין פריער געהאַט פיל געהערט. די יק"א יחוסט זיך מיט דער דאָזיקער קאָלאָניע, און אַז עס קומט עפּעס אַ חשובער גאַסט פון אייראָפּע, איז דאָס ערשטע, וואָס יק"א טוט: מען פירט אַוועק דעם גאַסט אין דער געגנט ווייטער רייזע קיין אביג-דור.

ביי די אַלטע קאָלאָניסטן פון די יק"א־קאָלאָניעס, ביי די וועטעראַנען פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע, גייען־אָן די קאָלאָניסטן פון אביגדור אַלס יחסנים.

די דאָזיקע באַצייכנונג הערט מען אָפט אין די אַלטע קאָלאָניעס, ווען מען רעדט וועגן דער יינגסטער יידישער קאָלאָניע.

פאַרוואָס עפּעס יחסנים? און וואָס באַשטייט דאָס יחסנותדיקייט פון די אביגדור־קאָלאָניסטן?

אויף די דאָזיקע פראַגן האָב איך, איינגנטלעך, קיין קלאָרע תשובה נישט באַקומען. אָבער פון די דיסקוסיעס און שמועסן

ארום דעם ענין האָב איך קלאָר געקענט פארשטיין, אַז די אַלטע קאָלאָניסטן ווילן בלויז דערוויזן, אַז די יק״א צערטלט זיך מיט זיי אויף עפּעס גאָר אַ ספּעציעלן אופן, גאָר אַנדערש, ווי מען פּלעגט עס אַמאָל זיך באַגיין מיט אַ נעקומענעם קאָלאָניסט פון מזרח־אייראָפּע.

די דייטשע קאָלאָניסטן פון אבינגדור קומען צו אַלעם גרייטן. די קאָלאָניע איז באַצייטנס צוגעגרייט צו דער אויפנאַמע פון די נייע איינוואוינער. פריער־אויסגעבויטע הייזער וואַרטן שוין אויף די קאָלאָניסטן, אַ טייל באָדן איז שוין פון פריער אָפּגערייניקט און באַאַקערט, בכדי דער קאָלאָניסט זאָל נישט דאַרפן פאַרלירן אומזיסט קיין צייט אויף נישט פּראָדוקטיווע אַרבעט א. א. וו.

דאָס אַלץ זעט איצט גאָר אַנדערש אויס, ווי מיט צענדליקער יאָרן צוריק, ווען די יק״א פלעגט די נײַ־נעקומענע קאָלאָניסטן אַוועקפירן אין פּוסטע סטעפּעס אָדער אורוועלדער, זיי לאָזן אויף גאָטס באַראָט אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אין „ראַנטשאָס" צונויפגעקלעבט פון בלאָטע, אָן שום אויפזיכט און אָן שום הילף.

נאָר ווען איך בין שוין געווען אין דער קאָלאָניע בײַ די כלומרשטע „יחסנים" און זיך מיט זיי אַרײַנגעלאָזט אין אַ שמועס, האָבן אויך נישט געפעלט קיין טענות ומענות קעגן דער יק״א. אויך זיי, וועלכע די אַלטע קאָלאָניסטן באַטראַכטן אַלס יחסנים, האָבן פּסדרדיקע טענות:

קודם־כּל וואָס פאַר אַ טובה האָט זיי די יק״א געטון מיטן קאָלאָניזירן זיי? אַז פאַר אַלעם האָבן זיי געמוזט פאַרויס באַצאָלן אין דייטשלאַנד — פאַר דער רייזע, פאַרן טראַנספּאָרט פון מעבל, אַ ראַטע אויפן באָדן, און אַלץ, וואָס יק״א גיט די קאָלאָניסטן ווערט דאָך פאַרשריבן אויפן חשבון פון קאָלאָניסט. פאַר אַלעם וואָס זיי באַקומען אין אַרגענטינע, וועלן זיי דאָך מוזן באַצאָלן ביז איין גראָשן נאָך מיט פּראָצענט דערצו. איז וואָס־זשע פאַר אַ טובה טוט מען זיי? דערצו קומען דאָך נאָך קאָנקרעטע טענות: דעם קאָלאָניסט דאַכט זיך, אַז זײַן באָדן איז נישט אַזוי פרוכט־

באר, ווי זיין שכנס באָרן, אָדער ווי יענער באָרן, וואָס איז נאָך דערווייל דורך קיינעם נישט פאַרנומען. אויסער דעם האָט ער טענות וועגן זיין ווין־הויז. ער האָט געבראַכט זיינע גוטע מעבל פון דייטשלאַנד און זיי פּאַסן זיך גאָרנישט אין די קליינע צימערלעך פון דעם ווין־הויז, וואָס איז אים דורך דער יק״א אויסגעבויט געוואָרן. אמת, דאָס הויז איז טאַקע אַ געמויערטס פון ציגל און נישט קיין „ראַנטשאַ" פון בלעכן, אָבער דאָך איז ער נישט צו אַזאַ הויז געוואוינט ביי זיך אין דער „היימאַט"... דאָ ווערט אויסגעמאָסטן דאָס ווין־הויז לויט די מעטער און די צאָל צימערן לויט דער צאָל איינוווינער. האָט ער צוזאַמען צוויי קליינע צימערלעך מיט אַ קיך, וואָס געפינט זיך אייגענטלעך אויפן הויף, מחוץ פון דער געביידע. דאַקעגן אין דער „היימאַט" האָט ער דאָך געהאַט 7 גרויסע, ליכטיקע צימערן, מיט באָד...

דערצו קאָסט נאָך דאָס דאָזיקע קליינע הייזל בר־זכך פּעזעס. אַ געוואַלדיקע סומע.

וואָס־זשע איז די טובה, וואָס די יק״א טוט אים? דערצו דאַרף מען עס שרייען און פּוזאַנדערפּויקן איבער דער גאַנצער וועלט, אַז מען טוט אַזוי פיל אויף פאַר די דייטשע יידן?

ער, דער דייטשער ייד, באַטראַכט זיך דאָך אַלס פּיאָנער, וועלכער העלפט מיט דאָס שאַפן אַ נייע ערע אין יידישן לעבן!

די אַלטע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן שוין אַ לעבן פאַרבראַכט אויפן אַרגענטינער באָדן, זענען ס'רוב געקומען אַהער אַלס לאַנדווירטן נאָך פון דער אַלטער היים. אויסערדעם זענען זיי דאָך עפּעס געווען „אָסט־יידן".

דאַקעגן זיי, פון אביגדור, זענען דאָך עפּעס פון דייטשלאַנד. געווען אין דעם אַמאָליקן קולטור-צענטער, געלעבט אַ גרויס־שטאָטיש לעבן און זיי דאַרפן זיך איצט אומשיכטן, בכדי ערשט צו ווערן לאַנדווירטן.

זענען זיי דאָך טאַקע פּיאָנערן — די פּיאָנערן פון אביגדור. טענות און אומצופרידנקייט—דאָס זענען שוין, ווייזט אויס, נע־

וואָרן אין אַ געוויסער מאָס באַשטאַנדטיילן פון מענטשלעכער נאַטור.

## 2.

די דאָזיקע הקדמה איז נור אַן אַנב אורתאָדיקע, וואָס האָט פּאַקטיש מיטן עצם־ענין פון דער קאָלאָניע אַ קנאַפּן שייכות, וואָרום דאָס זענען נור שטימען פון יחידים, וועלכע קענען און דאַרפן נישט באַטראַכט ווערן אַלס די מיינונג פון כּלל.

די קאָלאָניע אביגדור איז באמת אַן אויסנאַם אין דער קייט פון די יידישע קאָלאָניעס.

אַנדערש איז איר אויסערלעכער אויסזען, אַנדערש איז איר אינערלעכע אָרגאַניזאַציע און אַנדערש איז די פּסיכישע איינשטעלונג פון די מענטשן, וואָס זענען אהערגעקומען פון די גרויסע דייטשע שטעט אַקערן דעם באָדן.

איר טרעפט אין דער קאָלאָניע נישט נור אומצופרידענע מיטן מאַנגל פון באַקוועמלעכקייטן און מאָדערנער איינריכטונג אין די וווינונגען, נאָר איר טרעפט אויך מענטשן, וועלכע בענקען שטילערהייט אַהין, אין דער גרויכער אָדער האַלב־גרויסער דייטשער שטאָט אין פּרייסן, אָדער וועסטפאַליע.

אָבער די „שטילע בענקשאַפטן'' ווערן דאָך דערשטיקט ביי דער לאַסט פון שווערער אַרבעט אונטער די שטראַלן פון דער ברענענדיקער זון. ס'איז אַן אַרבעט פול מיט האָפנונגען, אַז דאָרט אויף דער אַרגענטינער ערד, וועלכע הויבט־אָן בליען אַ דאַנק זייער אַרבעט, וועלן זיי ענדלעך געפינען פאַר זיך אַ מקום־מנוחה, אַן אָפּרו־אָרט און פרייע לעבנס־מעגלעכקייט, נאָך די אַלע דערנידערונגען און באַליידיקונגען, וועלכע זיי האָבן געמוזט אויסשטיין אין דער „היימאַט''.

די קאָלאָניסטן פון אביגדור, וועלכע האָבן זיך גלייך אָרגאַניזירט אין איין געמיינשאַפט, פילן אויף זיך אויך אַ געזעלשאַפטלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די אויפגאַבן, וואָס זיי האָבן צו דערפילן ביים בויען זייער ניי לעבן.

דאָס פאַרשטייען די אַלטע קאָלאָניסטן, פּונקט ווי די יונגע. זיי האָבן איבערגעלעבט גרויסע אַנטוישונגען אין זייער פריערדיקן לעבן אין דער אַלטער היים, זיי האָבן נאָך אָבער נישט איבערגעלעבט די אַלע אַנטוישונגען, וואָס עס האָבן שוין איבערגעלעבט די ערשטע יידישע קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע.

אין אַביגדור איז אַלץ פריש, נישט נור צוליב דעם, וואָס די קאָלאָניע איז נאָך יונג, נאָר ווייל די מענטשן זענען נאָך באַהויכט מיט אידעאַליזם און מיט אַ פרישן אַרבעטס־ברען.

.3

אויך אין די אַלטע יידישע קאָלאָניעס איז איינע פון די ערשטע אַרבעטן אויפן געביט פון דער אָרגאַניזאַציע געווען דאָס שאַפן אַ געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן צענטר. אָבער אין יענע קאָלאָניעס איז אַלץ געווען פּאָלקסטימלעך און היימיש; אין אַביגדור, ווידער, איז אַלץ אייראָפּעיש־מאָדערן, אָבער דאָך אַ ביסל שטייף. לויטן דייטשן נוסח.

ווי נור עס זענען אָנגעקומען די ערשטע פּאָר פאַמיליעס איז דאָרט געגרינדעט געוואָרן אַ קהלה, אַ פרויען־פאַריין, אַ יוגנט־קלוב מיט ספּעציעלע סעקציעס פאַר מוזיק, געזאַנג, פוטבאָל, שוועראַטלעטיק, טענים און פאַרשטייט זיך, אַ ביבליאָטעק און ראַדיאָ־צענטער.

אַ האַלב יאָר נאָכן אַנטשטיין פון דער קאָלאָניע האָט שוין אָנגעהויבן דערשיינען אַ צייטשריפט א. נ.: „דער פּיאָנער פון אַביגדור", וווּ עס זענען פאַרעפנטלעכט גאַנץ אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן וועגן אַלגעמיינע לאַנדווירטשאַפטלעכע און לאָקאַלע אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן. די צייטשריפט דערשיינט דערווייל איינמאָל אַ חודש און איז העקטאָגראַפירט.

דאָס איז טאַקע כאַראַקטעריסטיש פאַרן קולטור־לעבן פון די אַרגענטינער יידישע קאָלאָניעס.

נישטאָ קיין איין גרעסערע יידישע קאָלאָניע, וווּ מען זאָל נישט האָבן געמאַכט פרווון אַרויסצוגעבן לאָקאַלע זשורנאַלן. אין מאָוריסיאָ איז אַמאָל דערשינען אַ צייטשריפט, וואָס איז געווען איינע פון

די ערשטע יידישע צייטונגען אין ארגענטינע בכלל. עס איז דערשינען א געוויסע צייט „דער אקער״ אין בערנאַסקאָני. עס איז דערשינען א יידישע צייטשריפט אין ריוועראַ א. א. וו. פון די אלע צייטונגען אין די קאָלאָניעס זענען געבליבן נאָר דערמאָנונגען. אפילו מאָזעסוויל. דאָס „ירושלים פון ארגענטינע״, האָט היינט נישט קיין אייגענע יידישע צייטשריפט.

די איינציקע קאָלאָניע, ווו עס דערשיינט היינט א לאָקאַלער זשורנאַל, איז אביגדור. פאַרשטייט זיך, אז דער זשורנאַל איז אין דער דייטשער שפּראַך. בכלל איז אביגדור א דייטש־רעדעוודיקע קאָלאָניע. די אָרטיקע קאָלאָניסטן האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך די דייטשע קולטור און האַלטן זיך דערוויילע דערביי זייער שטאַרק.

א קליינער ביישפּיל: פאַראַן אין אביגדור צוויי ניי־אויפגעבויטע שול־בנינים, איינע א שפּאַנישע, וואָס ווערט אויסגעהאַלטן דורך דער רעגירונג, ווו די קאָלאָניסטן דאַרפן זיך לערנען שפּאַניש און די צווייטע שולע דאַרף זיין א יידישע, וואָס מוז אויסגעהאַלטן ווערן דורך די קאָלאָניסטן גופא, עווענטועל מיט דער הילף פון ווער־החנוך, אזוי ווי אין אלע קאָלאָניעס. די שפּאַנישע שולע אין אביגדור איז שוין טעטיק. יונג און אלט לערנען זיך שפּאַניש. דאָס איז פאַרשטענדלעך און נויטיק. אָבער וואָס איז מיט דער יידישער שולע? די קאָלאָניסטן ווילן אראָפּברענגען פון דייטשלאַנד א פּראָגאָג־ראַבינער, ער זאָל לערנען מיט די קאָלאָניסטן העברעיש און דייטש. אגב ווילן זיי שוין ביי דער געלעגנהייט האָבן א ראַבינער. אויך אין דער הינזיכט וועט אביגדור זיין א יוצא מן הכלל, ווייל עס וועט זיין די איינציקע קאָלאָניע מיט אן אייגענעם רב, כאָטש אויך אין אנדערע קאָלאָניעס זענען די קאָלאָניסטן פון עלטערן דור שטאַרק רעליגיעז, גאַנץ להיפוך צו דער יידישער באַפעלקערונג אין די שטעט.

פרעג איך די אָנפירער פון דער קאָלאָניע: פאַרוואָס ווילן זיי איינפירן דעם לימוד פון דייטש? וואָס פאַר א נוצן וועט עס ברענגען

די קינדער פון די קאָלאָניסטן, וועמענס גורל עס איז שוין פאַרבונדן געוואָרן מיטן נייעם לאַנד און מיט דער נייער קולטור? מילא העברעיש איז טאַקע א גלייכע זאַך, אָבער צי וואָלט נישט בעסער געווען צו לערנען יידיש אנשטאט דייטש, בכדי אויף אזא אופן זיך שנעלער צוזאמענגיסן און צוזאמענלעבן מיטן גאנצן יידישן כלל פון ארגענטינע, וואָס איז דורכויס יידישלעך און פאָלקסטימלעך?

נישט איין קאָלאָניסט האָט מיך אויפמערקזאם אויסגעהערט, א שאָקל־געטון מיטן קאָפּ, אָבער קיין תשובה נישט געגעבן. ווארשיינלעך, וועט עס בלייבן אָן ענדערונג, וויִיל, לײדער, איז די דייטשע יידן זיך שווער אָפּצוגעוווינען פון זייער דייטשמערישקייט און שלעפּן עס מיט זיך מיט אין זייער נייעם גלות־וועג.

אַן אַלטער יידישער קאָלאָניסט האָט מיר דערציילט אזא כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד, וואָס ער האָט ביַיגעווווינט אין דער קאָלאָניע אַכינדור:

עס איז דאָרט געשטאָרבן א 75־יעריקער ייד, דער ערשטער פאַרשטאָרבענער אין דער קאָלאָניע, וואָס איז ס״ה מיט עטלעכע וואָכן פריער אָנגעקומען פון דייטשלאנד. מיטן דאָזיקן נפטר איז געענגט געוואָרן דער בית־עולם פון אביגדור. האָט מען אים איינגעאָרדנט א פייערלעכע לוויה, און אַלע קאָלאָניסטן האָבן באַגלייט דעם נפטר צו זיין אייביקער רו.

די קאָלאָניסטן זענען געקומען צו דער לוויה אין שווארצע קליידער מיט צילינדערס... אויף די צופעליקע מענטשן, וואָס האָבן ביַיגעווווינט די לוויה, האָט עס געמאַכט א מאָדנעם איינדרוק.

עפּעס איז עס זיי געווען פרעמד, דער דאָזיקער „דייטשער נוסח״, וואָס איז געבראַכט געוואָרן אויף די פעלדער פון ענטרע־ריאָס.

יאָ יחסנים, נישט יחסנים, אָבער א פאַקט איז, אז די קאָלאָניע אביגדור איז אנדערש, ווי אַלע אנדערע יידישע קאָלאָניעס אין ארגענטינע.

.4

אויך די ווירטשאפט אין אביגדור איז אין אלע פרטים אנדערש, ווי אין די איבעריקע יק״א־קאלאניעס.

זי איז ראציאנעל און שטיצט זיך אויף געוויסע טעארעטישע באגרינדונגען, ווייל יעדער נייגעקומענער קאלאניסט גייט דורך נישט בלויז די ריין־פראקטישע אויסשולונג, נאר אויך א טעארע־טישע.

אביגדור איז די איינציגע יידישע קאלאניע, ווו עס געפינט זיך א לאנד־ווירטשאפטלעכע שולע. דאס איז דער פארדינסט פון דעם יק״א־פארוואלטער אין אבינדור אינזש. ב. סאפיר. אן אויסגעצייכנ־טער אגראנאם, אן עסטרייכישער ייד, וואס איז אבער שוין לאנגע, לאנגע יארן טעטיק אין די יק״א־קאלאניעס.

אינזש. סאפיר האט ארגאניזירט די ארבעט אין דער קאלאניע אויף ראציאנעלע געזעלשאפטלעכע יסודות. יק״א האט, ליידער, נאר א קנאפע פארשטענדניש פארן געזעלשאפטלעכן עלעמענט אין דעם קאלאניסטישן לעבן. און די יק״א־אדמיניסטראטארן זענען על־פי־רוב געווען טריי די ביוראקראטישע פרינציפן פון דער יק״א־פאליטיק. אזוי אלנפאלס איז עס געווען מיט יארן צוריק, ווען עס זענען אנטשטאנען די עלטערע קאלאניעס. היינט האט זיך אין דער הינזיכט זייער פיל געענדערט צום גוטן. דאס איז א גרויסע טובה פאר דער אידעע פון דער קאלאניזאציע. עס גיט אויך א מעגלעכ־קייט די קאלאניסטן ארויסצוווייזן מער איניציאטיוו אין זייער אר־בעט.

זייער פיל דערפון, וואס איז פארנאכלעסיקט געווארן אין דעם ווירטשאפטס־סיסטעם פון די אלטע קאלאניעס, ווערט איצט פארריכט אין דער נייער קאלאניע אביגדור.

די לאנדווירטשאפטלעכע שולע איז טאקע איינער פון די בולטע ביישפילן.

די לאנדווירטשאפטלעכע שולע איז דער צוגרייטונגס - פלאץ פאר די קינפטיקע יידישע קאלאניסטן, וואס קומען ערשט קיין

אַרגענטינע זיך איבערשיכטן פון דעם שטאָטישן עלעמענט, פון סוחרישן שטאַנד און ווערן לאַנדווירטן.

די שולע איז באַשטימט קודם־כל פאַר דער יוגנט. נישט בלויז פאַר די קאָלאָניסטישע קינדער, וואָס געפינען זיך שוין אין דער קאָלאָניע מיט זייערע עלטערן, נאָר אויך פאַר אַ גרופּע יוגנט, וואָס איז געקומען קיין אַביגדור אַלס אַוואַנגאַרד, בכדי צוצוגרייטן זיך צו דער נייער אַרבעט און ביי דער געלעגנהייט אויך צוגרייטן אַ ביסל דעם באָדן, אויף וועלכן זייערע עלטערן וועלן זיך דאַרפן באַזעצן.

די דאָזיקע אַזוי־גערופענע „מרגלים'' פאַרברענגען אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער שולע עטלעכע חדשים, אַרבעטן פּראַקטיש ביי די קאָלאָניסטן, וועלכע געפינען זיך שוין אויף זייער באָדן און באַקומען אַ פולשטענדיקן באַגריף וועגן אַלעם, וואָס דערוואַרט זיי אויפן שווערן וועג פון דעם נייעם לעבן.

דער מענטשן־מאַטעריאַל אין אַביגדור אונטערשיידט זיך פון די אַלטע קאָלאָניסטן גאַנץ שטאַרק צוליב די ווייטערדיקע טעמים: אין די אַלטע קאָלאָניעס האָט יק''א באַזעצט פון רוסלאַנד, ליטע, פּוילן און בעסאַראַביע פּאַקטישע יידישע לאַנדווירטן און ערד־אַרבעטער; אין אַביגדור דאַקעגן האָט נור אַ געוויסער טייל קאָלאָניסטן געהאַט בלויז אַן אומדירעקטן שייכות מיטן ראָרף צוליב זייערע האַנדל־באַציונגען, ווי למשל, פערד־הענדלער, קצבים, פּרוכטן־הענדלער א. ד. גל. גאַנץ אומבאַדייטנד איז די צאָל קאָלאָניסטן, וואָס זענען אין דייטשלאַנד געווען באַשעפטיקט דירעקט ביי ערד־אַרבעט.

צווישן די דייטשע יידן פון אַביגדור האָב איך אויך באַגעגנט אייניקע קאָלאָניסטן־פאַמיליעס, וואָס זענען פּוילישע בירגער און זענען געקומען קיין אַרגענטינע אויפן יסוד פון פּוילישע פּעסער. עטלעכע צענדליק יאָר האָבן זיי געוווינט אין מזרח־פּרייסן און דאָרט געהאַנדלט מיט בהמות. כאָטש זיי האָבן שטענדיק געוווינט אין שטעט, באַטראַכטן זיי זיך דאָך אַלס מענטשן, וואָס האָבן

א שייכות צום דאָרף און ווילן איצט אין אבינגדור אויסנוצן זייער גרויסע חערפאַרונג איפן געביט פון פי־צוכט און עס אנטוויקלען אין דער נייער קאָלאָניע

די דערפאַרונגען פון דער „אַלטער היים" ווערן שטאַרק פאַרווענדעט אין דער נייער היים. אָט האָט איין קאָלאָניסט, למשל, א געוויסער מאקס הירשבראַנד זיך גענומען צו קאָנסערוון. אין דייטשלאַנד האָט ער געהאַט א קאָנסערוון־פאַבריק, פאַרוואָס זשע זאָל ער איצט נישט אויסנוצן זיין גאַנצע דערפאַרונג אויף דעם דאָזיקן געביט? פרוכטן גיט זיין „טשאַסרע" גענוג, און אז עס וועט פעלן, קאָן מען נעמען אויך פון די שכנים. עס האַנדלט זיך נאָר, אז עס זאָלן זיין גענוג אָפּנעמער.

די ע־שטע פרווון פון דעם קאָלאָניסט הירשבראַנד זענען געלונגען. מען האָט די קאָנסערוון נישט בלויז פאַרקויפט צווישן די קאָלאָניסטן גופא, נאָר אויך אַרויסגעשיקט מוסטערן אין די גרויסע שטעט, דערונטער קיין בוענאָס־איירעס, פונוואַנען עס איז שוין אָנגעקומען די ערשטע באַשטעלונג. די אַנטוויקלונג פון דער קאָנסערוון־פּראָדוקציע קאָן באַדייטנד ווירקן אויף דעם אויפבלי פון דער קאָלאָניע, אַלס אינדוסטריע־צענטער, ווייל צו די קאָנסערוון דאַרף מען דאָך האָבן הערמעטיש־פאַרמאַכטע פושקעס, און עס האָבן זיך שוין געפונען פאַכמענער, וועלכע זענען אימשטאַנד אויסצואַרבעטן די נויטיקע פושקעס.

עס איז זיכער, אז מיטן אָנקומען פון נייע קאָלאָניסטן וועלן אַנטשטיין נייע אידעען, וואָס וועלן מעגלעך מאַכן, אויסער באַאַרבעטן דעם באָדן, זיך באַשעפטיקן ביי פי־צוכט און אויך גלייכצייטיק אַנטוויקלען געוויסע אינדוסטריע־צווייגן.

אויסער דעם עקזיסטירט שוין אין דער קאָלאָניע אויך א מילך־קאָאָפּעראַטיוו, וועלכער קויפט צונויף ביי די קאָלאָניסטן מילך און עס ווערט אויך אויסגעאַרבעט פוטער, קעז און סמעטענע. יעדן פרייטאָג ברענגען די קאָלאָניסטן זייער סכום מילך און דער באַטרעף פאַר דער מילך ווערט פאַרשריבן אויף זייער קאָנטע אין דעם אַלגע-

מײנעם קאָנסום־קאָאָפּעראַטיװ, װאָס געפינט זיך אין דער קאָלאָניע. דאָס איז דער יינגסטער יידישער קאָאָפּעראַטיװ אין ארגענטינע, און דורכן אָנשליסן זיך אין דער קאָאָפּעראַטיװן־צענטראַלע „פראַטערני־טאַר אגראַריאַ“ גייט אריין די קאָלאָניע אביגדור צום ערשטן מאָל אין דעם כּלל פון דער גרויסער יידישער קאָלאָניסטן־אָרגאַניזאַציע.

בעת מיין באַזוך האָט זיך דער קאָאָפּעראַטיװ געפונען אין א נעבּיידע, װאָס איז שוין געװען צו קליין פאַרן גרויסן סחורות־לאַגער, װאָס האָט זיך דאָרט געפונען. איינע פון די הויפּט־דאגות פון די קאָלאָניסטן איז געװען דאָס פונאַנדערבּויען דעם קאָאָפּעראַטיװן־בּנין. װאַרשיינלעך איז דער דאָזיקער פּלאַן שוין היינט רעאַליזירט. אָריגי־נעל איז אויך דער אַרבּעטס־סיסטעם אין דעם קאָאָפּעראַטיװ. בכדי אויסצומיידן א געדראַנג און נישט צו האַמעװען דאָס באַדינען די אינטערעסאַנטן, זענען די קאָלאָניסטן איינגעטיילט אין גרופּן און האָבּן באַשטימטע שעהן, װען זיי קאָנען מאַכן די איינקויפן.

דאָס האָט זיך אַרויסגעװיזן אַלס א זייער פּראַקטישער סיסטעם, װאָס פאַרלייכטערט באַדייטנד די אַרבּעט פון קאָאָפּעראַטיװ.

אין דעם צענטער פון דער קאָלאָניע, דאָרט, װוּ עס איז קאָנ־צענטרירט דאָס גאַנצע קאָלאָניסטישע לעבּן (װייל עס געפינען זיך דאָרט אין א נאָנטער שכנות: די אַדמיניסטראַציע, קאָאָפּעראַטיװ, שול־בּנינים), אויפן שטח, װוּ עס װעט װאַרשיינלעך אין דער צו־קונפט אַנטשטיין דאָס שטעטל אבינדור, געפינט זיך אויך א נאָך נישט־פאַרענדיקטער בּנין, װוּ עס װעט איינגעאָרדנט װערן דאָס שפּיטאָל. אויך דאָס פאַרמאָגן נישט אַלע קאָלאָניעס.

די עצם אַגראַר־װירטשאַפט פון דער קאָלאָניע אביגדור איז א געמישטע. אַלץ, װאָס קאָן נאָר רעכנען אויף דערפאָלג אויפן דאָר־טיקן באָדן, װערט דאָרט געזייט. דערבּיי װערן אויך געמאַכט אינטע־רעסאַנטע עקספּערימענטן אַרויסצובּאַקומען אַזעלכע פּרוכטן, װאָס זאָלן קענען דינען אַלס מוסטער פאַר דער גאַנצער אַרגענטינער לאַנד־װירטשאַפט.

עס לעבּט און אַנטװיקלט זיך כּסדר די קאָלאָניע אביגדור און

אין פול מיט האָפנונגען אויף דער צוקונפט.

צי זענען אַלע קאָלאָניסטן צופרידן פון דעם דאָזיקן נייעם לעבן?

אין דער צייטשריפט „דער פּיאָנער פון אביגדור" איז געמאַכט געוואָרן אַן אינטערעסאַנטע אַנקעטע צווישן די קאָלאָניסטן: וואָס וואָלטן זיי פריער געטון, ווען זיי וואָלטן געוווּסט, אַז זיי וועלן קו־מען קיין אַרגענטינע אין דער קאָלאָניע אביגדור?

דאָס רוב קאָלאָניסטן ענטפערן: זיי וואָלטן זיך מער אינטערע־סירט מיט לאַנדווירטשאַפט, זיי וואָלטן זייערע קינדער געלאָזט שטו־דירן אַגראָנאָמיע, זיי וואָלטן זיך באַצייטנס געלערנט שפּאַניש א.ד.גל.

נאָר איין קאָלאָניסט, ה' ערב, האָט געענטפערט:

ווען ער זאָל פריער וויסן, ווי אַזוי עס וועט זיין אין אביגדור, וואָלט ער געוויס נישט געקומען אַהער.

אַ קורצע צייט שפּעטער איז ה' ערב אַוועק פון דער קאָלאָניע אין דער שטאָט אַריין און אין „פּיאָנער" איז דערשינען אַ נאָטיץ, אַז דער פּליט איז דערקלערט געוואָרן אַלס פאַררעטער פון דער יידי־שער קאָלאָניזאַציע־אידעע.

געוויס איז שווער אַלעמען צופרידן צושטעלן, געוויס קאָן מען נישט דערוואַרטן, אַז אַלע זאָלן זיך אַזוי לייכט צוגעוווינען צום ניי־עם לעבן. אויך צווישן די פאַרבליבענע אין דער קאָלאָניע הערט מען נישט איינמאָל אַ קרעכץ און אַ בענקשאַפט צום אַמאָליקן, פיל לייכ־טערן שטאָטישן לעבן, אָבער דאָס זענען נאָר יחידים אין דער רי־זיקער מענטשן־מאַסע. דאָס רוב זענען צופרידן, וואָס זיי האָבן אויסגעטוישט דאָס היינטיקע „לייכטע" שטאָטישע לעבן אין איי־ראָפּע אויפן שווערן, אָבער דאָך פרייען און אַרבעטסזאַמען לעבן אין דער נייער היים.

# XVIII
# ירושלים ד'אַרגענטינע

## 1.

דער לעצטער פונקט פון מיינע וואנדערונגען איבער די ארגענטינער יידישע קאלאניעס איז געווען מ אָ ז ע ס ו ו י ל.

דער וועג אהין איז גאָרנישט אזא לייכטער, **כאָטש מאָזעסוויל** געפינט זיך אין דעם סאַמע הארץ פון דעם ארגענטינער לאנד, אין דער פּראָווינץ סאַנטאַ־פּע.

קנאַפּע 10 שעה האָב איך מיך געשלעפּט מיטן צוג פון בּוענאָס איירעס קיין פּאַלאַסיאָס, פונוואַנען מען דאַרף נאָך א גוטע שעה צייט פאָרן מיטן אויטאָ צום ערשטן יידישן שטעטל אויפן ארגענטינער באָדן. דערצו מוז מען האָבּן מזל, אז אין דעם אַלטן שאָקלדיקן פאָרד, וואָס קומט צו דער באַן־סטאַציע אָפּנעמען די פּאָסט, זאָל נאָך זיין א פריי אָרט, פאַר וועלכן דער שאָפער הייסט זיך גאַנץ פיין באַצאָלן.

איך זאָג עס נישט, חלילה, אלס פּאָרוואורף. די מאָזעסווילער יידן, פונקט ווי די יידן אין גאַנץ ארגענטינע, זענען באמת אזעלכע האַרציקע און גאַסטפריינטלעכע מענטשן, דאָס ווען זיי ווייסן, אז עס דאַרף קומען צו זיי א גאַסט פון דער ווייטער, גרויסער וועלט, וואָלטן זיי געוויס געקומען קיין פּאַלאַסיאָס נישט מיט איין אויטאָ, נאָר מיט עטלעכע אויטאָס, כּדי דעם גאַסט ווי געהעריק מקבּל־פּנים זיין.

דאַקעגן דער שאָפער פון דעם שאָקלדיקן פאָרד, הגם ער איז א גאַנץ ווזילער ליטווישער בּחור, איז ווידער נישט מחויב פאַר יעדן צופעליקן טוריסט אָדער סתם ביזנעס־מאַן, וואָס קומט קיין מאָזעסוויל, מאַכן וועלכע עס איז הנחות, ווייל ווען עס טרעפט זיך, אז ער דאַרף איינער אליין צוריקפאָרן, צאָלט אים קיינער נישט פאַרן בּחינם־געמאַכטן וועג, דען פאַר דעם פּאָסט־טראַנספּאָרט באַקומט

ער נישט קיין שום באַלוינונג. דאָס איז זיינע אַן ע־ן־מיסיע, וואָס ער פירט אויס פאַר דער מלוכה...

מען דאַרף דערפון נישט דרינגען, אַז מאָזעסוויל האָט בכלל נישט קיין באַן־סטאַציע. ס'איז יאָ פאַראַן אַ באַן־ליניע, מיט אַ סטאַציע, מיט אַ וואַקזאַל־געביידע, נעבן וועלכער עס געפינען זיך צוויי שוואַרצע שילדן, וואָס טראָגן מיט גרויסע, ווייסע אותיות דעם שטאָלצן נאָמען פון משה רבינוס שטאָט, וואָס איז געקרוינט געוואָרן אַלס ירושלים ד'אַרגענטינע.

אַלץ איז דאָרט פאַראַן, וואָס איז נויטיק פאַר אַ באַן־סטאַציע, נאָר די באַן גופא איז זעלטן ווען עס איז דאָ. מיט דער הויפּט־שטאָט פון דער פּראָווינץ איז פאַראַן אַ באַן־פאַרבינדונג דריי מאָל אין וואָך. אין די איבעריקע טעג קען מען פאָרן, אויב עס איז פאַראַן עפּעס אַ טראַנספּאָרט אַלפאַלפאַ, תבואה אָדער אַ ביסל בהמות אויף עקספּאָרט. צו דעם פראַכט־צוג ווערט צוגעטשעפּעט אַ פּערזאָנען־וואַגאָן, וואָס נעמט אויף עטלעכע פּאַסאַזשירן, פירט זיי אַוועק סך־הכל אין סטאַציע — קיין ווירביניא, ווּ מען דאַרף איבערשטייגן אין אַ צווייטן צוג, וואָס פאָרט שוין לויטן דירעקטן באַן־שליאַך איבער די אַרגענטינער שטעט.

דער מאַנגל אין אַ דירעקטער באַן־פאַרבינדונג צווישן מאָזעסוויל און די צענטראַלע פונקטן פון לאַנד איז אויך איינע פון די סיבות, וואָס מאָזעסוויל קען זיך נישט אַנטוויקלען און פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גרויסער שטאָט אין אַזאַ פאַרנעם, ווי עס איז געווען די אַמביציע פון די בויער פון דעם מאָזעסווילער ישוב. אויסערלעך איז מאָזעסוויל עד־היום געבליבן נישט מער ווי אַ פּראָווינץ־מעסיק שטעטל. איינס פון דער קאַטעגאָריע קאָלאָניסטישע שטעטלעך, וואָס עס איז מיר שוין פריער אויסגעקומען צו זען. דאָס איז אויך אין אַ געוויסער מאָס די אַנטוישונג, וואָס איך האָב געהאַט באַזוכנדיק מאָזעסוויל.

די רייזע קיין מאָזעסוויל איז געווען מיין געזעגנונגס־רייזע מיט דעם וואונדער־שיינעם אַרגענטינער לאַנד, ווייל עטלעכע טעג נאָכן

מאָזעסווילער באַזוך האָב איך זיך שוין געפונען אויף דער שיף, וואָס האָט מיך געפירט צוריק צו דער אַלטער היים.

בדרך־כלל פירט זיך אפילו, אַז ווען עס קומט קיין אַרגענטינע אַ יידישער שרייבער פון אייראָפּע אָדער צפון־אַמעריקע און וויל זען דאָס יידישע דאָרפישע לעבן און גלייכצייטיק זיך באַקענען מיטן גייסטיקן צענטער פון דעם נייעם יידישן ישוב, פאָרט ער קודם־כל אין דער מאָזעסווילער געגנט.

נישט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו באַגעגענען שרייבער און עסקנים, וואָס האָבן נאָכן באַזוכן מאָזעסוויל, שוין אַרויסגעגעבן זייער אורטייל איבער דער יידישער קאָלאָניזאַציע. אפילו אין בוענאָס־איירעס גופא באַגעגנט מען יידישע עסקנים, וואָס וווינען אין לאַנד שוין צענדליקער יאָרן און זיי האַלטן, אַז בלויז מיטן באַזוכן מאָזעסוויל האָבן זיי שוין יוצא געווען לגבי דעם גאַנצן אַרגענטינער הינטערלאַנד און קענען שוין גענוג גוט דאָס יידישע דאָרפישע לעבן.

די דאָזיקע מיינונג אָבער איז אין גרונט גענומען פאַלש, הגם באַטש מאָזעסוויל שטעלט מיט זיך פאָר אַן אומגעהויער אינטערעסאַנט קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דעם אַרגענטינער יידישן ישוב, און כאָטש מאָזעסוויל האָט אין משך פון יאָרן טאַקע געדינט אַלס ליכט־פּונקט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם אַרגענטינער יידישן לעבן נישט בלויז אין דאָרף, נאָר אויך אין שטאָט, דאָך קען מען נישט בשום אופן אויפן יסוד פון דעם דאָזיקן איינעם צענטער משפטן די גאַנצקייט פון דעם יידישן לעבן בכלל און פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע בפרט.

כדי נישט אַרונטערצופאַלן אונטער די אַלע השפעות, וויאַס עס האָט אויפן צופעליקן באַזוכער דער דאָזיקער שטאַרק רעקלאַמירטער און אין דער גאַנצער יידישער וועלט פּאָפּולערער קאָלאָניזאַציע־צענטער, האָב איך באַשלאָסן באַזוכן מאָזעסוויל ערשט דאַן, ווען איך וועל שוין האָבן געזען אַלע איבעריקע יידישע קאָלאָניעס און קאָלאָניסטישע שטעטלעך.

אפשר נאָכן דערפאַר איז מיין צוגאַנג צו מאָזעסוויל אַ מער־

קריטישער, ווי צו אַנדערע שטעטלעך, אפשר טאַקע דערפאַר זענען מײַנע דערוואַרטונגען בנוגע מאָזעסוויל געווען פיל גרעסערע, ווײַל פיל גרעסער זענען די פאָדערונגען בנוגע א ישוב, וואָס האָט אַזאַ פּאָפּולאַריטעט ווי מאָזעסוויל.

יאָ, מאָזעסוויל האָט מיך אַנטוישט.

איך שטעל עס פעסט מיט אַ שטאַרקער באַדויערונג. עס האָט מיך אויפריכטיק פאַרדראָסן, וואָס איך בין צוריקגעקומען פון מאָזעסוויל קיין בוענאָס־איירעס מיט ווייניקער ענטוזיאַזם ווי דאָס איז געווען דער פאַל, ווען איך בין צוריקגעקומען פון אַנדערע קאָלאָניעס.

פערזענלעך האָב איך קיין שום גרונט נישט זיך צו באַקלאָגן אויף דער גאַסטפריינטלעכקייט פון די מאָזעסווילער איינוווינער, בפרט אויף די אָנפירער פון דעם דאָרטיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אַרגענטינער יידן, בפרט די יידן פון דער אַרגענטינער פראָווינץ, פון די אַרגענטינער קאָלאָניעס, צייכענען זיך באמת אויס מיט א ריי־רענדער גאַסטפריינטלעכקייט בנוגע יעדן גאַסט, וואָס קומט פון דער פרעמד, פון דער גרויסער וועלט, בפרט נאָך פון דער אַלטער היים, מיט וועלכער עס זענען פאַרבונדן די יוגנט־זכרונות פון יעדן איינעם פון די עלטערע תושבים אין די קאָלאָניעס.

איך מוז אָפן זאָגן, אַז אָפטמאָל ווערט די דאָזיקע גאַסטפריינטלעכקייט אויסגענוצט אויף אַ נישט פיינעם אופן דורך פאַרשיידענע מער אָדער ווייניקער באַרימטע „דעלעגאַטן” און פּושקע־קלאַפּער, וואָס קומען קיין אַרגענטינע אָרגאַניזירן קאַמפּיינען.

מײַן ווייניקייט האָט זיך אָבער געפונען אין מאָזעסוויל גאַנץ פּריוואַט, כדי צו זען און ווי־אַמווייניקסטן געזען צו ווערן. אמת, דאָס איז נישט קיין לייכטע זאַך, ווײַל די מאָזעסווילער עסקנים, מיט וועלכע איך בין געקומען אין באַרירונג בעת מײַן קורצן באַזוך בײַ זיי, האָבן עס ממש באַטראַכט אַלס אַ באַליידיקונג פאַר זיי.

היתכן — האָט מען מיט מיר אײַנגעטענהט — שוין אַזוי פיל חדשים בין איך אין אַרגענטינע, די צייטונגען האָבן געשריבן, אַז איך בין געווען אין אַלע קאָלאָניעס און צו זיי, קיין מאָזעסוויל, בין

איך געקומען ערשט איצט, שוין צום סאמע סוף פון מיין באזוך אין לאנד. דערצו בין איך נאך געקומען אויף א קורצער צייט, אז זיי וועלן אפילו נישט באוויזן איינאָרדנען א שטיקל צוזאמענקום, עפעס אן אויפנאמע, אפשר גאר א רעפעראט אָדער א דיסקוסיע־אָוונט...

ווען מען קומט זיך צונויף מיט די מאָזעסווילער יידן, באקומט מען דעם איינדרוק, אז מען געפינט זיך נישט אין די ווייטע ארגענטינער סטעפעס, נאר אין א היימיש ליטוויש שטעטל, אָדער גאר ביי אונז אויף די מזרח־קרעסן, ערגעץ־וווּ אין א גראָדנער אָדער ביאַליסטאָקער געגנט. עס הערן זיך נאך די קלאַנגען פון דעם זאפטיקן, ליטווישן יידיש־לשון, וואָס ווערט, ליידער, דורכן יונגערן דור אויף טריט און שריט קאַליע געמאַכט מיטן געמיש פון שפּאנישע ווערטער און אפילו גאנצע פראזן, וואָס ווערן בסדר אריינגעוואָרפן אין דער יידישער שפּראך.

עס איז זייער א כאראַקטעריסטישער שטריך פון דער באפעלקערונגס־סטרוקטור אין די אַרגענטינער קאָלאָניעס, בפרט פון די ערשטע יאָרן פון זייער אנטשטייאונג. פאראן קאָלאָניעס, ווו די אַבּסאָלוטע מערהייט קאָלאָניסטן זענען פון כערסאָנער אָדער וואָלינער גובערניע, פון פּאָדאָליע אָדער בעסאראביע.

פאַרשטייט זיך, אַז מיט דער צייט האָט זיך דאָס באדייטנד געענדערט. די נייע עמיגראַציע, אפילו נאָך פון פאַר דער מלחמה, האָט אריינגעבראכט נייע עלעמענטן פון נייע געביטן, צונויפמישנדיק די גאנצע באַפעלקערונג אין איין איינהייטלעכע מאַסע. דערצו האָט אויך שטארק מיטגעווירקט דער נייער דור, וואָס שטאמט שוין פון די געבוירענע אין די קאָלאָניעס גופא.

אָבער צווישן דעם עלטערן קאָלאָניסטישן דור איז פאַרבליבן דער דאָזיקער לאָקאַלער צוזאמענבונד. אפילו אין מאָזעסוויל גופא טרעפט איר אָן, למשל, דעם גאַנצן גראָדנער יחוס. קאָלאָניסטן־פאַמיליעס, וואָס במעט אַלע שטאַמען פון איין עמיגראַנטן־גרופּע פון גראָדנער געגנט.

אין דער צאָלרייכער קאָלאָניעס־גרופּע, וואָס רינגלט ארום מאַ־

זעסוויל, און וואָס יעדע קאָלאָניע האָט איר באַזונדערן נאָמען, איז פאַראַן איינע, וואָס הייסט ער־היום „ביאַליסטאָק״, ווייל זי איז מיט צענדליקער יאָרן צוריק געשאַפן געוואָרן דורך דער גרופּע קאָלאָניסטן פון ביאַליסטאָקער ראַיאָן.

די עלטערע ביאַליסטאָקער איינגעוווינער געדענקען נאָך ער־היום ווי מיט העכער פערציק יאָר צוריק פלעגט מען אין ביאַליסטאָק אָפּהאַלטן אסיפות און זיך באַראַטן, צי זאָל מען ריזיקירן און פאָרן אין דעם ווייטן אומבאַקאַנטן לאַנד, ווו באַראָן הירש זאָגט צו יידן גאָלדענע בערג.

מען פלעגט שיקן דעלעגאַטן, אַזעלכע מיני „מרגלים״, וועלכע האָבן געדאַרפט אויספאָרשן דעם באָדן פאַר דער נייער קאָלאָניזאַציע, אָבער די מענטשן, וואָס האָבן זיך שוין געגרייט צו עמיגרירן, האָבן נישט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן אויף די מיינונגען פון די דעלעגאַטן. זיי האָבן זיך באַנוגנט מיט די ערשטע פּריוואַטע בריוו, וואָס זיי האָבן באַקומען פון אַרגענטינע, און אויפן סמך פון די דאָזיקע בריוו האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

אַז מען לייענט די זכרונות פון יענע יאָרן, זעט מען, אַז עס האָט געהערשט צווישן די יידישע מאַסן אַ געוואַלטיקער דראַנג צו עמיגראַציע, וואָס איז אַ דאַנק דער אַגיטאַציע אַרום דעם ענין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין פּסיכאָז. פון דער אַנדערער זייט איז אָבער אויך געפירט געוואָרן אַ שטאַרקע קעגן־אַגיטאַציע.

איינער פון די פּיאָנערן פון מאָזעסווילער ישוב — דער פאַרשטאָרבענער נח קאַצאָוויטש, באַשרייבט אין זיינע זכרונות, ווי שטאַרק עס איז געווען דער קאַמף אַרום דעם עמיגראַציע־פּסיכאָז. אַלס ביישפּיל ווערט אָנגעגעבן דער פאַקט, אַז ערגעץ אין אַ שטעטל האָט דער דאָרטיקער גלח גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם קאַמף אַרום דעם עמיגראַציאָניזם. ער האָט אַפּעלירט צו די יידן, אַז זיי זאָלן זיך נישט לאָזן אָוועקפירן אין דעם אומבאַקאַנטן לאַנד און געעצהט בעסער די קינדער וואַרפן אין טייך אַריין.

ביי דער געלעגנהייט איז אויך אינטערעסאַנט איבערצוגעבן דעם

פּרט, אַז דעם נאָמען מאָזעסוויל האָט געשאַפן גישט קיין ייִד, נאָר דווקא דער קריסט דר. פּעדראָ פּאַלאַסיאָס, נאָך וועמען עס הייסט דאָס שטעטל ביי מאָזעסוויל.

עס איז דערביי כאַראַקטעריסטיש, וואָס עס האָט זיך גלייך געפונען אַ צווייטער גרויסער ערד־באַזיצער — דער דייטש שטייגלעדער, וועלכער האָט נישט ווייט פון דעם שטעטל סונטשאַלעס געוואָלט שאַפן אַ צווייטע יידישע קאָלאָניע, וואָס האָט (ווייזט אויס צוליב קאָנקורענץ־צוועקן) באַקומען דעם נאָמען אַהרנסוויל. די דאָזיקע קאָלאָניע האָט אָבער קיין לאַנגן קיום נישט געהאַט און היינט איז פון אַהרנסוויל קיין זכר נישט געבליבן. דאַקעגן מאָזעסוויל האָט זיך בסדר אַנטוויקלט און איז מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן, וויכטיקן צענטער פון דעם אַרגענטינער יידישן קיבוץ.

דורכן אָנגעגעבענעם קליינעם עפּיזאָד פאַלט ממילא אָוועק די באַהויפּטונג, אַז דער נאָמען מאָזעסוויל איז אַנטשטאַנען, בכדי צו באַערן דעם באַראָן הירש, וועמענס נאָמען עס טראָגט די ערשטע יק"א־קאָלאָניע מאָוריסיאַ. ווען די יק"א האָט אָפּגעקויפט די פעלדער פון מאָזעסוויל און געשאַפן דאָרט נייע קאָלאָניעס האָט שוין דער נאָמען פון דער יידישער שטאָט עקזיסטירט.

די חבלי־לידה פון מאָזעסווילער צענטער שילדערט גאַנץ אויספירלעך אין זיינע זכרונות נח קאַצאָוויטש. א שאָר באמת, וואָס די דאָזיקע זכרונות זענען נישט דערשינען אין קיין בוך־פאָרם און די שפּורן דערפון דאַרף מען זוכן אין די אַלטע קאָמפּלעטן פון דער צוויי־וועכנטלעכער לאָקאַלער אויסגאַבע „מאָזעסווילער לעבן", וואָס איז דאָרט אַמאָל דערשינען.

אַמאָל — און נישט מער היינט. היינט האָט שוין אפילו מאָזעסוויל נישט קיין שום יידישע לאָקאַלע צייטונגס־אויסגאַבע.

דאָס איז איינע פון די אַנטוישונגען, וואָס איך האָב געהאַט אין דעם ירושלים ד'אַרגענטינע.

.2

עס איז שוין געווען אָזונט־צייט, ווען איך בין אָנגעקומען קיין מאָזעסוויל. איך האָב קוים באוויזן אָפּצולייגן מיינע זאַכן אין האָטעל און גלייך אַוועק אויף אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט.

פאַר אַן איינגעפּראָוויטן וואַנדערער איז עס אַן אָנגענעמע זאַך אַרומצוקריכן איבער די גאַסן פון אַ פרעמדער שטאָט אָן שום פאַרויס אָנגעצייכנטן ציל, נאָר סתם אין דער וועלט אַריין, שפּאַצירן און אָפּסערווירן דעם לעבנס־טעמפּאָ פון דער שטאָט. עס מאַכט נישט אויס, אַז מען פאַרבלאָנדזשעט ערגעץ־ווו אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג, מען מישט זיך אויס מיט אַ מאַסע פון אומבאַקאַנטע מענטשן, וואָס שפּאַצירן זאָרגלאָז איבער די גאַסן פּאָרלעכווייז, אָדער אין גרעסערע גרופּן. מען שטעלט זיך אָפּ פאַר די שוי־פענסטער פון די גרויסע קראָמען, מען זעצט זיך אַוועק אין פּאַרק אויף אַ באַנק, מען הערט אונטער אַ שמועס און מען דערוויסט זיך טאָמער עפּעס אַ פּליאָטקעלע, כאָטש מען אָריענטירט זיך נישט, וועגן וועמען מען רעדט עס. מען גייט אַריין אין אַ קאַפע, ווו עס זיצן זיך עלטערע און יונגע מענטשן, שפּילן אין דאָמינע, שאָך, אָדער „ראַדע" — די נאַציאָנאַלע שמיינער־שפּיל אין די דרום־אַמעריקאַנער קאַפע־הייזער. פון אַלע זייטן הערסטו די קלאַנגען פון דער יידישער שפּראַך... מיינסטו טאַקע אויף אַן אמת, אַז דו ביסט אַריינגעפאַלן אין סאַמע שמעלץ־טאָפּ פון דעם אַרגענטינער יידישן לעבן.

עטלעכע מינוט דויערט, אַז דו זאָלסט זיך איבערצייגן, אַז די שטאָט איז נישט מער, ווי אַ שטעטל און קיין סך קאַפע־הייזער קאָן מען נישט באַזוכן, ווייל זיי זענען פאַראַן נאָר צוויי אָדער דריי, און דער גאַנצער פּאַרק, וואָס געפינט זיך אין סאַמע צענטער פון שטאָט, איז קוים איין העקטאַר גרויס. איבערן שטעטל קאָן מען נישט שפּאַצירן, ווייל... ווייל נאָך אַ פּאָר טריט ווייטער און מען געפינט זיך שוין הינטערן שטעטל, אויף די אָפענע פעלדער, וואָס פירן צו די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס.

בפרט האָט מען נישט געקענט לאַנג שפּאַצירן אין דעם אָוונט,

ווען איך בין געקומען קיין מאָזעסוויל. עס האָט נאָר וואָס אויפגע־הערט צו רעגענען און די גאַסן האָבן אויסגעזען, ווי נאָך א פאַר־פליייצונג. ווען מען האָט געוואָלט דורכגיין דעם טראָטואר פון איין גאָס אויף דער אנדערער, האָט מען געמוזט שפרינגען איבער שטיי־נער אָדער קינסטלעכע בריקן, וואָס זענען אויסגעלייגט געוואָרן פון ברעטער איבער די פאַרגאָסענע גאַסן־קאַנאַלן.

מאָזעסווילער גאַסן זענען נאָך דערווייל נישט אספאַלטירט, אויסער דער פלאַזא אין סאַמע צענטער שטאָט, וווּ עס געפינט זיך דער שטאָטישער פאַרק.

אז דאָס ארומדרייען זיך איבער די גאַסן ווערט שוין דערעסן, און מען וויל דאָך זען עפּעס א מענטש, זיך דורכשמועסן אביסל, דאַן איז אין מאָזעסוויל קיין שום פריוואַטער אדרעס נישט נויטיג. פאַראַן איין אדרעס, וואָס דינט אַלס מקום־מקלט פאַרן גאַנצן גייס־טיקן לעבן פון דער מאָזעסווילער עדה.

דאָס איז דער קולטור־פאַריין „קדימה״, זוכן דעם „קדימה״־פאַריין דאַרף מען ניט. דער בנין, וואָס געפינט זיך אין סאַמע שטאָט־צענטער, צייכנט זיך אוים מיט זיין שיינעם אויסזען. דער בנין איז נישט מאָנומענטאַל, סך־הכּל איין שטאָק, אָבער גענוג גרויס פאַר מאָזעסוויל: דאָרט האָט איר א גרויסן זאַל פאַר פאָרלעזונגען און טעאַטער־פאָרשטעלונגען, א ביבליאָטעק, ווי אויך א ריי זאַלן אויף זיצונגען, קלוב־אָוונטן א. ד. גל.

דער בנין איז געווען הכּל־באַלויכטן. עס איז דאָרט פאָרגעקו־מען א קינאָ־פאָרשטעלונג. היות פון דער קולטור־ארבעט קען „קדי־מה״ נישט דעקן איר בודזשעט און קודם־כּל די גרויסע הוצאות, מיט וועלכע עס איז געווען פאַרבונדן דאָס בויען דעם דאָזיקן רעפּרע־זענטאַנץ־בנין, מוז דער טעאַטער־זאַל פאַרדונגען ווערן אויף א קינאָ. ליידער, איז די צאָל קולטור־אימפּרעזעס אין דעם בנין נישט קיין איבעריק גרויסע. ווער איז דערין שולדיק?

שולדיקע זענען דערין פאַראַן א סך, אָבער אמווייניקסטן זענען שולדיק די אָנפירער פון דער אינסטיטוציע גופא. דאָס איז יערנ־

פאַלס געווען דער ערשטער איינדרוק פון מיין באזוך אין ,,קדימה‘‘.

,,קדימה‘‘ האָט שוין הינטער זיך קנאפע דרייסיק יאָר ארבעט. די מענטשן, וואָס שטייען בראש, זענען דורכגעדרונגען מיטן בעסטן ווילן און שטרעבונג, אז מאַזעסוויל זאָל נישט פארלירן זיין בכורה אין דעם אַרגענטינער יידישן ישוב. די טעטיקייט פון דער ,,קדימה‘‘ איז דאָך געווען דער יסוד, אויף וועלכן עס האָט זיך געשטיצט דער ערנפולער ביינאָמען פון ירושלים ד׳ארגענטינע.

דאָס יידישע מאָזעסוויל לעבט היינט איבער א קריזיס. נישט ווייל די באפעלקערונג ווערט אסימילירט, נאָר ווייל זי ווערט קאָמער־ציאַליזירט. מאָזעסוויל געהער־ט צו די פעסטונגען פון נאַציאָנאַלער יידישער ארבעט אין אַרגענטינע. דער היינטיקער קריזיס איז, לאָ־מיר האָפן, נישט מער, ווי אן איבערגאַנגס־צייט, וואָס טרעפט אין יעדער באַוועגונג, אין יעדער קולטור־ארבעט.

עס הערשט עפעס א מין אומפארשטענדלעכע אפאטיע אין דעם שטעטל, וואָס איז היינט געוואָרן מער האַנדלס־מעסיק, ווי קול־טור־טעטיק.

עס האָט מיך באמת פארשאפט פארגעניגן צו זען די צאָלרייכע גאַלעריע פאָרטרעטן פון יידישע שרייבער און קינסטלער, וואָס באַ־צירן די ווענט פון גרויסן, ליכטיק באַלויכטענעם לייען־זאַל אין ,,קדימה‘‘. עס האָט מיר אָבער נאָרנישט פארשאַפט קיין פארגעניגן, ווען איך האָב זיך באקענט מיט די ציפערן וועגן דער צאָל ביכער־לייענער בכלל און וועגן דעם פראָצענט לייענער פון יידישע ביכער...

אין אן אנדער אַרגענטינער שטאָט וואָלט וועגן דעם נישט גע־לוינט צו רעדן, אין ירושלים ד׳ארגענטינע אָבער איז עס געווען א גענוגנדע סיבה פאַר אנטוישונגען.

מאָזעסוויל האָט, למשל, נישט קיין לאָקאַלע יידישע צייטשריפט. געווען אמאָל די ,,טריבונע‘‘, שפעטער ,,דאָס מאָזעסווילער לעבן‘‘; געווען אויך א שפאַנישער זשורנאַל ,,על אלבא‘‘, וואָס האָט געמוזט צונעבן א ביילאַגע אין יידיש, ווייל אנדערש איז געווען שווער צו קאָנקורירן מיט דער יידישער צייטשריפט. היינט האָט מאָזעסוויל

# מאָזעסוויל




די באַן־סטאַציע



באַראָן
הירש־
גאַס



פאָלקס־
הויז
„קדימה"



שטאָטי־
שער
פאַרק

קיין שום יידישע צייטשריפט נישט. דערביי קאָן מען אבסאָלוט נישט זאָגן, אַז דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן איז אין מאָזעסוויל נישט אַנטוויקלט, אַז עס פעלן דאָרט „סאָסיעראַדס״, מיט פּאַרטייען, מיט גרופּן, מיט פּרעזידענטן און אָפּאָזיציעס.

אמת, מען האָט מיר אָנגעוויזן אויף דער מאָזעסווילער מוסטער־שולע פאַר יידישע קינדער „יהדות״, וואָס די מאָזעסווילער יידן באַטראַכטן אַלס זייער שטאָלץ. עס האָט מיך אָבער שטאַרק פאַרדראָסן, ווען איך האָב ביים באַזוכן דעם דאָרטיקן קאָאָפּעראַטיוו, איינע פון די שטאַרקסטע ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין יענער געגנט, באַקומען דעם געדרוקטן באַריכט בלויז אין שפּאַניש. כ׳האָב געפרעגט: פאַרוואָס דרוקט דער קאָאָפּעראַטיוו פון דער קלענערער און אָרעמערער קאָלאָניע נאַרסיס־לעווען יאָ באַריכטן אין יידיש, דאַקעגן דער גרויסער קאָלאָניסטן־צענטער אין מאָזעסוויל באַגנוגנט זיך בלויז מיט באַריכטן אין דער שפּאַנישער שפּראַך?

דער אויסרייד, אַז דער קאָאָפּעראַטיוו האָט אויך העכער פופציק מיטגלידער, קריסטלעכע קאָלאָניסטן, האָט מיך נישט איבערגעצייגט, ווייל אויך די 400 יידישע קאָלאָניסטן מיטגלידער אין אַ יידישן קאָאָפּעראַטיוו פון ירושלים ד׳אַרגענטינע פאַרדינען, אַז מען זאָל אָפּהיטן זייערע קולטור־רעכט, בפרט נאָך, אַז בראש פון קאָאָפּעראַטיוו שטייען דאָך היימישע ליטווישע פאָלקס־מענטשן.

אַמאָל האָט מען זיך געיחוסט דערמיט, אַז אַלץ אין מאָזעסוויל איז דורך יידן געשאַפן געוואָרן, דורך יידן געבויט און דורך יידן אָנגעפירט. אפילו דער פּאָליציי־שעף, די שטאָט־פּאַרוואַלטונג, פּאָסטבאַאַמטע, דער ריכטער א. ר. גל. אָבער דאָס איז געווען אַמאָל, היינט ענדערט זיך אַלץ, נישט, חלילה, צוליב אַנטיסעמיטישע אָדער ראַסן־מאָטיוון, נאָר עס ווערט שוין אַזוי געענדערט אויטאָמאַטיש.

עפּעס איז אין מאָזעסוויל נישט אין אָרדנונג. דעריבער מוז עס אַנטוישן.

• איינער פון די מאָזעסווילער פריינט, וואָס האָט מיך באַגלייט בשעת מיינע מאָזעסווילער שפּאַצירן, האָט געפּרוּווט פאַר מיר אַנט־

וויקלען א גאנצע טעאָריע וועגן דער ירידה פון מאָזעסוויל אלס דעם צענטער פון גייסטיקן יידישן לעבן.

אָט זענען די הויפּט־טעזן פון זיין ארגומענטירונג:

— מען האָט אונזער שטעטל צו שטארק פונאנדערגעקלאַמירט איבער דער גרויסער וועלט, און דעריבער, אז א גאסט פון אויסלאנד קומט אהער, ווערט ער אנטוישט, נישט בלויז מיטן אויסזען פון מאָזעסוויל, נאָר טאקע אויך מיטן גייסטיקן אינהאלט. אמאָל איז די לאגע געווען אן אנדערע. דאַן, ווען דאָס גאנצע יידישע לעבן פון ארגענטינע האָט זיך נאָך געפונען אין די וויקעלעך, דער ישוב אין בועגאָס־איירעס גופא איז נאָך געווען זייער קליין און דער אויסזען פון דער מערהייט ארגענטינער שטעט איז נאָך געווען פרימיטיוו, האָט מאָזעסוויל געקענט שפּילן די ראָל פון א גייסטיקן טאָן־געבער פון דעם זיך ניי־בויענדיקן ישוב. אָבער היינט האָט זיך אלץ געענדערט. דער ישוב איז זיך גוואַלטיק פונאנדערגעוואקסן. די צאָל יידן איז פארטאָפּלט און פארדרייפאכט געוואָרן. די ארגענטינער שטעט זענען פונאנדערגעבוימט און מאָדערניזירט געוואָרן. פיל פון די גייסטיקע בויער פון ישוב, וואָס האָבן געוווינט אין מאָזעסוויל, זענען אויך געשטאָרבן אָדער אוועק אין די גרויסע שטעט. קיין נייע כוחות קומען נישט צו, ממילא האָט מאָזעסוויל געמוזט פארלירן דעם פריערדיקן כאראקטער. עס איז געבליבן א קאָלאָניסטיש שטעטל מיט א שיינער פארגאנגענהייט, און הלוואי זאָל איך ליגעו זאָגן, אָן א צוקונפט. נאָכמער, עס האָט שוין לאנג פארלוירן דעם ריין־יידישן כאראקטער. מאָזעסוויל איז געווען אויב נישט קיין הונדערט־פּראָצענטיקע יידישע שטאָט, איז אלענפאלס א 99־פּראָצענטיקע. עס איז געווען יידיש און דערביי אויך פאָלקסטימלעך. דערפון נעמט זיך עס, אז ווען עס איז אהערגעקומען ה. ד. נאָמבערג אָדער פּרץ הירשביין, זענען זיי אזוי אנטציקט געווען פון מאָזעסוויל. זיי האָבן דאָ געפונען א המשך פון דעם יידישן פאָלקס־לעבן, וואָס מיר האָבן אהערגעבראכט פון דער אלטער היים. היינט ענדערט זיך אלץ אין א גאנץ שנעלן טעמפּאָ. פיל שנעלער, ווי מען האָט עס געקענט דער־

וואַרטן. די צאָל איינוואוינער פון מאָזעסוויל איז ביים היינטיקן טאָג צו שאַצן אויף אַן ערך 3 טויזנט נפשות, דערפון זענען אַן ערך 10 פּראָצענט — קריסטן. אויך מיט די יידישע קאָלאָניעס איז די לאַגע נישט בעסער. ווער עס האָט אָפּגעצאָלט זיינע חובות דער יק"א און איז שוין דער באַלעבאָס פון זיין ערד, פאַרקויפט עס, אויב עס מאַכט זיך דערצו אַ געהעריקע געלעגנהייט. אין אונזער געגנט באַזעצן זיך ס'רוב איטאַליענער און דעריבער קורסירט דאָ אַ ווערטל, אַז אויב עס וועט אַזוי גיין ווייטער, וועט „ירושלים ד'אַרגענטינע" פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ „רוים־ד'ארגענטינע"...

מיין מאָזעסווילער פריינט איז זייער פּעסימיסטיש געשטימט. אפשר האָט ער אַביסל איבערגעטריבן. דאָס טרעפט אָפט ביי מענטשן, וואָס קעמפן פאַר אַ געוויסער אידעע און טרעפן אַ כסדר שטיינער אויפן וועג. אַזעלכע מענטשן פאַלן אָפט אריין אין אַ יאוש און ווערן נאָר ביטערע פעסימיסטן.

געדעכט איז נאָר מיין פריינט ווען ער זאָגט, אַז מען טאָר נישט פאָדערן פון מאָזעסוויל צו פיל, אַ סך מער ווי מען פאָדערט פון אנדערע קאָלאָניסטישע שטעטלעך אין דער אַרגענטינער פּראָווינץ. אָבער דער אַרגענטינער יידישער ישוב נויטיקט זיך שטאַרק אין אַ גייסטיקן צענטער, וואָס זאָל אַנטוויקלען דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין פון דעם יונגן ישוב, העלפן אים פונאַנדערבויען. אַלס אַ שטיץ־פונקט פאַר די מאַסן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די שטעט, פונקט ווי פאַר די פּיאָנערן פון דער יידישער ערד־אַרבעט.

ירושלים ד'ארגענטינע דאַרף צוריק אויפלעבן און אַקטיוויזירן אַלע שעפערישע כוחות פון דעם אַרגענטינער ישוב.

# במקום אַ נאָכוואָרט

מיינע רייזע־שילדערונגען פון די ארגענטינער יידישע קאָלאָניעס זענען געענדיקט.

איך האָב זיך באַמיט צו געבן אַן אַלגעמיין בילד פון יעדן צענטר באַזונדער, שילדערנדיק דאָס לעבן און די אַרבעט, סיי אין דעם דאָרף גופא, סיי אין דעם קאָלאָניסטישן שטעטל, וואָס איז אַזוי ענג פאַרבונדן מיט דער קאָלאָניע.

איך האָב געפירט דעם לייענער דורך די יידישע קאָלאָניעס, אָנהויבנדיק פון דעם אָרט, וווּ עס איז אַנטשטאַנען די ערשטע יידישע אָרגאַניזירטע קאָלאָניע און ענדיקנדיק מיט דער נאָר יינגסטער קאָלאָניע „אביגדור", וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דער לעצטער צייט. איך האָב געפירט דעם לייענער דורך די יק"א־קאָלאָניעס פונקט ווי דורך די קאָלאָניעס, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן דורך דער פריוואַטער איניציאַטיוו, אָן שום הילף מצד געזעלשאַפטלעכע פאַקטאָרן. אויף אַזאַ אופן האָב איך געמאַכט אַ פּרוּוו צו געבן אַ גענוי בילד פון די הויפּט־ישובים פון דער ארגענטינער יידישער קאָלאָניזאַציע, הגם יידישע קאָלאָניעס און בפרט יחידים־קאָלאָניסטן זענען פאַראַן אויך אין אַנדערע פונקטן פון לאַנד, וווּ זיי זענען צו־גויפגעמישט מיט די קריסטלעכע קאָלאָניסטן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך שוין גוט צוזאַמענגעלעבט און אַסימילירט.

שרייבנדיק וועגן דעם קאָלאָניסטישן לעבן, וועגן זייערע ליידן און פריידן, וועגן זייער שווערן קאַמף מיט דער גרויזאַמקייט און קאַפּריזן פון דער נאַטור און גלייכצייטיק וועגן זייער שעפערישער בויאונגס־אַרבעט פון נייע פאָרמען און נייע ווערטן אין דעם יידישן לעבן, האָב איך געפרוּווט בולט צו מאַכן דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון די פאַרשיידנאַרטיקסטע פּראָבלעמען, מיט וועלכע די יידישע קאָלאָניזאַציע איז פאַרבונדן.

איצט, נאָכן פאַרענדיקן די דאָזיקע סעריע רייזע־שילדערונגען, וויל איך דעריבער מאכן א קורצן סך־הכּל פון דעם אַלעם, וואָס איך האָב געזען, געהערט און געפילט בעת מיינע באַזוכן אין די אַרגענטינער יידישע קאָלאָניעס.

איך האָב מיך באַמיט (ווי ווייט עס איז מיר געווען מעגלעך) צו געבן א פולשטענדיק אָביעקטיוו בילד פון דער לאַגע פון די יידישע קאָלאָניעס, אונטערשטרייכנדיק די פּאָזיטיווע מאָמענטן, פונקט ווי די נעגאַטיווע.

מיר לעבן דאָך אין צייטן, ווען דאָס פּראָבלעם פון עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע זענען אַרויסגערוקט געוואָרן אויפן אויבן־אָן פון דעם יידישן לעבן און ביים באַהאַנדלען די קאָלאָניזאַציע־פראַגן אין ברייטן מאַסשטאַב, ווערט אַרגענטינע — נעבן ארץ־ישראל — שטענדיק גענומען אַלס פאַרגלייך פון אַלערליי מעגלעכקייטן.

אַרגענטינע — אפשר נאָכמער ווי ארץ־ישראל. נישט בלויז דערפאַר, וואָס די אַרגענטינער קאָלאָניזאַציע איז עלטער פון דער ארץ־ישראלדיקער חלוצישער קאָלאָניזאַציע, נאָר קודם־כּל דערפאַר, וואָס ארץ־ישראל איז דאָך ענג פאַרבונדן מיט דער אידעע פון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, מיט דער אידעע פון אַן אייגענער מלוכה אין אייגענעם לאַנד.

אין דעם גרויסן טומל פון די אידעענלאָזע טעריטאָריע־זוכעניש, בכדי צו שטילן די אַלערליי בלאָפערישע עמיגראַציאָניסטישע פּלענער, מוזן די דערפאַרונגען אין אַרגענטינע שטענדיק גענומען ווערן אַלס א מוסטער פאַר אַלע באַהאַנדלונגען, דען אויב מען רעדט היינט וועגן עמיגראַציע, מוז מען שטענדיק האָבן אין זינען די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע.

היות דער ענין איז טאַקע אַזוי ערנסט, מוז מען אים באַהאַנדלען מיט דער גאַנצער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. מען מוז אפילו איבערטרייבן אין דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אויב מען וויל קיינעם נישט אַריינפירן אין קיין טעות.

איך שטעל מיך אָפּ דערויף אויספירלעכער, בכדי נאָכאַמאָל

צו נעבן אַן ענטפער די אַלע לייענער, וועלכע האָבן מיך געפרעגט עצות, צי זיי זאָלן זיך באַזעצן אין די אַרגענטינער יידישע קאָלאָניעס. איך האָב קיינעם נישט געענטפערט, אַז ער זאָל יאָ פאָרן, הגם איך האָב אויך קיינעם נישט געזאָגט, אַז ער זאָל נישט פאָרן, בפרט די יעניקע, וואָס האָבן אַ פּראַקטישע מעגלעכקייט צו זיין לאַנדווירטן אין אַרגענטינע. איך האָב דאָס געטון מיטן פולסטן געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן גורל פון יעדן יחיד, וואָס האָט געוואָלט מיין עצה.

עס איז גאָר מיר קלאָר, אַז אַזעלכע מיני תשובות האָבן די פאַראינטערעסירטע מענטשן אַבסאָלוט נישט צופרידנגעשטעלט. איך האָב מיך אָבער געשטיצט אויף די דירעקטע אָבסערוואַציעס ביי די קאָלאָניסטן גופא. טאַקע צווישן די קאָלאָניסטן, וואָס איך האָב באַגעגנט, זענען געווען פיל, וואָס זענען אַזוי שטאַרק צופרידן מיט זייער גורל, אַז פאַר קיין שום פּרייז וואָלטן זיי נישט פאַרלאָזט די מאַמע־ערד און זייער איינציקע שטרעבונג איז נאָר, אַז אויך די קינדער זייערע זאָלן פאַרבלייבן קאָלאָניסטן. אין דער זעלבער סביבה פלעג איך אָבער אויך באַגעגנען אומצופרידענע קאָלאָניסטן, וואָס וואָלטן גערן פאַרלאָזט דעם באָרן און אוועק אין שטאָט אַריין, כדי זיך צו נעמען צו אַ וועלכער עס איז אַרבעט, אַבי נישט צו זיין קיין שקלאַף פון דער נאַטור...

עס שטערט גאָרנישט, וואָס דער פּראָצענט פון די אומצופרידענע איז לפי־ערך אַ קליינער, אָבער פאַר די געגנער פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע איז עס אַ גענוגנדער מאָטיוו, כדי צו שרייען, אַז די יידישע קאָלאָניזאַציע האָט באַנקראָטירט, און אַז מען זאָל אָפּשרעקן מענטשן זיך ווייטער צו באַזעצן אויפן לאַנד. היות די פראַגע פון צופרידנהייט מיטן לעבן אין דאָרף איז אָפּטמאָל אָפּהענגיק פון צופעליקייטן אָדער פשוט פון אַ ביסעלע מזל, איז שווער צו געבן „זיבערע עצות" מענטשן, וועלכע זוכן אַ מעגלעכקייט צו שאַפן זיך אַ ניי און בעסער לעבן.

איך וויל דאָ אונטערשטרייכן נאָך אַמאָל דאָס, אויף וואָס עס איז מיר שוין אויסגעקומען אָנצווייזן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען:

דער וואַנדלונגס־פּראָצעס אין דער לאַנדווירטשאַפט גייט נישט בלויז פון דאָרף אין שטאָט אַריין, נאָר עס דערשיינט לעצטנס אויך אין אַ היפּוכדיקער ריכטונג, ד. ה. פון שטאָט צוריק אין דאָרף אַריין. דאָס איז, איבעריקנס, אַ דערשיינונג, וואָס מיר אָבסערווירן נישט בלויז ביי די יידישע קאָלאָניסטן, נאָר אויך ביי די קריסטלעכע.

דער אונטערשייד איז נאָר דער, אַז ווען אַ קריסט פאַרלאָזט די קאָלאָניע און באַזעצט זיך אין שטאָט, גייט עס דורך אומבאַמערקט, אַלס אַ נאָרמאַלע דערשיינונג, דען זיין אָרט פאַרנעמט אַן אַנדער קריסטלעכער קאָלאָניסט און דער גאַנצער ענין ווערט דערלידיקט אויף אַ נאָרמאַלן אופן. אפילו ווען אַ ייד קומט אויפן אָרט פון, דעם קריסטלעכן קאָלאָניסט, גייט עס דורך אומבאַמערקט אפשר דערפאַר, וואָס דאָס איז סוף־כל־סוף אַ גאַנץ זעלטענע דערשיינונג, וואָס האָט נישט קיין שום גרעסערע באַדייטונג און טראָגט אַ ריין־קאָמערציעלן כאַראַקטער.

אַנדערש איז אָבער, ווען אַ יידישער קאָלאָניסט אין אַ יידישער קאָלאָניע פאַרלאָזט זיין באָדן און אויף זיין אָרט קומט אַ נישט־ייד, שפּעטער אַ צווייטער, אַ דריטער און עס גייט אַזוי ווייטער און ווייטער — דאָס לאָזט זיך גלייך שטאַרק פילן אַלס בולטער באַווייז פון דער פאַרקלענערונג פון דעם באָדן־באַזיץ אין די יידישע קאָלאָניעס.

אויף אַזאַ אופן זענען דאָך אין משך פון יאָרן „אַנטיידישט'' געוואָרן אַזעלכע הונדערט־פּראָצענטיקע יידישע קאָלאָניעס, ווי מאָריסיאָ און מאָזעסוויל. וואָס אָן אמת איז עס געשען אויף אַ ריין־קאָמערציעלן וועג, אָן שום צוואַנג פון אַ וועלכן עס איז צד, אָן שום פּאָליטישע טענדענצן, אָן שום עקסטערמינאַציע־שטרעבונגען אָדער אַנטיסעמיטישע לאָזונגען.

אַ פאַקט איז אָבער, אַז עס געשעט אַזוי, און מענטשן, וואָס שטייען אויף דער וואַך פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע, נאָמירן עס

אַלס אַ טרויעריקע דערשיינונג און אַלאַרמירן וועגן דעם די עפנטלעכקייט.

צום באַדויערן מוז מען פעסטשטעלן, אַז די יידישע באַפעלקערונג אין די גרויסע אַרגענטינער שטעט ווייזט אַרויס גאָר אַ קנאַפּע פאַרשטענדניש פאַר די קאָלאָניסטן, וועלכע זענען אָפטמאָל אויסגעשטעלט אויף דער מאָראַלישער און מאַטעריעלער הילף פון די שטעט. דערבּיי איז אינטערעסאַנט, אַז ווען מען פירט דורך אין לאַנד אַ געלט־זאַמלוני, אַלץ־איינס, צי דאָס זענען פאַר די אינסטיטוציעס אין לאַנד גופא, אָדער פאַר די געראָפּטע ברידער אין דער אַלטער היים, זענען די קאָלאָניסטן שטענדיק די ערשטע באַשטייערטע לטובה אַלע „קאַמפּיינען״. זיי טיילן זיך אָפטמאָל מיטן לעצטן פעזע, אָדער באָרגן אַ גמילות־חסד ביי אַ שכן אָדער אין קאָאָפּעראַטיוו, כדי זיך טיטצובּאַשטייערן לטובת דער דורכגעפירטער אַקציע. ווען ס'געשעט אָבער אַן אומגליק אין דאָרף און די קאָלאָניסטן אַליין דאַרפן האָבן הילף, מוז מען וואַרטן ביז די רעגירונג וועט אַרויסגעבן אויפרופן און די מיניסטאָרן, גובערנאַטאָרן, אָדער אַנדערע הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן וועלן זיך אַליין ווענדן צו די אָרגאַניזאַציעס און יחידים, בכדי ערשט דאַן זאָל זיך אין שטאָט עפּעס אַ ריר טון. אַזוי איז עס דאָך געווען בעת דער שרעקלעכער טריקעניש אין טשאַקאָ (אין יאָר 1937).

וויל זען געפינען אַ באַווייז פון דער גלייכגילטיקער באַציונג, אויף וועלכער עס טרעפט אָן ביי דער אַרגענטינער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט פון די שטעט דאָס פּראָבּלעם פון פאַרשטאַרקן די יידישע קאָלאָניזאַציע, דאַן איז גענוג, ווען מען וועט זען אויף וויפל שוועריקייטן עס טרעפט אָן דאָס רעאַליזירן דעם גרויסן און זייער וויכטיקן פּלאַן פון אינזש. מיגועל סאַכאַראָוו, צו גרינדן אַ יידישע אַגראַר־באַנק, וואָס זאָל פון איין זייט ערטיילן קרעדיטן די יידישע קאָלאָניסטן אין די איבערגאַנגס־צייטן פון קריזיס און פון דער אַנדערער זייט זאָל די באַנק נישט דערלאָזן, אַז עס זאָלן אַריבערגיין אין פרעמדע הענט פעלדער פון יידישע קאָלאָניסטן, וואָס ווערן

(פונקט ווי די נישט־יידישע פעלדער) אַרויסגעשטעלט אויף ליציטאַציע צוליבן נישט באַצאָלן די היפּאָטעק־חובות אין דער מלוכה־באַנק אָדער פּריוואַטע בענק.

פאַראַן נאָך אַ פּראָבלעם, וואָס איז שרעקלעך פאַרפּלאָנטערט און צו וועלכן עס איז אַ מורא זיך צוצורירן.

דאָס דאָזיקע פּראָבלעם הייסט: יק״א.

פון איין זייט — גרויסע היסטאָרישע פאַרדינסטן אויפן ברייטען פאַרמעסט, בכדי צו לייזן די אָנגעווייטיקטסטע פּראָבלעמען פון דעם שווערן גלות־לעבן אין די לעצטע יאָרצענדליק פון פאַריקן יאָרהונדערט און פון דער צווייטער זייט ווידער, אָן אַ סוף פעלערן, וואָס האָבן גורם געווען, אַז אַ גרויס נאַציאָנאַל־יידיש פאַרמעגן, וואָס באַראָן הירש האָט איבערגעלאָזט, אַ פאַרמעגן, וואָס לאָזט זיך גאָרנישט אָפּשאַצן, איז געגאַנגען לאיבוד צוליב דער שולד פון ביוראָקראַטישע אַרבעטס־מעטאָדן פון באַאַמטע, וועלכע זענען נישט געווען דערוואַקסן צו די גרויסע אויפגאַבן, וואָס די פונדאַציע פון באַראָן הירש האָט פאַר זיי געשטעלט.

ווער קען עס היינט וויסן, צו וואָס פאַראַ וווּנדערבאַרער טרגנה די יידישע קאָלאָניזאַציע וואָלט זיך דערהויבן, און ווי פּרעכטיק עס וואָלט אויסגעוואַקסן דאָס יידישע דאָרפס־לעבן, ווען בראש פון יק״א וואָלטן פון סאַמע אָנהייב אָן פון איר טעטיקייט אַוועקגעשטעלט געוואָרן מענטשן מיט אַ געפיל פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, מיט ליבע צום יידישן פאָלקס־לעבן און נישט סתם באַאַמטע, וואָס האָבן דעם מזרח־אייראָפּעישן יידישן קאָלאָניסט, דעם „אָסט־יודע״, באַהאַנדלט ווי עפּעס אַ מינדערווערטיקע ראַסע...

נעווים קען די דאָזיקע באַשולדיקונג נישט זיין איינזייטיק בלויז בנוגע דער יק״א. ליידער האָבן זיך אויך צווישן קאָלאָניסטן געפונען אַזעלכע עלעמענטן, וועלכע זענען נישט געווען ראוי צום נייעם שטייגער־לעבן. דאָס זענען געווען יחידים, וואָס האָבן דעם גאַנצן קאָלאָניזאַציע־ענין געוואָלט אויסנוצן פאַר זייערע פּערזענלעכע אינטערעסן, זיי האָבן עס באַטראַכט אַלס זייערס אַ פּריוואַטן

ענין און נישט אלס כלל־ענין. דאס האט אויך נישט ווייניק מיטגעווירקט, אז דער גרויסער קאָלאָניזאַציע־בנין זאָל באַצייטנס צעשטערט ווערן, אז עס זאָל נעהאַמעוועט ווערן די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די יידישע קאָלאָניעס. האט עס זיך געלוינט, איז מען געבליבן אין דאָרף, האט עס נישט געלוינט, איז מען אוועק אין שטאָט אריין.

אין מיינע נאָטיצן פון דער רייזע האָב איך געפונען פאַרנאָטירט די כאַראַקטעריסטישע ווערטער, וואָס די אַלטיטשקע פרוי דיניעץ האט מיר געזאָגט, בעת מיין באַזוך ביי איר אין דער קאָלאָניע מאוריסיאָ:

— געווים איז די „יעקע" (אזוי רופן די אַלטע קאָלאָניסטן די יק"א) א סך שולדיק, וואָס מיר זענען אזוי ווייניק יידישע קאָלאָניסטן, אָבער די יעניקע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן געוואָלט פאַרבלייבן אין די קאָלאָניעס, האָבן זיך נישט נעשראָקן פאַר קיין שום יק"א־באַאמטע און פאַר קיין שום יק"א־פּאָליטיק, נאָר זיי זענען טאַקע פאַרבליבן... די קאָלאָניסטן, וואָס האָבן געוואָלט, אז זייערע קינדער זאָלן אויך בלייבן קאָלאָניסטן, האָבן זיי גלייך צו דער ערד־אַרבעט צוגעוווינט און אַלס קאָלאָניסטן דערצויגן...

קאָלאָניסטישע קינדער, די קאָלאָניסטישע יונגט! ווידער א פּראָבלעם, וואָס פאַרדינט אַן אַלזייטיקע און גענויע באַהאַנדלונג. דאָס איז אַן ענין נישט קיין נייער, עס ציט זיך פון סאַמע אָנהויב אָן, זינט די יידישע קאָלאָניזאַציע איז באַשאַפן געוואָרן.

די קאָלאָניסטן, וואָס זענען געקומען מיט קינדער קיין ארגענטינע, האָבן גלייך ווי די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן געפאָדערט, אז מען זאָל די קינדער קאָלאָניזירן אויף באַזונדערע פעלדער. די יק"א האט אין יענע צייטן געהאַט א פּרינציפּ, אז מען זאָל ברענגען וואָס מער קאָלאָניסטן פון אייראָפּע און נישט זאָרגן פאַר די קינדער פון די קאָלאָניסטן, וואָס זענען שוין אַקלימאַטיזירט אין לאַנד. יק"א האט נישט געוואָלט פאַרזאָרגן די קאָלאָניסטישע קינדער, און ווען מען האט שוין געהאַט געבראָכן דעם פּרינציפּ און

נעגעבן די קינדער באַזונדערע פעלדער, האָט מען עס אָבער נישט געוואָלט ערטיילן נעבן דעם פעלד פון די עלטערן, בכדי עס זאָלן נישט געשאַפן ווערן קיין גרויסע פאַמיליען־גיטער. דערביי איז אָבער איינגעהאַלטן געוואָרן דער גערעכטער פּרינציפּ, אַז מיט די עלטערן מיז בלייבן מינדעסטנס איין זון, וואָס זאָל אַרבעטן אין פעלד, בכדי נישט צו דינגען קיין פרעמדע אַרבעטער, ווייל דורכדעם וואָלטן די קאָלאָניסטן געוואָרן עקספּלואַטאַטאָרן פון פרעמדער, זייער ביליקער אַרבעט.

געווען אַ סך קאָלאָניסטן, וואָס האָבן סתם געזוכט פאַר זייערע קינדער אַן אַנדער שטייגער־לעבן און זיי געשיקט אין די שטעט שטודירן. איין קאָלאָניסט האָט זיך פאַרקוקט אויפן אַנדערן און אַזוי פלעגט עס כסדר גיין.

היינט האָט זיך אַ סך געענדערט. עס לאָזט זיך באַמערקן אַ געוויסער צוריקגאַנג פון שטאָט אין דאָרף אַריין. די אַלגעמיינע פּאָליטישע לאַגע אין דער וועלט, די זייער אָפטע קריזיסן אין דער שטאָט, דער איבערפלוס פון אינטעליגענץ, וואָס האָט דערפירט, אַז נאָר אַ קליינער פּראָצענט קאָן זיך היינט גוט איינאָרדנען אין די שטעט, האָט דערצו אַ סך מיטגעווירקט.

אַזעלכע און ענלעכע פּראָבלעמען קען מען אויסרעכנען אַ גאַנצע ריי. יעדעס מאָל שווימען אַרויס אַנדערע פראַגן. זיי זענען אָפטמאָל פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער לאַגע אין לאַנד און אַפילו אין דער גרויסער וועלט.

דאָס זוכן אָבער כסדר סיבות, בכדי אויפצוקלערן, פאַרוואָס די יידישע קאָלאָניזאַציע איז זיך נישט פונאַנדערגעוואַקסן, וועט צו קיין רעזולטאַט נישט ברענגען. זיי זענען נישט שטענדיק ספּעציפיש־יידישע סיבות. ענלעכע דערשיינונגען, אָפטמאָל אין אַ גרעסערער מאָס, קען מען אויך אָבסערווירן אין די קאָלאָניזאַציע־פּאַרטעסטונגען פון אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן זיך באַזעצט אויפן אַרגענטינער באָדן.

LOGAN

יערער, וואס באזוכט די ארגענטינער יידישע קאלאניעס, איז אנטציקט מיט זייער ווירטשאפטס־סיסטעם. נישט נאר סתם־באזוכער, נאר טאקע אויך די פאכמענער־עקספערטן און אנפירער פון דער ארגענטינישער לאנדווירטשאפט רימען אין זייערע אפיציעלע און פריוואטע דערקלערונגען די דערגרייכונגען פון דער יידישער קאלאניזאציע.

מען קען זיך חקרנען און פלפולן, צי מען האט געקענט אויפטון מער אדער נישט, אבער דאך קאן קיינער נישט לייקענען די גרויסע אויפטוען פון די יידישע קאלאניסטן און די היסטארישע מיסיע, וואס זיי האבן דערפילט אין יידישן לעבן, באווייזנדיק, אז יידן זענען פעיק צו ערד־ארבעט אין דעם בעסטן זין פון דער דאזיקער באצייכנונג.

מיט זייער אייגענער שווערער ארבעט, מיט זייער שווייס און בלוט, מיט א סך קרבנות פון זייערע נאנטסטע האבן זיי ארויסגעריסן די ווילדע ארגענטינער סטעפעס פון דער פרימיטיווער נאטור און זיי פארוואנדלט אין א פרוכטבארן, בליענדן באדן.

MAR 14 '1

CHICAGO PUBLIC LIBRARY
DEPOSIT
COLLECTION

# אינהאלט:

זייט

50 יאר יידישע קאלאניזאציע — 7
שקלאפן פון דער נאטור — 15
גאט, גאט, גיב א רעגן! — 23
יידן באארבעטן די ערד — 31
דער ערשטער ארויספאר — 41
ביים וויגעלע פון דער יידישער קאלאניזאציע — 49
רייכע און אריכע — 63
אין דער באמבא — 71
א טאג אין דער קאלאניע — 79
יידישע אגראריקאאפעראציע — 87
קאלאניסטישע שטעטלער — 99
דיווערא — 109
רעוואלוציאנערן — 117
אויף די זאמדבערג פון מעדאנאס — 125
צווישן טייכן — 135
היישעריקן — 145
די פיאנערן פון אביגדור — 157
ירושלים ד'ארגענטינע — 173
במקום א נאכווארט — 189

BROADWAY
BHAP21 1 4773 47
683781
19.

CHICAGO PUBLIC LIBRARY

DEPOSIT COLLECTION

Book No. Yid 918.2

Copy No. T8o

cop. 3

Keep your card in this pocket.

Loss of Card does not release you from liability for books taken out on it.

Extracts From City Ordinance

SEC. 1162. Any person who shall willfully or maliciously cut, write upon, injure, deface, tear or destroy any Book, Newspaper, Plate, Picture, Engraving, or other thing of value belonging to the Chicago Public Library, or any of its branches, shall be fined not less than $5.00, nor more than $50.00 for every such offense.



מ. טורקאוו

אויף יידישע פעלדער